STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06429

RUSLAND

Nikolai Vasilevich Gogol

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-06429-7

D:\YIDDISH\Titles\9780657064297T.PS

ג. וו. גאָגאָל

רוסלאַנד

יודיש: א. צימערמאַן און ד. שיינבערג

This book once owned by a South African reader, has been preserved by the
Cape Town Yiddish Cultural Federation
and returned to circulation by the
National Yiddish Book Centre
of South Hadley, Mass. U.S.A.
May it thus inspire us to keep alight the flame of Jewish life and learning.

פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב

1925 וואַרשע

איבערדרוקן אָן די דערלויבניש
פון פארלאג פארבאָטן

K. W. Gogo
Rosja
Warszawa—1925

Wydawnictwo
SZ. GOLDFARB
Dzika 31.

Druk. Priment, Sierakowska 4

אינהאלט:

א סכסוך — — —	1—96
דער שינעל — —	97—152
די שרעקלעכע נקמה — —	153—240

א סכסוך

קאַפּיטל איינס

איוואַן איוואַנאָוויטש און איוואַן ניקיפאָראָוויטש.

אַ טייערע בעקעשע האָט איוואַן איוואַנאָוויטש! אַן אויסערגעווייבטלעכע! און וואָס פאַר אַ שמוישלעך! טפו, דו טייוול, וואָס פאַר אַ שמוישלעך! בלוילעכע, געפרעסטלטע! איך לייג איין, גאָט ווייסט וואָס, אויב נאָך עמעץ פאַרמאָגט אַזעלכע! אים גאָטס ווילן, כאַפּט נאָר אַ בליק אויף זיי, — באַזונדערס, בשעת ער שטעלט זיך אָפּ מיט עמעצן רעדן. כאַפּט אַ בליק פון אַ זייט, — אַ תענוג אַ קוק צו טון! נישט מעגלעך צו באַשרייבן: סאַמעט! זילבער! פייער! גאָט! גאָטעניו מייבער! הייליקער בעל-מופת ניקאָלאַי! פאַרוואָס האָב איך נישט אַזאַ בעקעשע! ער האָט זי זיך געמאַכט נאָך דאַמאָלס, איידער אַגאַפיאַ פיעדאָסעיעוונאַ איז קיין קיִעוו געפאָרן. איר קענט אַגאַפיאַ פיעדאָסעיעוונאַן? דאָס איז די זעלבע, וואָס האָט דעם לאַווניק אַן אויער אָפּגעביסן.

אַ הערלעכער מענטש איוואַן איוואַנאָוויטש! אַ וואָסער הויז ער האָט אין מירגאָראָד! אַרום דעם הויז פון אַלע זייטן אַ פאָדשעניע אויף דעמבענע סלופקעס און אונטער דער פאָדשעניע אַרום-און-אַרום בענק.

ווען ס'מאַכט זיך שטאַרק הייס, וואַרפט איוואַן איוואַנאָוויטש

אַראָפּ פון זיך די בעקעשע, די תחתונים, בלייבט אַליין אין איין העמד, לעגט זיך צו אונטער דער פּאָדשעניע און קוקט זיך אַרום, וואָס עס טוט זיך אויפן הויף און אויף דער גאַס. וואָסערע עפּל-און באַרן-ביימער זענען דאָ בײַ אים הינטער די סאַמע פענסטער! עפנט נאָר אַ פענסטער, און די צווייגן רייסן זיך אַליין אין שטוב אַריין. דאָס אַלץ איז פאַרן הויז; און ווען איר וואָלט אַ קוק געטון, וואָס ער האָט אין סאָד. און וואָס איז דאָרט נישטאָ? פלוימען, וויינשל, קערשן, אַלערליי גאָרטנוואַרג, רויזן, אוגערקעס, באַניעס, שויטן, אַפילו אַ שפּייכלער און אַ קוזשניע אויך.

אַ הערלעכער מענטש איוואַן איוואַנאָוויטש! ער האָט זייער ליב באַניעס, דאָס איז בײַ אים דאָס בעסטע מאכל. באַלד נאָכן מיטאָג, ווען ער גייט אַרויס אין איין העמד אונטער דער פּאָדשעניע, באַפעלט ער האַפקען תיכף צו ברענגען צוויי באַניעס, און ער אַליין צעשניידט זיי שוין, נעמט צונויף די קערעלעך אין אַ ספּעציעל פּאַפּירעלע און הייבט אָן עסן. דערנאָך הייסט ער האַפקען ברענגען טינט-און-פעדער, און ער אַליין, מיט זיין אייגענער האַנט, שרייבט אָן אויפן פּאַפּירל מיט די קערעלעך: „די דאָזיקע באַניע איז אויפגעגעסן געוואָרן די-און-די דאַטע“, אויב בשעת מעשה איז געווען עפּעס אַ גאַסט — „ס'האָט אָנטייל גענומען דער-און-דער“.

דער פאַרשטאָרבענער מירגאָראַדער סודיאַ האָט זיך שטענדיק געקוויקט, קוקנדיק אויף איוואַן איוואַנאָוויטשס הויז. יאָ, נישט קיין מיאוס הייזל. מיר געפעלט דאָס, וואָס צום הויז זענען פון אַלע זייטן צוגעשטעלט פעדערהייזער און פעדערהייזלעך, אַזוי, אַז אַ קוק טוענדיק פונדערווייטנס, זעט מען בלויז דעכער אָנגעזעצט איינס אויף דאָס אַנדערע, זייער ענלעך צו אַ טעלער פול מיט פּאָנטשקעס, אָדער, נאָך בעסער, צו שוואָמען, וואָס וואַקסן אָן אויף אַ בוים. אַגב, זענען אַלע דעכער געדעקט מיט סכך. א ווערבע, אַ דעמב און צוויי עפּל-ביימער האָבן זיך אָנגעלענט אויף זיי מיט זייערע פונאַנדערגע-

שפרייטע צווייגן. פון צווישן די ביימער פינטלען און קוקן אַפילו אויף דער גאַס אַרויס קליינטשיקע פענסטערלעך מיט געשניצטע, אויסגעווייסטע לעדנדלעך.

אַ הערלעכער מענטש איוואַן איוואַנאָוויטש! דער פּאָלטאַווער קאָמיסאַר קען אים אַפילו. דאָראָש טאַראַסאָוויטש פּוכיוואָטשקאַ טרעט באַ אים שטענדיק אָפּ, ווען ער פאָרט פון כאָראָל. און פאָטער פיאָטר, דער פּראָטאָפּאָפּ, וואָס וווינט אין קאָליבערדע, זאָגט שטענדיק, ווען ס'קומען זיך באַ אים צוזאַמען אַ מאַן פינף געסט, אַז ער האָט נישט געזען נאָך אַ מענטש, וואָס זאָל אַזוי אָפּהיטן דאָס קריסטלעכקייט און זאָל אַזוי קענען לעבן ווי איוואַן איוואַנאָוויטש.

גאָט מיינער, ווי עס לויפט די צייט! ס'איז שוין מער ווי צען יאָר, זינט ער איז אַן אַלמן געוואָרן. קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט. האַפּקע האָט קינדער און זיי לויפן אַרום אויפן הויף. איוואַן איוואַנאָוויטש גיט שטענדיק יעדן פון זיי אָדער אַ בייגל, אָדער אַ שטיקל באַניע, אָדער אַ באַרנע. די שליסלען פון זיינע קאַמערן און קעלערס טראָגט באַ זיך האַפּקע; דעם שליסל אָבער פון גרויסן קופערט, וואָס שטייט אין זיין שלאָף-חדר, און דעם שליסל פון דער מיטלסטער קאַמער האַלט איוואַן איוואַנאָוויטש באַ זיך און האָט זייער נישט ליב דאָרט אַריינצולאָזן. האַפּקע איז אַ פעסטע שיקסע, גייט אין האַלקעלע, מיט געזונטע לידקעס און געזונטע באַקן.

און וואָס פאַר אַ גאָטספאָרכטיקער מענטש איוואַן איוואַנאָוויטש איז! יעדן זונטיק טוט ער אָן די בעקעשע און גייט אין קלויסטער אַריין. אַריינקומענדיק, בוקט זיך איוואַן איוואַנאָוויטש אין אַלע זייטן, באַזעצט זיך געוויינטלעך אויפן באַלעמער און האַלט זייער פיין אונטער אויף זיין באַס. ווען די תפילה ענדיקט זיך, קען זיך איוואַן איוואַנאָוויטש נישט איינהאַלטן, און מוז אַרומגיין באַ אַלע אָרימע לייט. ער וואָלט זיך אפשר נישט געוואָלט פאַרנעמען מיט אַזאַ נוד-

בע אַרבעט, ווען זיין איינגעבוירענע גוטסקייט זאָל אים נישט וועקן דערצו.

— גוט מאָרגן, אָרים מענטש! — פּלעגט ער געוויינטלעך זאָגן, אויסזוכנדיק די צעהרגעטסטע קאָליקע אין אַ צעפליקט מלבוש, צוזאַמענגענייט פון סאַמע לאַטעס: — פון וואַנען ביסטו, אָרים מענטש?

— איך קום, פריץ-לעבן, פון פּאָלוואַרג: שוין דריי טעג נישט געגעסן, נישט געטרונקען, די אייגענע קינדער מיך אַרויסגעיאָגט.

— אָרימע נשמה, נעבעך! וואָס-זשע ביסטו אַהערגעקומען?

— אַזוי, פריץ-לעבן, אַ נדבה בעטן, אפשר וועט ווער געבן אויף אַ שטיקל ברויט.

— הם! וואָס-זשע, ווילסטו טאַקע ברויט? — פּלעגט געוויינט-לעך פרעגן איוואַן איוואַנאָוויטש.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט וועלן! הונגעריק ווי אַ הונט.

— הם! — פּלעגט געוויינטלעך איוואַן איוואַנאָוויטש ענט-פערן: — ווילסטו דאָך אוודאי פלייש אויך?

— אַלץ, וואָס אייער גוט האַרץ וועט שענקען, וועל איך אָנ-נעמען פאַר ליב.

— הם! פלייש איז דען בעסער ווי ברויט?

— ווי קען אַ הונגעריקער זיך אויסביטן. וואָס איר וועט שענקען, אַלץ איז גוט. — דערביי פּלעגט געוויינטלעך די אַלטע אויסשטרעקן אַ האַנט.

— נו, גיי דיר געזונטערהייט, — פּלעגט איוואַן איוואַנאָוויטש געוויינטלעך זאָגן: — וואָס-זשע שטייסטו נאָך? איך שלאָג דיך דען?

און אויף אַזאַ אופן אויספרעגנדיק אַ צווייטן, אַ דריטן, גייט ער ענדלעך אַהיים, אָדער טרעט אַפּ טון אַ טרונק בראָנפן בײַ זיין שכן איוואַן ניקיפאָראָוויטש, אָדער בײַם סודיע, אָדער בײַם נאַטשאַל-ניק.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זייער ליב, אַז ס'גיט אים עמעץ אַ געשאַנק, אָדער אַ מתנה... דאָס געפעלט אים זייער.

איוואַן ניקיפאָראָוויטש איז אויך זייער אַ פיינער מענטש. זיין הויף איז לעבן איוואַן איוואַנאָוויטשס. זיי זענען זיך אַזעלכע גוטע פריינט, וואָס די וועלט האָט עס נאָך נישט געהאַט. אַנטאָן פּראָקאָפּ־יעוויטש פופּאָפּוז, דער וואָס גייט נאָך היינט־צו־טאָג אין אַ ברוינעם סורדוט מיט בלאָס־בלויע אַרבל און מיטאָגט יעדן זונטיק באַם סודיאַ, פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז איוואַן ניקיפאָראָוויטשן און איוואַן איוואַ־נאָוויטשן האָט דער טייוול אַליין צונויפגעבונדן מיט אַ שטריקל; וווּ איינער, — דאָרט שלעפּט זיך דער אַנדערער מיט.

איוואַן ניקיפאָראָוויטש איז קיינמאָל נישט געווען קיין באַווייב־טער. כאָטש מ'האָט געשמועסט, אַז ער האָט חתונה געהאַט, נאָר דאָס איז אַ פולשטענדיקע ליגנט. איך קען זייער גוט איוואַן ניקיפאָ־ראָוויטשן און איך קען זאָגן, אַז ער האָט אַפילו נישט בדעה געהאַט חתונה צו האָבן.

פון וואַנען נעמען זיך די אַלע פּליאָטקעס? אַ שטייגער, ווי מ'האָט אַרויסגעלאָזט אַ שם, אַז איוואַן ניקיפאָראָוויטש איז געבוירן געוואָרן מיט אַ ווידל פון אונטן. נאָר די דאָזיקע מעשה איז אַזוי נישטיק און גלייכצייטיק אַזוי עקלהאַפט און נישט פיין, אַז איך גע־פין זי אַפילו נישט פאַר נייטיק אָפּצולייקענען פאַר די לעזער, וועל־כע ווייסן אָן שום ספק, אַז נאָר בלויז מכשפות, און פון זיי אויך גאַנץ ווייניק, האָבן ווידלען פון אונטן. אגב, געהערן מכשפות מער צום ווייבלעכן געשלעכט, איידער צום מענלעכן.

נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער צוגעבונדנקייט, זענען די דאָ־זיקע זעלטענע פריינט נישט אינגאַנצן ענלעך צו זיך. צום בעסטן קען מען דערקענען זייערע כאַראַקטערן פונם פאַרגלייך: איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אַן אויסערגעוויינטלעכן טאַלאַנט צו רעדן אויס־טערליש ליבלעך. גאָטעניו, האָט ער גערעדט! דאָס דאָזיקע געפי־

קען מען נאָר פאַרגלייכן מיט דעם, ווען מ׳לויזט אייך אין קאָפּ, אָדער מ׳גראַבלט אייך פּאַמעלעכינקע מיט אַ פינגער אין דער פּיענטע. הערסט, הערסט, און לאָזט דעם קאָפּ אַראָפּ. ליבלעך, אויסטערליש ליבלעך. פּונקט ווי אַ ביסל שלאָף נאָכן באָדן. דאַקעגן איוואַן ניקיפאָראָוויטש שווייגט מער, נאָר פאַר דאָס, קוים וואַרפט ער דיר אַריין אַ ווערטעלע, — האַלט־זשע דיך, וואָרים ער וועט דיך אָפּגאָלן בעסער ווי מיט דער בעסטער בריטווע.

איוואַן איוואַנאָוויטש איז דאַר און הויך־געוויקסיק; איוואַן ניקיפאָראָוויטש איז עטוואָס נידעריקער, דערפאַר אָבער צעשפּרייט ער זיך אין דער גרעב. איוואַן איוואַנאָוויטשס קאָפּ איז ענלעך צו אַ רעטעך מיטן וויידל אַראָפּ, איוואַן ניקיפאָראָוויטשס קאָפּ — צו אַ רעטעך מיטן וויידל אַרויף. איוואַן איוואַנאָוויטש ליגט אונטער דער פּאָדשעניע אין בלויזן העמד נאָר נאָכמיטאָג, פאַרנאַכט אָבער טוט ער אָן די בעקעשע און גייט ערגעץ: אָדער צום שטאָט־מאַגאַזין, ווו ער שטעלט צו מעל, אָדער אין פעלד אַריין כאַפּן פּשעפּיורקעס. איוואַן ניקיפאָראָוויטש ליגט אַ גאַנצן טאָג אויפן גאַנעקל, — אויב דער טאָג איז נישט זייער קיין הייסער, אַרויסשטעלנדיק די פּלייצע אויף דער זון, — און וויל אין ערגעץ נישט גיין. אַז עס פאַלט אים אַמאָל איין אינדערפרי, גייט ער זיך דורך איבערן הויף, קוקט אַרום דאָס באַלעבאַטישקייט — און גייט זיך ווידער רוען. אין יענע צייטן פלעגט ער אַמאָל אַריינגיין צו איוואַן איוואַנאָוויטשן.

איוואַן איוואַנאָוויטש איז זייער אַן איידעלער מענטש און באַ אַ פיין געשפּרעך וועט ער קיינמאָל נישט זאָגן קיין גראָב וואָרט. און באַליידיקט זיך באַלד, קוים דערהערט ער עפּעס אַזעלכעס. איוואַן ניקיפאָראָוויטש קען זיך קיינמאָל נישט אויסהיטן. דאַמאָלס שטייט איוואַן איוואַנאָוויטש געוויינטלעך אויף פון אָרט און זאָגט: „גענוג, גענוג, איוואַן ניקיפאָראָוויטש, גלייכער זיך צו גיין בראָטן אויף דער זון, איידער רעדן אַזעלכע זינדיקע רייד“.

איוואַן איוואַנאָוויטש ווערט שטאַרק אין כּעס, אויב ער געפינט אַ פליג אין באָרשטש: דאַמאָלס פלעגט ער אַרויס פון די כּלים, דעם טעלער אָן דרערד און דער באַלעבאָס קריגט אויך דאָס זייניקע. איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט זיך זייער ליב צו באָדן, און ווען ער בלייבט זיצן אין וואַסער ביז איבערן האַלז, הייסט ער אויך אַריינשטעלן אין וואַסער אַריין דעם טיש מיטן סאַמאָרוואַר און האָט זייער ליב צו טרינקען טיי אין אַזאַ קילקייט. איוואַן איוואַנאָוויטש גאָלט די באָרד צוויי מאָל אין דער וואָך; איוואַן ניקיפאָראָוויטש — איינמאָל.

איוואַן איוואַנאָוויטש איז זייער אַ נייגעריקער: זאָל גאָט אָפּהיטן, אַז מ'זאָל אים עפּעס אָנהייבן דערציילן און נישט דערענדיקן! קוים איז ער מיט עפּעס נישט צופרידן, גיט ער עס באַלד צו באַמערקן. בײַ איוואַן ניקיפאָראָוויטשן אויפן פּנים איז זייער שווער צו דערקענען, צי איז ער צופרידן, צי איז ער גאָר בייז: ווען ער דערפרייט זיך אַפילו מיט עפּעס, ווייזט ער עס אויך נישט אַרויס.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אַ ביסל אַ שרעקעוודיקן כאַראַקטער. איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט פונקט פאַרקערט אַ פּאָר הויזנעס מיט אַזעלכע ברייטע פאַלבן, אַז ווען מ'זאָל זיי אָנבלאָזן, וואָלט אין זיי אַריין דער גאַנצער הויף, מיט די שפּייכלערס און מיט די געביידעס. איוואַן איוואַנאָוויטש האָט גרויסע, אויסדריקלעכע, טאַבעק־קאָלירענע אויגן און זיין מויל איז אַביסל ענלעך צום אות „איזשיצאַ"*); איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט אייגעלעך קליינע, געלבלעכע, וואָס ווערן אינגאַנצן פאַרפאַלן צווישן די געדיכטע ברעמען און די פולע ב באַקן, און אַ נאָז ווי אַ צייטיקע פלוים.

אויב איוואַן איוואַנאָוויטש איז אייך מכבד מיט אַ שמעק טאַ־

---

*) V — איזשיצאַ, דאָס לעצטע אות אין אַלטן רוסישן אַלפאַבעט.

בעק, טוט ער שטענדיק פריִער אַ לעק צום דעקל פון שקעטעלע, דערנאָך טוט ער עס אַ שנעל מיטן פינגער און אונטערטראָגנדיק זאָגט ער, אויב איר זענט מיט אים באַקענט: „צי קען איך מיך אונטערשטעלן, גנעדיקער הער, בעטן וועגן אַ געפעליקייט?‟ קוים זענט איר אָבער נישט באַקענט, איז: „צי קען איך מיך אונטערשטעלן, גנעדיקער הער, נישט האָבנדיק דעם כבוד צו וויסן אייער טיטול, נאָמען און ביינאָמען, בעטן וועגן אַ געפעליקייט?‟ איוואַן ניקיפאָראָוויטש אָבער גיט אייך גלייך אין דער האַנט אַריין זיין שקעטעלע, זאָגנדיק בלויז: „געניסט גיטיקס‟.

אַזוי ווי איוואַן איוואַנאָוויטש, האָט אויך איוואַן ניקיפאָראָוויטש זייער נישט ליב קיין פליי, און דעריבער לאָזן זיי ביידע, נישט איוואַן איוואַנאָוויטש און נישט איוואַן ניקיפאָראָוויטש, בשום אופן נישט דורך דאָס יידל מיט די סחורות, זיי זאָלן נישט קויפן בײַ אים קיין מיטלען און פאַרשידענע סלאָיִקלעך קעגן די דאָזיקע ברואימלעך און פריִער אים גוט אויסזידלען דערפאַר, ווייל ער איז פון יידישן גלויבן.

אַלנפאַלס, נישט קוקנדיק אויף אייניקע נישט-ענלעכקייטן, זענען סיי איוואַן איוואַנאָוויטש, סיי איוואַן ניקיפאָראָוויטש הערלעכע מענטשן.

קאַפּיטל צוויי

פֿון וועלכן ס׳איז צו זען, וואָס איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך פֿאַרגלוסט, וועגן וואָס ס׳איז צווישן איוואַן איוואַנאָוויטש און איוואַן ניקיפֿאָראָוויטש פֿאָרגעקומען אַ געשפּרעך און מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט.

אינדערפֿרי, — דאָס איז געווען אין חודש יולי, — איז איוואַן איוואַנאָוויטש געלעגן אונטער דער פּאָדשעניע. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, די לופֿט איז געווען טרוקן און האָט אַלעמאָל אַ יאָג געטון מיט אַ כוואַליע. איוואַן איוואַנאָוויטש האָט שוין באַוויזן צו זיין הינטער דער שטאָט, בײַ די שניטערס און אויפֿן פֿאָלוואַרק, האָט שוין באַוויזן אויסצופֿרעגן די באַגעגנטע פּויערן און פּויערטעס פֿונוואַנען, וווּהין, ווי אַזוי און נאָך וואָס; ער איז זיך אָנגעגאַנגען — אַ שרעק און האָט זיך צוגעלייגט אָפּרוען.

ליגנדיק אַזוי, האָט ער לאַנג אַרומגעקוקט די קאַמערן, דעם הויף, די שפּייכלערס, די הינער, וואָס זענען אַרומגעלאָפֿן איבערן הויף, און זיך געטראַכט: „גאָטעניו מיינער, וואָס פֿאַר אַ באַלעבאָס איך בין! וואָס האָב איך דען נישט? עופֿות, אַ געהייז, שפּייכלערס, פֿאַרשידענע ווילטאָגן, דיסטילירטן בראָנפֿן, געשטעלטן בראָנפֿן; אין סאָד — באַרן, פֿלוימען; אין גאָרטן — מאָן, קרויט, אַרבעס... וואָס־זשע אַזוינס האָב איך נישט?... איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס האָב איך נישט?"

שטעלנדיק זיך אַזאַ טיפּזיניקע פֿראַגע, האָט איוואַן איוואַנאָוויטש זיך פֿאַרטראַכט. דערווײַל האָבן זײַנע אויגן אָפּגעזוכט אַנדערע זאַכן, האָבן אַריבערגעשפּרייזט איבערן פּלויט אין איוואַן ניקיפּאָראָוויטשס הויף אַרײַן און האָבן זיך נישט ווילנדיק פֿאַרנומען מיט אַ טשעקאַווע בילד: אַ מאָגערע באַבע האָט אײַנציקווײַז אַרויסגעטראָגן פֿאַרלעגענע מלבושים און צעהאָנגען זיי אויף אַן אויפֿגעצויגענעם שטריק אויסצולופֿטערן. באַלד האָט אַן אַלטער מונדיר מיט אָפּגעריבענע לאַצן אויסגעשטרעקט אַ פּאָר אַרבל און אַרומגענומען אַ שעכענע בלוזקע; דערנאָך האָט זיך אַרויסגערוקט אַ פּריצישער מונדיר מיט הערבאָווע קנעפּ מיט אַן אויסגעקראָכענעם קאָלנער; דערנאָך אַ פּאָר ווײַסע קאַשימירענע הויזן מיט פֿלעקן, וועלכע איוואַן ניקיפּאָראָוויטש האָט אַמאָל געקענט אַרויפֿציִען אויף די פֿיס און הײַנט וואָלט מען זיי אפֿשר געקענט אַרויפֿשלעפּן אויף זײַנע פֿינגער; נאָך זיי זענען אויפֿגעהאָנגען געוואָרן אַ פּאָר אַנדערע אין געשטאַלט פֿון אות „על“ (Λ); דערנאָך אַ בלויער קאָזאַקישער קאַפּטאַן, וועלכן איוואַן ניקיפּאָראָוויטש האָט זיך געמאַכט מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק, ווען ער האָט זיך געהאַט פֿאַרנומען אַרײַנצוטרעטן אין דער מיליץ און האָט זיך שוין שיעור נישט געהאַט פֿאַרלאָזט אַ פּאָר וואָנסעס. צום לעצט האָבן זיך באַוויזן אײנס נאָך דאָס אַנדערע אַ שווערט ענלעך צו אַ שפּיז, וואָס שטעקט אין דער לופֿט, דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן וויקלען פֿאָלעס פֿון עפּעס ענלעכס צו אַ גראָז־גרינעם קאַפּטאַן מיט קופּערנע קנעפּ, גרויס ווי די צענערס, פֿון צווישן די פֿאָלעס האָט אַפּערגעקוקט אַ וועסט באַלייגט מיט גאָלד־שעך און מיט אַ גרויסן אויסשניט פֿון פֿאָרנט. דעם וועסט האָט באַלד צוגעדעקט דער פֿאַרשטאָרבענער באָבעס אַלטע ספּודניצע מיט אַזעלכע גרויסע קעשענעס, וואָס אין יעדערער וואָלט מען געקענט אַרײַנלייגן אַן אַרבוז.

אַלץ צוזאַמען האָט איוואַן איוואַנאָוויטשן געגעבן אַן אינטע-

רעסאַנט בילד, בשעת די זון־שטראַלן, אַרומכאַפּנדיק ערטערווייז אַ בלויען אָדער אַ גרינעם אַרבל, אַ רויטע לאַץ, אָדער אַ טייל פונעם גאָלד־שעך, אָדער שפּילנדיק זיך אויפן שפּיץ פון דער שווערט, האָבן עס געמאַכט אויסערגעוויינטלעך ענלעך צו יענעם באַלאַגאַן, וועלכן אַרומוואַנדערנדיקע חברה־לייט פירן אַרום איבער די דערפער, — צום מייסטנס אין יענער מינוט, ווען דער המון מענטשן רוקט זיך ענג צוזאַמען, קוקט אויפן קיסר הורדוס מיט דער גאָלדענער קרוין, אָדער אויף אַנטאָנען מיט דער קאָזע; הינטערן באַלאַגאַן קראַצט אַ פידל, אַ ציגיינער באַמבלט מיט די פינגער איבער די ליפּן אַנשטאָט אַ פּייקל, און די זון גייט אונטער, און די פרישע קילקייט פון דער דרום־נאַכט דריקט זיך אומבאַמערקבאַר שטאַרקער צו צו די פרישע נאַקנס און ברוסטן פון די פול־לייביקע פּאָלוואַרק־מיידלעך.

באַלד איז די אַלטע אַרויסגעקראָכן פונעם שפּייכלער, קרעכצנדיק און שלעפּנדיק אויף זיך אַן אַלטפרענקיש זאָטל מיט אָפּגעריסענע רייט־אייזנס, מיט אויסגעריבענע לעדערנע קעשענעס אויף פּיסטאָלעטן, מיט אַ דערע, וואָס איז אַמאָל רויט געווען, מיט גאָלד באַבייט און מיט קופּערנע בלעכלעך.

„אָט, אַ נאַרישע באַבע!‟ האָט זיך איוואַן איוואַנאָוויטש אַ טראַכט געטון: „זי וועט נאָך איוואַן ניקיפאָראָוויטשן אַליין אויך אַרויסשלעפּן אויסצולופטערן!‟

און פּונקט ווי געטראָפן; איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך נישט אינגאַנצן אָפּגענאַרט: אין אַ פינף מינוט אַרום זענען דערשינען איוואַן ניקיפאָראָוויטשס נאַנקענע הויזן און האָבן פאַרנומען אַ האַלבן הויף. נאָך דעם האָט זי נאָך אַרויסגעטראָגן אַ היטל און אַ ביקס.

„וואָס זאָל דאָס הייסן?‟ האָט אַ טראַכט געטון איוואַן איוואַנאָוויטש: „איך האָב קיינמאָל נישט געזען בײַ איוואַן ניקיפאָראָוויטשן קיין ביקס. וואָס איז דאָס מיט אים? שיסן שיסט ער נישט און אַ ביקס האַלט ער בײַ זיך! צו וואָס־זשע טויג זי אים? און אַ כלי

איז עס אַ נישקשהדיקע! כ׳האָב מיר שוין לאַנג געוואָלט שאַפן אַזעל־
כע. מיר גליסט זיך זייער צו האָבן דאָס דאָזיקע ביקסל; איך האָב
מיך ליב צו שפּילן מיט אַ ביקסל.״

— העי, באָבע! — האָט אַ געשריי געטון איוואַן איוואַנאָוויטש,
אַ רוף טוענדיק מיטן פינגער.

די אַלטע איז צוגעקומען צום פּלויט.

— וואָס האָסטו דאָס, באָבעשי, אַזעלכעס?

— איר זעט דאָך אַליין — אַ ביקס.

— אַ וואָסערע ביקס?

— ווער ווייסט זי דאָרט אַ וואָסערע! ווען זי זאָל זיין מיינע,
וואָלט איך אפשר געוווסט, פון וואָס זי איז געמאַכט, זי איז אָבער
דעם פּריצס.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט אָנגע־
הויבן באַטראַכטן די ביקס פון אַלע זייטן, פאַרגעסנדיק דערביי צו
געבן דער אַלטער אַ פאַרציע, פאַרוואָס זי האָט אַרויסגעהאָנגען די
ביקס זיך אויסצולופטערן צוזאַמען מיט דער שווערד.

— ווייזט אויס אַן אייזערנע, — האָט ווייטער געזאָגט די
אַלטע.

— הם! אַן אייזערנע, פאַרוואָס עפּעס אַן אייזערנע? — האָט
איוואַן איוואַנאָוויטש געמורמלט צו זיך: — שוין לאַנג האָט זי דער
פּריץ?

— עס קען זיין, אַז לאַנג.

— אַ ווויל כלי׳לע? — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש ווייטער
גערעדט: — כ׳וועל אים אַ בעט טון, ער זאָל זי מיר געבן; צו וואָס
טויג זי אים? אָדער כ׳וועל מיך מיט אים טוישן אויף עפּעס. וואָס־זשע,
באָבעשי, אינדערהיים דער פּריץ?

— אינדערהיים.

— וואָס, ער ליגט?

— ער ליגט.

— נו, גוט, איך קום באַלד אַריין צו אים.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך אָנגעטון, גענומען אין דער האַנט אַריין דעם סענקאַטן שטעקן פאַר די הינט, ווייל אין מירגאָראָד באַגעגנט מען מער הינט ווי מענטשן, און איז אַוועקגעגאַנגען.

כאָטש איוואַן ניקיפאָראָוויטשס הויף איז געווען לעבן איוואַן איוואַנאָוויטשס און פון איין הויף אין אַנדערן אַריין האָט מען געקענט אַריבערקריכן איבערן פלויט, פונדעסטוועגן איז איוואַן איוואַנאָוויטש געגאַנגען דורך דער גאַס. פון דער דאָזיקער גאַס האָט מען זיך געדאַרפט אַראָפדרייען אין אַ געסל אַריין, וואָס איז אַזוי שמאָל געווען, אַז ווען ס׳האָבן זיך אַמאָל צונויפגעטראָפן צוויי פורלעך מיט איינציקע פערדלעך, האָבן זיי זיך שוין נישט געקענט אויסמייען, און זענען געבליבן אין אַזאַ לאַגע אַזוי לאַנג, ביז וואַנען מ׳האָט זיי נישט אָנגעכאַפט באַ די הינטערשטע רעדער און אַרויסגעשלעפט צוריק יעדעס באַזונדער אויף דער גאַס אַרויס; אַ מענטש ווידער, וואָס איז דאָ אַרום דורכגעגאַנגען, איז באַצירט געוואָרן מיטן שטעכעכץ, וואָס איז געוואַקסן פון ביידע זייטן פלויט, ווי מיט בלומען. אינם דאָזיקן געסל אַריין זענען אַרויסגעגאַנגען פון איין זייט איוואַן איוואַנאָוויטשס קאַמער, פון דער צווייטער זייט איוואַן ניקיפאָראָוויטשס שפייכלער, דאָס טויער און דער טויבנשלאַק.

איוואַן איוואַנאָוויטש איז צוגעגאַנגען צום טויער, האָט אַ רוידער געטון מיט דער פורטקע. און פון הויף האָט זיך אויפגעהויבן אַ געבילעריי. דערזעענדיק אָבער, אַז דאָס איז אַ באַקאַנטע פערזאָן, איז די פאַרשידנפעליקע טשאַטע באַלד צוריקגעלאָפן דרייענדיק מיט די וויידלעך.

איוואַן איוואַנאָוויטש איז דורכגעגאַנגען דורכן הויף, אויף וועלכן עס האָבן זיך פאַרשידנפאַרביק געמיניעט די אינדישע טויבן, וואָס זענען אויסגעקאָרמעט געוואָרן דורך איוואַן ניקיפאָראָוויטשעס הענט אַליין, שאָלעכץ פון אַרבוזן און באַניעס, דאָ גרינוואַרג, דאָרט אַ צעבראָכן ראָד, אָדער אַ רייף פון אַ פעסל, אָדער אַ ייִנגעלע וואַלגערן זיך אין אַן אויסגעשמירט העמדל: אַזאַ בילד, וואָס מאָלערס האָבן ליב! דער שאָטן פון די צעהאָנגענע מלבושים האָט פאַרדעקט כמעט דעם גאַנצן הויף און האָט אים צוגעגעבן אַ מין קילקייט.

די באַבע איז אים אַקייגנגעגאַנגען, האָט זיך פאַר אים אַ בוק געטון און איז געבליבן שטיין אויפן אָרט פאַרגאַפיעט. פאַר דער שטוב האָט זיך געהנדלט דאָס גאַניקל מיט דער פאָדשעניע אויף צוויי דעמבענע סלופקעז, — די שוואַכע שוץ קעגן דער זון, וועלכע האָט אין מאַלאָראָסיע אין דער צייט אַ טבע זיך נישט נאַריש צו מאַכן און באַגיסט דעם דורכגייער מיט אַ שטאַרקן שווייס פון קאָפּ ביז די פיס.

פון דעם אַליין איז שוין צו זען, ווי שטאַרק איוואַן איוואַנאָוויטשעס חשק איז געווען צו קריגן די דאָזיקע בייטיקע זאַך, אַז ער האָט געפועלט בײַ זיך אין אַזאַ צייט אַרויסצוגיין, נישט קוקנדיק אויף זיין שטענדיקער געוווינהייט זיך דורכצושפּאַצירן נאָר, פאַרנאַכט.

אינם צימער, וווּהין איוואַן איוואַנאָוויטש איז אַריינגעקומען איז געווען אינגאַנצן פינסטער. די לאָדנס זענען געווען צוגעמאַכט און אַ שטראַל פון דער זון, וואָס איז אַריין דורכן לאָך פון לאָדן, האָט באַקומען אַ רעגנבויגן-קאָליר און, אָנשלאָגנדיק זיך אָן דער אַקייגנאיבערדיקער וואַנט, האָט ער געמאָלט אויף איר אַ פאַר שידנפאַרביק לאַנדשאַפט פון סכך-דעכער, ביימער און פון די מלבושים, וואָס זענען געהאָנגען אויפן הויף ,נאָר אַלץ איבערגעדרייט.

פארקערט, — דערפון האָט דאָס גאַנצע צימער באַקומען אַ מין וווּנדערלעכע שיין.

— גאָט העלף! — האָט אַ זאָג געטון איוואַן איוואַנאָוויטש.

— אַ, גוט מאָרגן, איוואַן איוואַנאָוויטש! — האָט געענט־פערט אַ קול פון אַ ווינקל שטוב אַרויס.

דאַמאָלס ערשט האָט איוואַן איוואַנאָוויטש דערזען איוואַן ניקיפאָראָוויטשן, אַ ליגעדיקן אויף דרערד אויף אַן אויסגעשפרייטן דיוואַן.

— זייט מוחל, וואָס איך בין פאַר אייך אין דער נאַטור.

איוואַן ניקיפאָראָוויטש איז געלעגן אָן גאָרנישט, אפילו אָן אַ העמד.

— ס'מאַכט נישט. איר זענט היינט געשלאָפן, איוואַן ניקי־פאָראָוויטש?

— געשלאָפן. און איר, איוואַן איוואַנאָוויטש, זענט געשלאָפן?

— געשלאָפן.

— זענט איר איצט ערשט אויפגעשטאַנען?

— איך בין ערשט אויפגעשטאַנען? גאָט איז מיט אייך, איוואַן ניקיפאָראָוויטש! ווי קען מען דאָס שלאָפן ביז איצט! איך בין גאָר וואָס געקומען פון פאָלוואַרק. הערלעכע תבואות אויפן וועג! און אַזאַ הויך היי, אַזאַ ווייכס, אַזאַ זאַפטיקס!

— האָרפּינע! — האָט אַ רוף געטון איוואַן ניקיפאָראָוויטש: — ברענג אַריין בראָנפן און פּיראָגעס מיט סמעטענע פאַר איוואַן איוואַנאָוויטשס וועגן!

— אַ שיין וועטער היינט.

— לויבט נישט, איוואַן איוואַנאָוויטש, זאָל עס דער טייוול באַפן! נישטאָ זיך וווהין צו טון פון דער היץ!

— און מען מוז אַזוי דערמאַנען דעם טייוול. אַי, איוואַן ניקיפאָראָוויטש! איר וועט געדענקען מיינע ווערטער, ס'וועט שוין

אָבער זיין צו שפּעט: אוי, וועט מען אייך באַצאָלן אויף יענער וועלט פאַר די דאָזיקע זינדיקע רייד.

— מיט וואָס האָב איך אייך דאָס באַליידיקט, איוואַן ניקיפאָראָוויטש? איך האָב נישט געטשעפּעט, נישט דעם פאָטער אייערן, נישט די מוטער אייערע. איך ווייס נישט, מיט וואָס איך האָב אייך דאָ באַליידיקט.

— גענוג שוין, גענוג, איוואַן ניקיפאָראָוויטש!

— אויף מיין וואָרט, איך האָב אייך נישט באַליידיקט, איוואַן איוואַנאָוויטש.

— אַ וווּנדער, וואָס די פּשעפּיורקעס לאָזן זיך אַלץ נאָך נישט פאַרנאַרן אויפן פייפערל.

— ווי איר ווילט אייך; קלערט אייך, וואָס איר ווילט, נאָר איך האָב אייך מיט גאָרנישט באַליידיקט.

— איך ווייס נישט, פאַרוואָס זיי לאָזן זיך נאָך נישט פאַרנאַרן, — האָט געזאָגט איוואַן איוואַנאָוויטש און זיך געמאַכט נישט הערן איוואַן ניקיפאָראָוויטשס רייד: — צי די צייט איז נאָך נישט, נאָר די צייט איז דאַכט זיך שוין יאָ אַזעלכע, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— איר זאָגט, אַז די תבואות זענען שיין?

— הערלעכע תבואות! הערלעכע!

נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילשווייגן.

— וואָס איז, איוואַן ניקיפאָראָוויטש, איר הענגט אויס די מלבושים? — האָט ענדלעך אַ זאָג געטון איוואַן איוואַנאָוויטש.

— יאָ, זייער גוטע, כמעט נייע מלבושים, זי האָט זיי פאַרלאָזט, די פאַרשטאָרבענע באָבע; איצט ליפטער איך זיי; פיינע סחורה, טייערע, נאָר איבערצוניטשעווען — קען מען זיי ווייטער טראָגן.

— איוואַן ניקיפאָראָוויטש, מיר איז דאָרט געפעלן איין זאַכעלע.

— אַ וואָסערס?

— זאָגט, כ'בעט אייך, צו וואָס טויג אייך די ביקס, וואָס איז אַרויסגעשטעלט אויסצולופטערן צוזאַמען מיט די מלבושים? דאָ האָט איוואַן איוואַנאָוויטש אונטערגעטראָגן זיין טאַבעק: צי קען איך מיך אונטערשטעלן בעטן וועגן אַ געפעליקייט?

— נישקשה, געניסט אַליין; איך וועל אַ שמעק טון פון מיינעם. — דערביי האָט איוואַן ניקיפאָראָוויטש אַרומגעטאַפּט לעבן זיך און געפונען דאָס שקעטעלע. — אַ נאַרישע באַבע! די ביקס האָט זי דאָרט אויך אַרויסגעהאָנגען? ווילן טאַבעק מאַכט דער ייִד אין סאָראָטשינצע. איך ווייס נישט, וואָס ער טוט דאָרטן אַריין, און ער איז אַזוי שמעקעדיק. אָט, נעמט, צעקייט אַ ביסל אין מויל: באמת, ענלעך צו קימל? נעמט געניסט גיטיקס!

— זאָגט, איך בעט אייך, איוואַן ניקיפאָראָוויטש, כ'מיין אַלץ וועגן דער ביקס: וואָס וועט איר טון מיט איר? איר דאַרפט זי דאָך נישט!

— וואָס הייסט, איך דאַרף זי נישט? און אַז ס'וועט אַמאָל אויסקומען צו שיסן?

— גאָט איז מיט אייך, איוואַן ניקיפאָראָוויטש! ווען וועט איר דאָס שיסן? סיידן ווען משיח וועט קומען? אויף וויפיל איך ווייס און אַנדערע געדענקען, האָט איר נאָך קיין איין קאַטשקע נישט געשאָסן. אפילו אייער באַטור איז דאָך שוין אַזוי פון גאָט באַשאַפן געוואָרן נישט צום שיסן. איר האָט דאָך אַ שטעל און אַ פיגור אַ וואַזשנע. ווי קענט איר זיך גאָר אַרומשלעפן איבער די בלאָטעס, ווען אייער מלבוש, וואָס איז ניט'ט אָנשטענדיק אָנצורופן באַם נאָמען אין יעדן געשפּרעך, ליפטערט זיך אַצינד שוין? וואָס וואָלט זשע דאַמאָלס געווען? איר דאַרפט האָבן רו און לייטזעליקייט. (איוואַן איוואַנאָוויטש, ווי ס'איז שוין דערמאָנט געווען, האָט גערעדט זייער קינסטלעריש, ווען ער האָט געדאַרפט עמעצן איבער-

צייגן. אַך, האָט ער גערעדט! גאָט מיינער, ווי ער האָט גערעדט!)
יאָ, דעריבער דאַרפן אייערע טאַטן זיין אָנשטענדיק. הערט נאָר
צו, גיט מיר די ביקס!

— ווי קען מען דאָס! דאָס איז אַ טייערע ביקס; אַזעלכע ביקסן וועט איר היינט אין ערגעץ נישט קריגן. ווען כ'האָב געוואָלט אַריינטרעטן אין דער מיליץ, האָב איך זי נאָך דאַמאָלס געקויפט בײַ אַ טערק; און איצט, פּלוצים, גלאַט אַזוי, גיב זי אַוועק! ווי קען מען דאָס! דאָס איז זייער אַ נייטיקע זאַך!

— צו וואָס איז זי אַזוי נייטיק?

— וואָס הייסט צו וואָס? און אַז ס'וועלן אָנפאַלן אויפן הויז מערדערס... איז זי נאָך אַלץ נישט נייטיק! צו דאַנקען גאָט! איצט בין איך טאַקע רויִק און האָב טאַקע פאַר קיינעם קיין מורא נישט, און פאַרוואָס? — דערפאַר ווייל איך ווייס, אַז בײַ מיר אין קאַמער שטייט אַ ביקס.

— אַ שיינע ביקס! אָבער אין איר איז דאָך דער שלאָס קאַליע, איוואַן ניקיפאָראָוויטש!

— נו וואָס־זשע, אַז קאַליע? מ'קען פאַריכטן, מ'דאַרף נאָר אויסשמירן מיט לאַנע־אייל, ער זאָל נישט זשאַווערן.

— פון אייערע רייד, איוואַן ניקיפאָראָווישט, זע איך נישט אַרויס קיין שום פריינטשאַפטלעכע באַציִונג צו מיר. איר ווילט גאָר נישט טון פאַר מיינעטוועגן אַלס צייכן פון גוטפריינטשאַפט.

— ווי קענט איר דאָס זאָגן, איוואַן איוואַנאָוויטש, אַז איך ווייז אייך נישט אַרויס קיין שום גוטפריינטשאַפט? ווי שעמט איר זיך נישט? אייערע אָקסן פאַשען זיך אויף מיין סטעפּ און איך האָב זיי נאָך קיין איין מאָל נישט פאַרנומען. ווען איר פאָרט נאָר קיין פּאָלטאַווע, בעט איר בײַ מיר שטענדיק דאָס וועגעלע. און וואָס־זשע? צי האָב איך אייך אַמאָל אָפּגעזאָגט. דאָס קליינוואַרג אייערס קריכט אַריבער איבערן פּלויט צו מיר אין הויף אַריין און שפּילן זיך מיט מיינע

הינט, — און איך רעד גאַרנישט: זאָלן זיי זיך שפּילן, אַבי זיי זאָלן גאַרנישט טשעפּען! זאָלן זיי זיך שפּילן!

— אויב איר ווילט נישט שענקען, לאָמיר זיך אפשר בייטן.

— וואָס-זשע וועט איר מיר געבן פאַר איר? — דערביי האָט זיך איוואַן ניקיפאָראָוויטש אָנגעשפּאַרט אויף אַן עלנבויגן און געקוקט אויף איוואַן איוואַנאָוויטשן.

— איך וועל אייך געבן — דאָס טונקעלע חזיר, דאָס זעלבע, וואָס איך אַליין האָב אויסגעפּאַשעט אין אַ שטייג. אַ טייער חזיר! איר וועט זען, צי איבעראַיאָר וועט עס אייך נישט אָנהאָבן קיין חזירימלעך.

— איך ווייס נישט, ווי איר, איוואַן איוואַנאָוויטש, קענט אַזעלכעס זאָגן! צו וואָס באַדאַרף איך אייער חזיר, סיידן פּראַווען דעם טייוולס יאָרצייט.

— ווידער! אָן דעם טייוול, הייסט עס, קען מען זיך גאַרנישט באַגיין! אַ זינד! אויף מיין וואָרט, אַ זינד, איוואַן ניקיפאָראָוויטש!

— אין דער אמתן, איוואַן איוואַנאָוויטש! ווי גיט איר דאָס פאַר אַ ביקס, דער טייוול ווייסט וואָס אַזויגס, אַ חזיר!

— פאַרוואָס איז דאָס עפּעס — דער טייוול ווייסט וואָס אַזוינס, איוואַן ניקיפאָראָוויטש?

— וואָס הייסט? איר וואָלט זיך כאָטש אַליין געפּרוווט גוט באַטראַכטן: דאָס איז דאָך אַ ביקס, אַ באַוווּסטע זאַך; און דאָ, דער טייוול ווייסט וואָס אַזוינס, אַ חזיר! ווען נישט א י ר זאָלט עס זאָגן, וואָלט איך עס געקענט אָננעמען פאַר אַ באַליידיקונג אויף מיין זייט.

— וואָס-זשע פאַר אַ שלעכטס האָט איר דאָס באַמערקט אינם חזיר?

— פאַר וועמען האַלט איר מיך עפּעס אין דער אמתן? אַז איך זאָל אַ חזיר...

— זיצט, זיצט! איך וועל שוין נישט... זאָל זאַ אייך בלייבן

אייער ביקס, זאָל זי זיך פאַרפוילט און פאַרזשאַווערט ווערן, שטייענדיק אין ווינקל אין דער קאַמער — איך וויל מער נישט רעדן וועגן איר.

נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילשווייגן.

— מ'זאָגט, — האָט אָנגעהויבן איוואַן איוואַנאָוויטש: — אַז דריי מלכים האָבן דערקלערט מלחמה אונדזער קייסער.

— יאָ, פּיאָטר פיעאָדאָראָוויטש האָט מיר טאַקע דערציילט. וואָס פאַר אַ מלחמה איז־זשע דאָס? און פאַר וואָס איז זי?

— אויף זיכער, איוואַן ניקיפאָראָוויטש, קען מען נישט וויסן, פאַרוואָס זי איז. איך בין מיך משער, אַז די מלכים ווילן, מיר אַלע זאָלן אָננעמען דאָס טערקישע גלויבן.

— זעסט, נאַראָנים! וואָס זיי האָט זיך פאַרגלוסט! — האָט אַרויסגערעדט איוואַן ניקיפאָראָוויטש, אונטערהייבנדיק דעם קאָפּ.

— אָט זעט איר דאָך! און אונזער קייסער האָט גאָר זיי דערפאַר דערקלערט מלחמה; „ניין, זאָגט ער, נעמט איר בעסער אָן דאָס קריסטלעכע גלויבן."

— נו, וואָס־זשע? אונדזערע וועלן דאָך זיי צעקלאַפּן, איוואַן איוואַנאָוויטש!

— צעקלאַפּן. ווילט איר זיך, איוואַן ניקיפאָראָוויטש, טאַקע נישט בייטן מיטן ביקסל?

— עס וווּנדערט מיך זייער, איוואַן איוואַנאָוויטש: איר זענט דאָך, דאַכט זיך, אַ מענטש, וואָס איז באַוווּסט מיט זיין בילדונג און רעדט עפּעס ווי אַ יינגעלע. וואָס פאַר אַ נאַר וואָלט איך געווען...

— זיצט, זיצט! אַן עסק מיט איר. זאָל זי זיך דאָרט פּגרן; מער וועל איך נישט רעדן.

בשעת מעשה האָט מען אַריינגעטראָגן דאָס פאַרבייסעכץ. איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזל און האָט פאַרביסן אַ פּיראָג מיט סמעטענע.

— הערט, איוואַן ניקיפאָראָוויטש: איך וועל אייך נאָך צוגעבן אַ חוץ דעם חזיר צוויי זעקלעך האָבער; איר האָט דאָך קיין האָבער נישט געזייעט. איר וועט דאָך סיי־ווי מוזן דאָס יאָר קויפן האָבער.

— אויף מיין וואָרט, איוואַן איוואַנאָוויטש, מיט אייך צו רעדן, דאַרף מען זיך פריִער גוט אָנעסן מיט אַרבעס. (דאָס איז נאָך גאָרנישט: איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט נישט נאָר אַזעלכע פראַזן אַרויסגעזאָגט!) ווי איז געזען געוואָרן, אַז ס'זאָל ווער אויסבייטן אַ ביקס אויף צוויי זעקלעך האָבער? נישקשה, אייער בעקעשע וועט איר נישט איינשטעלן.

— איר האָט אָבער פאַרגעסן, איוואַן ניקיפאָראָוויטש, אַז איך גיב אייך אַ חזיר אויך.

— ווי! צוויי זעקלעך האָבער מיט אַ חזיר פאַר אַ ביקס?

— נו, וואָס־זשע, אפשר ווייניק?

— פאַר אַ ביקס?

— פאַרשטייט זיך פאַר אַ ביקס.

— צוויי זעקלעך פאַר אַ ביקס?

— צוויי זעקלעך, נישט קיין ליידיקע, נאָר מיט האָבער; און דאָס חזיר האָט איר פאַרגעסן?

— קושט אייך מיט אייער חזיר, און אויב איר ווילט נישט, איז מיטן טייוול!

— אָ, אייך דאַרף מען נאָר פאַרטשעפּען! געדענקט! אוי, וועט מען אייך אויף יענער וועלט אָנשפיקעווען די צונג מיט געגליטע נאָדלען פאַר אַזעלכע מיאוסע, זינדיקע רייד. נאָך אַ שמועס מיט אייך דאַרף מען זיך דאָס פנים מיט די הענט וואַשן און זיך איינגאַנצן אָפרייכערן.

— זאָגט, איך בעט אייך, איוואַן איוואַנאָוויטש, אַ ביקס איז

דאַך אַן איידעלע זאַך, די אינטערעסאַנטסטע פּאַרווײלונג און דער־
צו אַ פיינע צירונג אין אַ שטוב...

— איר, איוואַן ניקיפאָראָוויטש, האָט אייך צעשפּרייט מיט אייער ביקס, פּונקט ווי י ע נ ע ר נ אַ ר מ י ט ז י י ן ג ע מ אַ ל ע־ װ ע ט ע ר ט אָ ר ב ע, — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש געזאָגט מיט פּאַרדרוס, ווייל עס האָט אים שוין באמת אָנגעהויבן פאַרדריסן.

— און איר, איוואַן איוואַנאָוויטש, זענט אַן אמתער ג אָ נ ע ר.

ווען איוואַן ניקיפאָראָוויטש זאָל נישט געווען אַרויסזאָגן דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָלטן זיי זיך אַ ביסל אָפּגעקריגט און וואָלטן זיך צעגאַנגען אַזוי ווי שטענדיק — גוטע פריינט; איצט אָבער איז גע־שען גאָר עפּעס אַנדערש.

איוואַן איוואַנאָוויטש איז אינגאַנצן אויפגעקאָכט געוואָרן.

— וואָס האָט איר אַזוינס געזאָגט, איוואַן ניקיפאָראָוויטש? — האָט ער אַ פרעג געטון מיט אַ טאָן העכער.

— איך האָב געזאָגט, אַז איר זענט ענלעך צו אַ גאָנער, איוואַן איוואַנאָוויטש!

— ווי־זשע האָט איר געוואַגט, מיין הער, פאַרגעסנדיק די אָנ־שטענדיקייט, די אַכטונג צום טיטול, צום נאָמען פון אַ מענטש, פאַר־אומווירדיקן מיך מיט אַזאַ שענדלעכן נאָמען?

— וואָס־זשע איז דאָ פאַר אַ שענדלעכס? און וואָס האָט איר זיך, אין דער אמתן, אַזוי צעמאַכט מיט די הענט, איוואַן איוואַנאָוויטש?

— איך פרעג נאָכאַמאָל ווי האָט איר זיך דערוועגט, אין קעגנ־זאַץ צו אַלע אָנשטענדיקייטן מיך אָנצורופן ג אָ נ ע ר?

— אָנניסן זאָל איך אייך אויפן קאָפּ אַרויף, איוואַן איוואַנאָ־וויטש! וואָס האָט איר זיך אַזוי צוצעקוואָקעט?

מער האָט זיך שוין איוואַן איוואַנאָוויטש נישט געקענט באַ־הערשן: די ליפּן זיינע האָבן אָנגעהויבן ציטערן, דאָס מויל האָט געביטן דאָס שטענדיקע געשטאַלט פון אַן „איזשיצע„ און איז גע־

לעך געוואָרן צו אַן „אָ" (O). מיט די אויגן האָט ער אַזוי גע־פינטלט, אַז ס'האָט אָנגעכאַפּט אַ שרעק. דאָס האָט זיך באַ איוואַן איוואַנאָוויטשן זייער זעלטן געטראָפן, דערויף האָט מען אים שוין שטאַרק געדאַרפן דערבייזערן.

— דערקלער איך זשע אייך טאַקע, — האָט איוואַן איוואַ־נאָוויטש אַרויסגערעדט — אַז איך וויל אייך מער נישט קענען.

— אַ גרויס אומגליק! אויף מיין וואָרט, ווי איך וועל מיך נישט אַנידערזעצן וויינען, — האָט איוואַן ניקיפאָראָוויטש געענט־פערט.

ער האָט געזאָגט אַ ליגנט! אויף מיין וואָרט, ער האָט ליגנט געזאָגט! ס'האָט אים די מעשה זייער געאַרט.

— מיין פוס וועט מער נישט זיין באַ אייך אין שטוב.

— ע־הע־הע! — האָט איוואַן ניקיפאָראָוויטש אַרויסגערעדט, נישט וויסנדיק פון כאַרדרוס, וואָס צו טון, ער האָט זיך קעגן זיין ווילן אויפגעשטעלט און געבליבן שטיין אויף די פיס: — העי, באַ־בע, ייִנגל! — דערויף האָבן זיך אין דער טיר באַוויזן די זעלבע באַבע און אַ קליין ייִנגל, איינגעוויקלט אין אַ לאַנגן ברייטן סורדוט.

— נעמט איוואַן איוואַנאָוויטשן און פירט אים אַרויס הינטער דער טיר.

— וואָס! אַן אדלמאַן? — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש אַ גע־שריי געטון מיט אַ געפיל פון ווירדע און שטאַרקער אופרעגונג; — דערוועגט אייך נאָר! דערנענטערט אייך נאָר! איך וועל אייך פאַר־ניכטן מיט אייער נאַרישן פריץ צוזאַמען! אַ כויגל וועט אייער גע־ביין נישט געפינען!

(איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אויסערגעוויינטלעך שטאַרק גע־רעדט, ווען זיין נשמה איז געווען אויפגעטרייסלט).

די גאַנצע גרופּע האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ העלדיש בילד: איוואַן ניקיפאָראָוויטש, אַ שטייענדיקער אינמיטן שטוב אין

זיין גאַנצער פּראַכט, אָן אַ שום באַצירונג! די באַבע מיט אַן אָפּן מויל, אויפן פּנים אויסגעדריקט אַן אידיאָטישע מינע פון שרעק! איוואַן איוואַנאָוויטש מיט אַ הויך-אויפגעהויבענער האַנט, ווי מ׳האָט אַמאָל פאָרגעשטעלט די רוימישע טריבונען! דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע מינוט, אַ פּרעכטיקע פאָרשטעלונג! און באַ דעם אַלעם איז נאָר איינער געווען דער צושויער: דאָס איז געווען דאָס יינגל אין דעם אומענדלעכן סורדוט, וועלכער איז זיך געשטאַנען גאַנץ רויִק און געגראַבלט מיט אַ פינגער אין דער נאָז.

ענדלעך האָט איוואַן איוואַנאָוויטש אַ נעם געטון זיין היטל.

— זייער פיין באַגייט איר זיך, איוואַן ניקיפאָראָוויטש! אויסגעצייכנט! איך וועל אייך דאָס געדענקען.

— גייט, איוואַן איוואַנאָוויטש! גייט! נאָר זעט, קומט מיר נישט אונטער, — אַז נישט, וועל איך אייך די גאַנצע מאָרדעס צעהאַקן!

— אָט האָט איר דערפאַר, איוואַן ניקיפאָראָוויטש! — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש געענטפערט, אַרויסשטעלנדיק אים אַ פייג און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר, וועלכע האָט זיך צוריק אויפגעפּראַלט מיט אַ הייזעריקן סקריפּ.

איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט זיך באַוויזן אין דער טיר און האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך שוין נישט אומגעקוקט און געלאָפן אַרויס פון הויף.

קאַפּיטל דריי

וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דער קריג צווישן איוואַן איוואַנאָוויטשן און איוואַן ניקיפאָראָוויטשן.

און אַזוי האָבן זיך צעקריגט די צוויי געערטע לייט, דער כּבוד און די צירונג פון מירגאָראָד. און צוליב וואָס? צוליב אַ גאַנער. זיי האָבן מער איינער דעם אַנדערן נישט געוואָלט זען, האָבן איבערגעריסן אַלע באַציִונגען, בשעת ווען פריִער זענען זיי באַוווּסט געווען פאַר די סאַמע נישט-צעשיידטע פריינט!

פריִער פלעגן איוואַן איוואַנאָוויטש און איוואַן ניקיפאָראָוויטש שיקן יעדן טאָג איינער צום אַנדערן געוויר ווערן, וואָס מען מאַכט אין געזונט און פלעגן זיך אָפט דורכרעדן איינער מיטן אַנדערן אַזעלכע ליבלעכע רייד, אַז ס'איז אַ פרייד געווען פאַרן האַרץ דאָס צוצוהערן.

פריִער פלעגט איוואַן איוואַנאָוויטש אין דער סטאַמעטעדנער בעקעשע און איוואַן ניקיפאָראָוויטש אין דעם נאַנקענעם געל-ברוינעם קאַזאַקין זיך אַוועקלאָזן שיִער נישט געאָרעמט איינער מיטן אַנדערן אין קלויסטער אַריין. און אויב איוואַן איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט געהאַט זייער אַ שאַרפע ראיה, פלעגט דער ערשטער באַמערקן אַ קאַלוזשע אָדער עפּעס אַן אומריינקייט אין מיטן דער גאַס, וואָס טרעפט זיך אַמאָל אין מירגאָראָד, האָט ער שטענדיק געפלעגט זאָגן צו איוואַן ניקיפאָראָוויטשן:

— טוט אַכטונג, טרעט דאָ נישט אַריין מיט קיין פוס, וואָרום דאָ איז נישט גוט.

איוואַן ניקאָפאָראָוויטש פון זיין זייט האָט אויך אַרויסגעוויזן די סאַמע רירנדיקסטע סימנים פון גוטפריינטשאַפט און ווי ווייט ער זאָל נישט געווען פון אים שטיין, האָט ער שטענדיק געפלעגט אויסציען צו איוואַן איוואַנאָוויטשן די האַנט מיטן שקעטעלע, צוזאָגנדיק: „נעמט גיטיקס!" און וואָס פאַר אַ הערלעך באַלעבאַטישקייט זיי ביידע האָבן!

און די דאָזיקע צוויי פריינט!... אַז איך האָב דאָס דערהערט, האָט עס מיך ווי אַ דונער געטראָפן! לאַנג האָב איך נישט געוואָלט גלייבן. גאָט גערעכטיקער! איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך צעקריגט מיט איוואַן ניקיפאָראָוויטשן! אַזעלכע בכבודיקע מענטשן! וואָס-זשע איז אַצינד דאָ זיכערס אויף דער וועלט?

ווען איוואַן איוואַנאָוויטש איז אַהיים געקומען, איז ער נאָך לאַנג געווען שטאַרק אויפגערעגט. פריִער פלעגט ער שטענדיק אַריינגיין אין שטאַל אַריין אַ קוק טון, צי עסט די קאָבילע דאָס היי (איוואַן איוואַנאָוויטש האָט געהאַט אַ געפלעקטע קאָבילע מיט אַ ליסענע אויפן קאָפּ: זייער אַ וווּיל פערדל); דערנאָך פלעגט ער קאָרמענען די אינדיטשקעס און די חזירמלעך פון זיינע אייגענע הענט אַרויס און ערשט דאַמאָלס אַריינגיין אין די שטובן אַריין, וווּ ער פלעגט מאַכן הילצערן געפעס (ער קען זייער קינסטלעך מאַכן פון האָלץ פאַרשידענע זאַכן, פונקט אַזוי גוט ווי אַ טאָקער), אָדער לייענען דאָס ביכל, וואָס איז געדרוקט בײַ ליובי, גאַרי און פּאָפּאָוו (דעם נאָמען פונם ביכל געדענקט נישט איוואַן איוואַנאָוויטש, ווייל די אייבערשטע טייל פונם שער-בלעטל האָט די מויד אָפּגעריסן שוין זייער לאַנג, פאַרשפּילנדיק דאָס קינד), אָדער פלעגט זיך צולעגן אונטער דער פאָדשעניע.

איצט אָבער האָט ער זיך נישט גענומען צו קיין איינער פון

זייגע באַשעפטיקונגען. נאָר אָנשטאָט דעם, באַגעגענענדיק האַפּקען, האָט ער זי גענומען זידלען, פאַרוואָס זי דרייט זיך אַרום אָן אַרבעט, בשעת ווען זי האָט גאָר געשלעפּט אויף זיך אין קיך אַריין אַ זעקל גרויפּן; דעם האָן, וועלכער איז צוגעקומען צום גאַנעקל נאָך זיין שטענדיקער פּאָרציע, האָט ער געוואָרפן אַ שטעקן; און ווען ס'איז צו אים צוגעלאָפן אַ פאַרשמירט ייִנגעלע אין אַ צעריסן העמדל און אָנגעהויבן שרייען: „טאַטע, טאַטע, גיב אַ לעקעכל!“ האָט ער זיך צו אים אַזוי שרעקלעך צעגראָזשעט און צעטופּעט מיט די פיס, אַז דאָס צעשראָקענע ייִנגעלע איז אַנטלאָפן, גאָט ווייסט וווהין.

ענדלעך איז ער פונדעסטוועגן געקומען צו זיך און זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט זיינע שטענדיקע געשעפטן. מיטאָג האָט ער געגעסן ערשט שפּעט פאַרנאַכט־צו און זיך צוגעלייגט אונטער דער פּאָדשעניע. דער גוטער באָרשטש מיט די טייבעלעך האָט אינגאַנצן פאַרטריבן די פריערדיקע געשעענישן.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן זיין באַלעבאַטישקייט. צום סוף האָבן זיך זיינע אויגן אָפּגעשטעלט אויפן שכנישן הויף און ער האָט צו זיך אַזוי געזאָגט:

„כ'בין היינט נישט געווען בא איוואַן ניקיפאָראָוויטשן, לאָמיך נאָר אַריינגיין צו אים.“

זאָגנדיק דאָס, האָט איוואַן איוואַנאָוויטש גענומען דעם שטעקן מיטן היטל און איז אַרויס אויף דער גאַס אַרויס: נאָר באַלד ווי ער איז אַרויס פאַרן טויער, האָט ער זיך דערמאַנט אָן דעם ברוגז, האָט אויסגעשפּיגן און איז צוריק אַריינגעגאַנגען.

— כמעט די זעלבע מעשה איז פאָרגעקומען אויך בא איוואַן ניקיפאָראָוויטשן אויפן הויף. איוואַן איוואַנאָוויטש האָט געזען, ווי די באַבע האָט שוין געהאַט געשטעלט אַ פוס אויפן פלויט, כדי

אַריבערצוקריכן צו אים אין הויף אַריין, האָט זיך ראַפּטום דערהערט איוואַן ניקיפאָראָוויטשס קול.

— צוריק, צוריק! מען דאַרף נישט!

פונדעסטוועגן איז איוואַן איוואַנאָוויטש געוואָרן זייער אומעטיק. ס'קען זייער מעגלעך זיין, אַז די דאָזיקע צוויי בכבודיקע מענטשן וואָלטן זיך אויפן צווייטן טאָג באַלד איבערגעבעטן, ווען נישט אַ גאַנץ נייע געשעעניש בא איוואַן ניקאָפאָראָוויטשן אין הויז, וואָס האָט צונישט געמאַכט יעדער האָפנונג און האָט נאָך אונטערגעגאָסן בוימל אויפן פייער פון מחלוקת, וואָס איז גרייט געווען אויסצוגיין.

דעם זעלבן פאַרנאַכט איז צו איוואַן ניקיפאָראָוויטשן געקומען צו פאָרן אַגאַפיאַ פעדאָסעיעוונאַ. אַגאַפיאַ פעדאָסעיעוונאַ איז נישט געווען איוואַן ניקיפאָראָוויטשס נישט קיין קרובה, נישט קיין פריינט, דאַכט זיך דאָך, זי האָט לחלוטין נישט געהאַט נאָכוואָס צו אים צו קומען? און ער אַליין איז אויך נישט איבעריק צופרידן געווען פון איר? פונדעסטוועגן איז זי יאָ געקומען און אָפּגעוווינט בא אים גאַנצע וואָכן און אַמאָל מער אויך. דאַמאָלס פלעגט זי צונעמען די שליסלען און דאָס גאַנצע הויז נעמען צו זיך אין די הענט אַריין.

דערמיט פלעגט איוואַן ניקיפאָראָוויטש בלייבן נישט זייער צופרידן, פונדעסטוועגן פלעגט ער זי, צום גרויסן וווּנדער האָרכן ווי אַ קליין קינד און כאָטש ער פלעגט אַמאָל פּרוּוון זי איבערשפּאַרן, פלעגט דאָך אַגאַפיאַ פעדאָסעיעוונאַ שטענדיק בלייבן פון אויבן.

איך פאַרשטיי נישט אינדערעמתן, פאַרוואָס איז שוין אַזוי אַנייגעפירט געוואָרן, וואָס פרויען כאַפּן אונדז אָן בא דער נאָז פּונקט אַזוי פלינק ווי באַם אויערל פון אַ טשייניקל: צי זייערע הענט זענען שוין אַזוי באַשאַפן, אָדער אונדזערע נעז טויגן טאַקע מער

צו גאָרגישט. און דאָך, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איוואַן ניקיפאָראָוויטשס נאָז איז געווען עפּעס ענלעך צו אַ פלוים, האָט זי אים פונדעסטוועגן אָנגעכאַפּט באַ דער דאַזיקער נאָז און אים אַרומגעפירט באַ איר ווי אַ הינטל.

ער האָט אַפילו צוליב איר געביטן נישט-ווילנדיק זיין אַרט לעבן: נישט אַזוי לאַנג געלעגן אויף דער זון, און אויב ער איז שוין יאָ געלעגן, איז נישט אין דער נאַטור, נאָר אָנגעטון דאָס העמד מיט די הויזן, כאָטש אַגאַפיאַ פעדאָסעיעוונאַ האָט עס לחלוטין נישט פאַרלאַנגט. זי איז קיין בעל-עסקן נישט געווען אויף צערעמאָניעס, און ווען איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט געליטן אויף קדחת, האָט זי אַליין אים אויסגעריבן מיט אירע אייגענע הענט מיט עסיק און מיט טערפּעטין פון קאָפּ ביז די פיס.

אַגאַפיאַ פעדאָסעיעוונאַ האָט געטראָגן: אויפן קאָפּ אַ טשעפּיק, אויף דער נאָז דריי בראָדאַווקעס און אַ קאַווע-קאָלירענעם ראָק מיט געלע בלומען. איר גאַנצע פיגור האָט געהאַט אַ פנים פון אַ פעסעלע, און דעריבער איז פונקט אַזוי שווער געווען צו געפינען באַ איר אַ טאַליע, ווי ס'איז שווער צו זען אָן אַ שפּיגל די אייגענע נאָז. פיסעלעך האָט זי געהאַט קורצינקע, אויסגעפורעמטע אין געשטאַלט פון צוויי קישנס. זי איז געווען אַ רכילותניצע, האָט יעדן פרימאָרגן געגעסן געקאָכטע בוראַקעס און אויסגעצייכנט גוט געשאָלטן; און באַ די אַלע פאַרשידנאַרטיקע טועכצן, האָט איר פנים אויף קיין איין מינוט נישט געביטן דעם אויסדרוק, וואָס נאָר פרויען קענען אַזעלכעס אייגנטלעך באַווייזן.

ווי נאָר זי איז געקומען צו פאָרן, איז אַלץ איבערגעקערט געוואָרן; „דו, איוואַן ניקיפאָראָוויטש, זאָלסט זיך מיט אים נישט איבערבעטן, און בעט אים נישט, ער זאָל דיר מוחל זיין, ער וויל דיך אומברענגען, — אַזאַ מענטש איז דאָס שוין! דו קענסט אים צאָך נישט".

זי האָט אָנגעשושקעט, אָנגעשושקעט, די פֿאַרשאָלטענע באַבע און זי האָט אַזוי אָנגעמאַכט, אַז איוואַן ניקיפֿאָראָוויטש האָט אַפֿילו הערן נישט געוואָלט פֿון איוואַן איוואַנאָוויטשן.

אַלץ האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים. אויב דעמס אַ הונט איז אַריינגעלאָפֿן צו יענעם אין הויף אַריין, האָט מען אים געקיילט מיט אַלץ, וואָס עס איז אונטער דער האַנט געקומען; אויב די קינדערלעך זענען אַריבערגעקראָכן איבערן פּלויט, זענען זיי צוריקגעקומען מיט יעלות, מיט פֿאַריסענע העמדלעך און מיט סימנים פֿון שמיץ אויף די הינטנדלעך. אַפֿילו די באַבע אַליין, ווען איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זי אַמאָל עפּעס געוואָלט פֿרעגן, האָט זי אים אָפּגעטון אַזאַ מיאוסע זאַך, אַז איוואַן איוואַנאָוויטש, ווי אַ מענטש זייער אַן איידעלער, האָט אויסגעשפּיגן, און געזאָגט נישט מער, ווי:

— אַזאַ פּאַסקודנע באַבע, ערגער ווי דער פּריץ אירער.

צום סוף האָט נאָך דער פֿאַרהאַסטער שכן איבערגעפּולט יעדער מאָס פֿון באַליידיקונג: ער האָט פּונקט קעגנאיבער אים, דאָרט ווו ס׳איז פֿריִער געווען דער דורכקריך אין פּלויט, אונטערגעשטעלט אַ גענזן־שטאַל, ווי מיט אַ ספּעציעלן מיין צו פֿאַרשטאַרקן די באַליידיקונג. דאָס דאָזיקע שטעלעכל, וועלכעס איז פֿאַר איוואַן איוואַנאָוויטשן אַזוי עקלהאַפֿט געווען, איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן מיט אַ טייוולאָנישער שנעלקייט — אין איין טאָג.

דאָס האָט אויפֿגעוועקט אין איוואַן איוואַנאָוויטשן אַ שנאה און אַ פֿאַרלאַנג נקמה צו נעמען. ער האָט פֿונדעסטוועגן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימן פֿון קרענקונג, נישט קוקנדיק אַפֿילו דערויף, וואָס די שטאַל האָט פֿאַרכאַפּט זיינס אַ שטיקל פּלאַץ, נאָר דאָס האַרץ האָט זיך בײַ אים אַזוי געוואָרפֿן, אַז ס׳איז אים זייער שווער געווען צו דערהאַלטן די אויסערלעכע רויִקייט.

אַזוי האָט ער דורגעלעבט דעם טאָג.

ס'איז אָנגעקומען די נאַכט... אָ, ווען איך וואָלט געווען אַ מאָלער, וואָלט איך וווּנדערלעך אָפּגעמאָלט די גאַנצע שיינקייט פון דער נאַכט. איך וואָלט אָפּגעמאָלט, ווי גאַנץ מירגאָראָד שלאָפט; ווי ס'קוקן אויף איר אומבאַוועגלעך אַראָפּ די אומצאָליקע שטערן; ווי די ממשותדיקע שטילקייט הילכט אָפּ אין זיך דאָס ווייטע און נאָנטע בילן פון די הינט; ווי פאַרביי זיי טראָגט זיך אַ פאַרליבטער קלויסטער־שייגעץ און קריכט איבער אַ פאַרקאַן מיט אומדערשראָקענער העלדישקייט; ווי די ווייסע ווענט פון די הייזער, פאַרכאַפּט פון לבנה־שיין, ווערן נאָך ווייסער, די ביימער וואָס רינגלען זיי אַרום — טונקעלער, דער שאָטן פון די ביימער לייגט זיך שוואַרצער, די בלומען און דאָס פאַרשטומטע גראָז — שמעקעדיקער און די גרילן, די אומדערמידלעכע נאַכט־העלדן, שפּילן אויף אינאיינעם זייערע גרילצנדיקע לידער פון אַלע ווינקעלעך אַרויס. איך וואָלט אָפּגעמאָלט, ווי אין איינעם פון די נידעריקע, ליימענע שטיבעלעך, צעלייגט אויפן איינזאַמען געלעגער, חלומט זיך אַ שוואַרצבריעמענדיקן שטאָטישן מיידל מיט צאַפּלדיקע, יונגע ברוסטן אַ הוזאַריש וואָנסעלע, שפּאָרן, און די שיין פון דער לבנה לאַכט אויף אירע באַקן. איך וואָלט אָפּגעמאָלט, ווי איבערן ווייסן שליאַך שוועבט אַדורך אַ שוואַרצער שאָטן פון אַ פלעדערמויז און זעצט זיך אויף די ווייסע קוימענס פון די הייזער...

נאָר אסור אויב איך וואָלט געקענט אָפּמאָלן איוואַן איוואַנאָוויטשן, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען אין דער דאָזיקער נאַכט מיט אַ זעג אין דער האַנט.

וויפיל פאַרשידענע געפילן זענען אויסגעדריקט געווען אויף זיין פּנים! שטיל, שטיל האָט ער זיך אונטערגעגנבעט און איז צוגעקראָכן צום געגנז־שטעלעכל. איוואַן ניקיפאָראָוויטשס הינט האָבן נאָך בישט געוווסט וועגן דער קריג, וואָס איז צווישן זיי פאָרגעקומען, און זיי האָבן אים דעריבער ווי אַן אַלטן גוטן פריינט צוגע־

לאָזט צום שטעלעכל, וועלכעס האָט זיך געהאַלטן אינגאַנצן אויף פיר דעמבענע סלופּקעס.

צוגעקראָכן צום נאָנטסטן סלופּ, האָט ער צוגעשטעלט די זעג און אָנגעהויבן זעגן. דער גערויש, וואָס די זעג האָט אָנגעמאַכט, האָט אים געצוווּנגען יעדע ווײַלע זיך אומצוקוקן, נאָר דער געדאַנק וועגן דער באַליידיקונג האָט אים ווייטער אונטערגעגעבן מוט. דער ערשטער סלופּ איז שוין אונטערגעזעגט; איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך גענומען צום צווייטן. זײַנע אויגן האָבן געברענט און גאָרנישט געזען פון שרעק. פּלוצלינג האָט איוואַן איוואַנאָוויטש אַ געשריי געטון און איז אײַנגאַנצן אָפּגעשטאָרבן: ס'האָט זיך אים באַוויזן אַ מת. ער איז אָבער באַלד צו זיך געקומען, דערזעענדיק, אַז דאָס איז געווען אַ גאַנדז, וועלכע האָט צו אים אַ האַלדז אַרויסגערוקט.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אַ שפּיי געטון פון פאַרדרוס און גענומען ווייטער טון זײַן אַרבעט. דער צווייטער סלופּ איז אויך אונטערגעזעגט; די געביידע האָט זיך אַ שאָקל געטון. ווען איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך גענומען צום דריטן, האָט זײַן האַרץ אָנגעהויבן אַזוי שרעקלעך קלאַפּן, אַז ער האָט אַזש עטלעכע מאָל איבערגעריסן די אַרבעט. ער האָט שוין געהאַט אונטערגעזעגט מער ווי אַ האַלבן סלופּ, האָט זיך פּלוצלינג די צעטרייסלטע געביידע אַ שטאַרקן וויג געטון. איוואַן איוואַנאָוויטש האָט קוים באַוויזן אָפּצושפּרינגען, און די געביידע האָט מיט אַ טראַסק זיך אַ שאָט געטון.

ער האָט געכאַפּט די זעג און געקומען צו לויפן אַהיים אין אויסטערלישער שרעק, אַרײַנגעוואָרפן זיך אין בעט און נישט דערוועגט זיך אַפילו אַ קוק צו טון אויף די פאָלגן פון זײַן שרעקלעכן טאַט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז איוואַן ניקיפאָראָוויטשס גאַנצער הויף האָט זיך צוזאַמענגענומען: די אַלטע באַבע, איוואַן ניקיפאָראָוויטש, דאָס ייִנגל אין אומענדלעכן סורדוט און אַלע מיט דרענגער האָבן זיך אונטער אַגאַפיאַ פעדאָסעיעוונאַס קאָמאַנדע אַ לאָז געטון

צו צושטערן און איינצולייגן זיין הויז. דעם גאַנצן מאָרגעדיקן טאָג איז איוואַן איוואַנאָוויטש איבערגעקומען ווי אין פיבער.

עס האָט זיך אים אַלץ פאָרגעשטעלט, אַז דער פאַרהאַסטער שכן זיינער וועט אויס נקמה פאַרן נעכטיקן צום ווייניקסטן אים כאָטש אונטערצינדן דאָס הויז; און דעריבער טאַקע האָט ער האַפּקען איבערגעגעבן אַ באַפעל, זי זאָל יעדער מינוט אומעטום אַרומקוקן, צי האָט מען נישט אונטערגעלייגט ערגעץ קיין טרוקן שטרוי.

און ענדלעך, כדי צו פאַרכאַפּן פאָרויס פאַר איוואַן ניקיפאָראָוויטשן, האָט ער זיך באַשלאָסן אים אַריינצופאָרן אין וועג אַריין און האָט איינגעגעבן אויף אים אַ ביטע אין מירגאָראָדער פּאָוויאַטאָווע געריכט.

וואָס אין איר איז געווען, דאָס קען מען זיך דערוויסן פון ווייטערדיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל פֿיר

װאָס איז פֿאָרגעקומען אין זיצונגס-שטוב פֿון מירגאָראָדער פּאָװיאַטאָװע געריכט.

אַ װוּנדערלעכע שטאָט מירגאָראָד! װאָס פֿאַר אַ געבײַדעס זענען דאָרט נישט דאָ? מיט שטרויענע, מיט סככענע און אַפֿילו מיט הילצערנע דעכער. רעכטס אַ גאַס, לינקס אַ גאַס, אומעטום הערלעכע פֿאַרקאַנעס, אויף זיי װיקלען זיך האָפּן, אויף זיי הענגען טעפּלעך, פֿון הינטער זיי װײַזן רויזן אַרויס זייערע זון-אַרטיקע קעפּ, מאַקעװקעס רויטלען זיך, גראָבע באַניעס בליקן אַפֿער... אַ ראָסקאָש! די פֿאַרקאַנעס זענען שטענדיק באַצירט מיט זאַכן, װאָס מאַכן זיי נאָך פּרעכטיקער: אָדער אַן אַרויפֿגעצויגענער שפּענצער, אָדער אַ העמד, אָדער אַ פּאָר הויזן. אין מירגאָראָד זענען נישט פֿאַרהאַן נישט קיין גנבֿות, נישט קיין רויבערייען, און דעריבער הענגט זיך יעדער אַרויס אויפֿן פּלויט, װאָס אים געפֿעלט נאָר.

קוים װעט איר אָנקומען צום מאַרק-פּלאַץ, װעט איר זיך געװיס אָפּשטעלן אויף אַ װײַלע אָנצוקוקן זיך מיט אַ בילד: דאָרט געפֿינט זיך אַ קאַלוזשע, אַ װוּנדערלעכע קאַלוזשע! די איינציקע, װאָס איז אײַך אַ מאָל אויסגעקומען צו זען! זי פֿאַרנעמט כמעט דעם גאַנצן פּלאַץ. אַ הערלעכע קאַלוזשע! די הײַזער און די הײַזלעך, װאָס פֿונדערװײַטנס קען מען זיי האַלטן פֿאַר סטויגן היי, האָבן

זיך אַרומגעשטעלט אַרום איר פון אַלע זייטן און באַוווּנדערן איר שיינקייט.

נאָר איך האַלט מיך בײַ דעם געדאַנק, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שענער הויז ווי דאָס פּאָוויאַטאָווע געריכט. צי דאָס הויז איז אַ דעמבענס, צי איז עס אַ בויעזנס — נישט מיין זאַך, נאָר עס האָט, מיינע געערטע הערן, אַכט פענסטער! אַכט פענסטער אין דער לענג, גלייך אויפן מאַרק אַרויס און אויף יענעם וואַסער־שטח, וועגן וועלכן איך האָב שוין גערעדט, און וועלכן דער נאַטשאַלניק האָט אַ נאָמען געטון אַזיערע!

בלויז דאָס הויז אַליין איז אָפּגעמאַליעוועט אין אַ גראַניט־קאָליר, אַלע איבעריקע הייזער אין מירגאָראָד זענען פּשוט אָפּגעווייסט. דער דאַך איז אינגאַנצן אַ הילצערנער און וואָלט אַפילו געווען אָפּגעפאַרבט מיט אַ רויטער פאַרב, ווען די שרייבערס וואָלטן נישט געווען אויפגעגנאַשט דעם צוגעגרייטן אייל, צופּראַווענדיק אים מיט ציבעלעס, ווייל די מעשה איז ווי צו להכעיס אויסגעקומען אים פאָסט, — און דער דאַך איז געבליבן אַן אומגעמאַליעוועטער.

צום מאַרק צו גייט אַרויס אַ גאַנעקל, אויף וועלכן עס דרייען זיך אָפט אַרום הינער, דערפאַר ווייל אויף דעם גאַנעקל ווערן כמעט שטענדיק פאַרשיט גרויפּן, אָדער אַנדערע מינים עסנוואַרג, וואָס ווערט אגב נישט געטון אומישנע, נאָר פּשוט צוליב דער אומפּאָר־זיכטיקייט פון די באַזוכערס.

דאָס הויז איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן: אין איין טייל דאָס געריכט, אין דער צווייטער טייל דער אַרעסט. אין דער העלפט, וווּ ס׳געפינט זיך דאָס געריכט, זענען דאָ צוויי ריינע, אויסגעווייסטע שטובן, איינע אַ פאָדערשטוב פאַר די באַזוכערס, אין דער צווייטער אַ טיש באַצירט מיט טינט־פלעקן, אויפן טיש אַ שפּיגל, פיר דעמבענע שטולן מיט הויכע אָנלענען; בײַ די ווענט קופערטעס, אָפּגעקאָוועטע מיט אייזן, אין וועלכע עס ווערן אויסבאַהאַלטן די

בערג פּאָוויאַטאָווע סקאַרגעס. אויף איינעם פון די דאָזיקע קופּערטעס איז פּונקט דאַמאָלס געשטאַנען אַ שטיחל, אָפּגעפּוצט מיט שוואַקס.

דאָס געריכט האָט זיך אָנגעהויבן באַלד אינדערפרי. דער סודיאַ, אַ גאַנץ דיקער מענטש, כאָטש אַ ביסעלע איידעלער פון איוואַן ניקיפאָראָוויטשן, מיט אַ גוטמוטיקער מינע, אין אַ פאַרשמאָלצעגעם כאַלאַט, מיט אַ לולקעלע און מיט אַ שעלעכל טיי האָט געשמועסט מיטן געהילף־סודיאַ.

באַם סודיאַ האָבן זיך די ליפּן געפונען אונטער דער סאַמערעדנע נאָז, און דעריבער האָט זיין נאָז געקענט שמעקן צו דער ליפּ, וויפיל דאָס האַרץ האָט נאָר געגלוסט. די דאָזיקע ליפּ האָט אים געניצט פאַר אַ טאַבעק־שקעטעלע, ווייל דער טאַבעק, וועלכער איז אַדרעסירט געווען אין דער נאָז אַריין, האָט זיך כמעט שטענדיק אויף איר צעזייעט. און אַזוי האָט דער סודיאַ געשמועסט מיטן געהילף. אין דער זייט האָט אַ באָרוועסע שיקסע געהאַלטן אַ טאַץ מיט שעלעכלעך. אין עק טיש האָט דער סעקרעטאַר געלייענט דעם אורטייל פון אַ פּראָצעס, נאָר מיט אַזאַ טרויעריקן ניגון, אַז דער באַשולדיקטער אַליין וואָלט אַנטשלאָפן געוואָרן הערנדיק. פריִער פון יעדן איינעם וואָלט עס אָן ספק געטון דער סודיאַ, ווען ער זאָל בשעת מעשה נישט געווען אַריין אין אַן אינטערעסאַנטן שמועס:

— איך האָב מיך ספּעציִעל באַמיט געוווּיר צו ווערן, — האָט דער סודיאַ גערעדט, צוזיפּנדיק די טיי פון אויסגעקילטן שעלכל — אויף וואָס פאַר אַן אופן דאָס ווערט געמאַכט, וואָס זיי זינגען אַזוי שיין. מיט אַ יאָר צוויי צוריק האָב איך געהאַט אַ טייערן פויגל. און וואָס־זשע? פּלוצלינג איז ער איינגאַנצן קאַליע געוואָרן, ער האָט אָנגעהויבן זינגען, איין גאָט ווייסט וואָס: אַלעמאָל ערגער און ערגער; אָנגעהויבן שטאַמלען, כאָרכלען, — כאָטש וואַרף אים אויף דער גאַס אַרויס! און ס'איז דאָך אַ פּשוטע נאַרישקייט! דאָס

מאַכט זיך אָט פון וואָס: אונטערן האַלדז מאַכט זיך אַ באָמבאָן קלע־נער פון אַן אַרבעסל, דאָס דאַזיקע באָמבאָנטשיקל דאַרף מען נאָר אויפשטעכן מיט אַ נאָדל, דאָס האָט מיך אויסגעלערנט זאַכאַר פראָקאָפיעוויטש, און אָט, אויב איר ווילט, וועל איך אייך דערציילן, איך וואָס פאַר אַן אופן דאָס איז פאָרגעקומען: איך קום צו פאָרן צו אים...

— איר וועט הייסן, דעמיאַן דעמיאַנאָוויטש, לייענען דעם צווייטן אורטייל? — האָט דער סעקרעטאַר איבערגעריסן, שוין האָבנדיק פון עטלעכע מינוט געענדיקט דאָס לייענען.

— איר האָט שוין איבערגעלייענט? אַך, זעט נאָר, ווי גיך! און איך האָב אַפילו נישט געהערט גאָרנישט! וווּ זשע איז עס דאָרט? גיט עס אַהער, וועל איך אונטערשרייבן. וואָס האָט איר נאָך עפּעס?

— דעם פּראָצעס פונם קאָזאַק באָקיטקע, וועגן דער געגנבע־טער קו.

— גוט, לייענט. — נו, יאָ, קום איך אַזוי צו אים צו פאָרן... איך קען אייך אַפילו איבערגעבן מיט אַלע איינצלהייטן, מיט וואָס ער האָט מיך אויפגענומען. צום בראָנפן האָט מען דערלאַנגט באַליק, מיט וועלכן (דערביי האָט דער סודיאַ אַ קנאַק געטון מיט דער צונג, געטון אַ שמייכל און זיין נאָז האָט אַ שמעק געטון צו איר שטענדיק שקעטעלע)... מיט וועלכן אונדזער קאָלאָניאַל־געוועלב איז אונדז מהנה. קיין הערינג האָב איך נישט געגעסן, ווייל, ווי איר אַליין ווייסט, האָב איך אַ טבע, אַז פון הערינג הייבט מיר אָן ברענען אונטערן לעפעלע, נאָר פונם רויג האָב איך יאָ פאַרזוכט, — אויס־געצייכנטער רויג! נישטאָ וואָס צו רעדן, הערלעכער! דערנאָך האָב איך געטרונקען פערזשעכע־בראָנפן געשטעלט אויף נעלקן־קרייטעכ־צער. געווען איז אויך שאַפראַנער; נאָר קיין שאַפראַנער בראָנפן, ווי איר ווייסט אַליין, באַנוץ איך נישט. ער, זעט איר, איז גאַנץ

גוט: פּאָרויס, ווי זאָגט מען עס, צוצערייסן דעם אַפּעטיט און דערנאָך ערשט זיך אַ נעם צו טאָן... אָ! וועמען זע איך דאָ! ניִשט צו הערן, ניִשט צו זען... — האָט פּלוצלינג דער סודיאַ אויסגעשריגן, דערזעענדיק אין דער טיר איוואַן איוואַנאָוויטשן.

— גאָט העלף! כ'ווינטש געזונט! — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש אַרויסגערעדט, פאַרנייגנדיק זיך אין אַלע זייטן מיט יענער איינגעבוירענער ליבלעכקייט, וועלכע נאָר ער איינער האָט פאַרמאָגט.

גאָט מיינער! ווי ער האָט דאָס אַלעמען געקענט באַצויבערן מיט זיין באַנעמונג! אַזאַ איידלקייט האָב איך אין ערגעץ ניִשט באַגעגנט. ער האָט אַליין זייער גוט געוווּסט וועגן זיין בכבודיקייט און דערפאַר האָט ער טאַקע אויף דער אַלגעמיינער אַכטונג געקוקט ווי אויף עפּעס אַ זאַך, וואָס קומט אים.

דער סודיאַ אַליין האָט דערלאַנגט איוואַן איוואַנאָוויטשן אַ שטול, זיין נאָז האָט אויסגעשמעקט דעם גאַנצן טאַבעק פון דער אייבערשטער ליפּ אַראָפּ, וואָס דאָס איז בא אים שטענדיק געווען אַ סימן פון גרויס צופרידנקייט.

— וואָס וועט איר אייך הייסן דערלאַנגען, איוואַן איוואַנאָוויטש! — האָט ער אים געפרעגט — פאַרלאַנגט איר אפשר אַ שעלעכל טיי?

— ניין, איך דאַנק בעסטנס, — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש געענטפערט, זיך פאַרנייגט און צוריק אַוועקגעזעצט.

— טוט אַ געפעליקייט, איין שעלעכל! — האָט דער סודיאַ איבערגעחזרט.

— ניין, אַ דאַנק. איך בין העכסט צופרידן מיט דער גאַסטפריינטלעכקייט, — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש געענטפערט, זיך פאַרנייגט און צוריק אַוועקגעזעצט.

— איין שעלעכל! — האָט דער סודיאַ נאָכאַמאָל געזאָגט.

— ניין, באַמרויקט אייך נישט, דעמיאַן דעמיאַנאָוויטש! — דערביי האָט זיך איוואַן איוואַנאָוויטש פאַרנייגט און צוריק אַוועקגעזעצט.

— אַ שעלעכל?

— זאָל שוין זיין, אויב איין שעלעכל? — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש אַרויסגערעדט און אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער טאַץ.

גאָט מיינער! וואָס פאַר אַ תהום איידלקייט עס קען פאַרמאָגן אַ מענטש! ס'איז נישט איבערצוגעבן, וואָס פאַר אַן אָנגענעמען איינדרוק אַזעלכע טאַטן פאַרשאַפן.

— אפשר פאַרלאַנגט איר נאָך אַ שעלעכל?

— איך דאַנק אונטערטעניקסט, — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש געענטפערט, אַנידערשטעלנדיק איבערגעדרייט דאָס שעלעכל אויף דער טאַץ און זיך פאַרנייגנדיק.

— טוט אַ געפעליקייט, איוואַן איוואַנאָוויטש!

— איך קען נישט, איך בין העכסט דאַנקבאַר, — דערביי האָט זיך איוואַן איוואַנאָוויטש פאַרנייגט און צוריק אַוועקגעזעצט.

— איוואַן איוואַנאָוויטש, טוט אַ טובה, איין שעלעכל!

—ניין, איך בין איבער דאַנקבאַר פאַרן אויפנעמען, — זאָגנדיק דאָס, האָט זיך איוואַן איוואַנאָוויטש פאַרנייגט און צוריק אַוועקגעזעצט.

— אַ שעלעכל נאָר! איין שעלעכל!

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דער טאַץ און גענומען אַ שעלעכל.

ווי מ'קען דאָס אַזוי, ווי אַ מענטש טרעפט דאָס אַזוי צו אונטערצוהאַלטן זיין כבוד!

— דעמיאַן דעמיאַנאָוויטש, — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש גע-

זאָגט, אויסטרינקענדיק דעם לעצטן שלוק טיי — איך קום צו אייך מיט אַ נייטיקן ענין: איך גיב אָן אַן אָנקלאַגע.

דערביי האָט איוואַן איוואַנאָוויטש אָוועקגעשטעלט דאָס שע־לעכל און אַרויסגענומען פון קעשענע אַ הערבאָווע בויגן פּאַפּיר.

— אַן אָנקלאַגע אויפן שונא מיינעם, אויפן פאַרביסענעם שונא.

— אויף וועמען איז דאָס?

— אויף איוואַן ניקיפאָראָוויטש דאָווגאָטשכונען.

בײַ די דאָזיקע ווערטער איז דער סודיאַ שיִער נישט אַראָפּ־געפאַלן פון דער שטול.

— וואָס זאָגט איר? — האָט ער קוים אַרויסגערעדט, אַ פּאַטש טוענדיק מיט די הענט: איוואַן איוואַנאָוויטש, דאָס זענט איר?

— איר זעט דאָך אַליין, אַז איך בין עס.

— גאָט איז מיט אייך! אַלע הייליקע מיט אייך! וואָס? איר, איוואַן איוואַנאָוויטש זענט געוואָרן אַ שונא איוואַן ניקיפאָראָוויטשן? אייער מויל רעדט דאָס? זאָגט נאָך אַ מאָל. צי האָט זיך נישט ווער באַהאַלטן הינטער אייך און רעדט דאָס פאַר אייך?

— וואָס איז דאָ אַזוי אומגלייבלעך? איך קען נישט קוקן אויף אים: ער האָט מיר פאַרשאַפט אַ שטערבלעכע באַליידיקונג, ער האָט פאַרשענדט מיין כבוד.

— הייליקער באַשעפער! ווי אַזוי וועט מיר דאָס די מאַמעשי קענען גלייבן? און זי, די אַלטעטשקע, זאָגט דאָך יעדן טאָג, ווי נאָר איך צעקריג זיך מיט דער שוועסטער: „איר קינדערלעך, לעבט צווישן זיך ווי די הינט, אָט נעמט כאָטש אַ ביישפּיל פון איוואַן איוואַנאָ־וויטשן און איוואַן ניקיפאָראָוויטשן, דאָס זענען פריינט, — שוין איינ־מאָל פריינט! דאָס הייסט פריינט! דאָס הייסט בכּבודיקע מענטשן!" — איצט האָסטו דיר גוטע פריינט! — דערציילט כאָטש, פאַרוואָס איז דאָס? ווי אַזוי?

— דאָס איז, דעמיאַן דעמיאַנאָוויטש, אַן איידעלע זאַך! מיט

ווערטער קען מען עס נישט איבערגעבן. הייסט, גלייכער, איבערלייענען די ביטע. אָט, נעמט פון דער זייט, דאָ איז אָנשטענדיקער.

— לייענט, טאַראַס טיכאָנאָוויטש, — האָט דער סודיאַ געזאָגט, זיך ווענדנדיק צום סעקרעטאַר.

דער סעקרעטאַר האָט צוגענומען די ביטע, און אויסשנייצנדיק זיך אויף דעם זעלבן אופן, ווי עס שנייצן זיך אויס אַלע סעקרעטאַרן פון די פּאָוויאַטאָווע געריכטן, ד. ה., מיט דער הילף פון צוויי פינגער, האָט ער אָנגעהויבן לייענען:

„פונם אַדלמאַן פון מירגאָראָדער פּאָוויאַט און גוט-באַזיצער איוואַן, איוואַנס זון, פּערעפּענקאָ אַ ביטע; און וועגן וואָס, וועגן דעם פאָלגן פונקטן:

1) דער גאַנצער וועלט שוין באַקאַנטער מיט זיינע גאָטלעסטערנדיקע, אין עקל-אַריינברענגענדיקע און יעדער מאָס אַריבערשטייגנדיקע, קעגנגעזעצלעכע מעשים, דער אַדלמאַן איוואַן, ניקיפאָרס זון, דאָווגאָטשכון האָט אין לויפנדן יאָר 1810, דעם 7-טן יולי מיר פאַרשאַפן אַ שטערבלעכע באַליידיקונג, הן פּערזענלעך בנוגע מיין כבוד, ווי אויך גלייכצייטיק צום דערנידעריקן און פאַרשעמען מיין טיטול און פאַמיליע-נאָמען. דער דאָזיקער אַדלמאַן האָט דערצו נאָך אַליין אַן עקלהאַפטן אויסזען, אַ כאַראַקטער אַ זידלערישן און איז איבערפולט מיט פאַרשידנאַרטיקע גאָטלעסטערונגען און זידלערישע ווערטער".

דאָ האָט זיך דער לייענער אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, כדי זיך נאָכאַמאָל אויסצושנייצן און דער סודיאַ האָט מיט יראת הכבוד פאַרלייגט די הענט און האָט נאָר גערעדט צו זיך:

— וואָס פאַר אַ שטאַרקע פעדער! גאָט, גאָטעניו! ווי עס שרייבט דאָס דער דאָזיקער מענטש!

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט געבעטן לייענען ווייטער טאַראַס־איכאַנאָוויטש האָט גענומען לייענען:

„דער דאָזיקער אַדלמאַן איוואַן, ניקיפאָרס זון, דאָווגאַטשכון, ווען איך בין צו אים געקומען מיט פרייַנטשאַפטלעכע פאָרשלאָגן, האָט ער מיך אָנגערופן עפנטלעך מיט אַ נאָמען אַ באַליידיקנדן און אַ שענדלעכן פאַר מיין כבוד און נעמלעך מיטן נאָמען „גאָנער”, בשעת ווען דעם גאַנצן מירגאָראָדער פּאָוויאַט איז באַוווּסט, אַז מיטן נאָמען פונם דאָזיקן נמאסן באַשפעניש האָב איך זיך קיינמאָל נישט אָנגערופן און האָב אַפילו נישט בדעה אין דער צוקונפט זיך אָנצורופן. אַלס באַווייז פון מיין אַדעליקער אָפּשטאַמונג קען דינען דאָס, וואָס אין די מעטריקע-ביכער, וועלכע געפינען זיך אין קלויסטער פון „די דריי הייליקע” איז פאַרשריבן צוגלייך מיטן טאָג פון מיין געבוירן אויך די טויפונג, וואָס איך האָב באַקומען. אַ גאָנער אָבער, ווי ס'איז באַוווּסט יעדן איינעם, ווער ס'איז נאָר עטוואָס באַקאַנט אין די וויסנשאַפטן, קען נישט זיין פאַרשריבן אין קיין מעטריקע-ביכער, ווייל אַ גאָנער איז קיין מענטש נישט, נאָר אַ פויגל, וואָס איז שוין באַוווּסט אַלעמען, אַפילו אַזעלכן, וועלכער האָט נישט באַזוכט קיין סעמינאַריע, אָבער דער־יעניקער אומווירדיקער אַדלמאַן, זייענדיק אין דעם אַלעם באַהאַוונט, האָט נישט צוליב עפּעס אַנדערש, נאָר כדי צו פאַרשאַפן פאַר מיין ראַנג און טיטול אַזאַ שטאַרבלעכע באַליידיקונג, מיך אויסגעזידלט מיטן דאָזיקן מיאוסן וואָרט.

2) דער זעלבער נישט אָנשטענדיקער און געמיינער אַדלמאַן האָט זיך אַ חוץ אַלעם אויך פאַרלייגט אויף מיין געירשנט אייגנטום, וואָס איך האָב באַקומען בירושה פון

מיין פאָטער, וועלכער איז געווען פון גייסטלעכן שטאַנד, זיין הייליק אָנדענקען, איוואַן, אָניסיס זון, פּערעפּענקאָ, ער האָט קעגן אַלע געזעצן איבערגעשטעלט זיין געבדזן־שטעלעכל פּונקט קעגנאיבער מיין גאַנעק און דאָס איז געמאַכט געוואָרן נישט מיט קיין שום אַנדערער אָפּזיכט, ווי נאָר צו פאַרשטאַרקן די מיר פאַרשאַפענע באַליידיקונג, ווייל דאָס דאָזיקע שטעלעכל איז ביז איצט געשטאַנען אויף אַ נישקשהדיק אָרט און איז נאָך געווען גענוג פעסט. אָבער די עקלהאַפטע אָפּזיכט פונם אויבנדערמאָנטן אַדל־מאַן איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך אין דעם, מיך צו מאַכן פאַר אַ צוקוקער פון נישט אָנשטענדיקע טועכצן: ווייל, ווי ס'איז באַוווסט, גייט נישט קיין שום מענטש אין קיין שטאַל אַריין און בפרט אין אַ געבדזן־שטעלעכל טוען אַן אָנשטענדיקע זאַך. בשעת דער דאָזיקער קעגנגעזעצלעכער טאַט האָבן די צוויי פאָדערשטע סלופּקעס פאַרכאַפּט מיין אייגענעם פּלאַץ, וועלכן כ'האָב באַקומען בירושה נאָך באַם לעבן פון מיין פאָטער איוואַן, אָניסיס זון, פּערע־פּענקאָ, וועלכער הייבט זיך אָן באַם שפּייכלער און גייט מיט אַ גלייכער ליניע ביז צו יענעם אָרט, ווו די באַבעס שווענקען די טעפּ.

3) דער אויבנפאָרגעשטעלטער אַדלמאַן, וועמענס נאָמען און פאַמיליע־נאָמען אַליין ברענגען שוין צום גרעסטן עקל, טראָגט זיך אַרום אין געדאַנק מיט אַ ביזוויליקן באַשלוס מיך אונטערצוצינדן אין מיין אייגן הויז, אומצווייפלהאַפטע סימנים דערויף ווייזן זיך בולט אַרויס פון פאָלגנדיקן: 1־טנס, דער דאָזיקער ביזוויליקער אַדלמאַן האָט אָפט אָנ־געהויבן אַרויסגיין פון זיינע חדרים, וואָס ער האָט צוליב זיין פוילקייט און העסלעכער גראָב־לייביקייט קיינמאָל

ביז איצט זיך נישט אונטערגענומען; 2-טנס, אין זיין דינערשאַפט־שטוב, וועלכע געפינט זיך האַרט באַם סאַמע פלויט, וואָס גרענעצט אָפּ מיין אייגענעם פּלאַץ, וועלכן איך האָב באַקומען פון מיין לייטזעליקן פאָטער, זיין הייליק אָנדענקען, איוואַן, אָניסיס זון, פערעפּענקאָ, ברענט טאָג־טעגלעך אַ ליכט מיט אַן אומגעוויינטלעכער לאַנגטערמיניקייט, וואָס איז שוין דער בולטסטער באַווייז אויף דעם דאָזיקן, ווייל ביז איצט איז צוליב זיין קמצנישער קאַרגשאַפט נישט אַזוי אַ חלבן ליכטל, נאָר אַפילו אַ קאַגאַנעק אויך פאַרלאָשן געוואָרן.

און דערפאַר פאַרלאַנג איך, אַז מען זאָל דעם דאָזיקן אַדלמאַן איוואַן, ניקיפאָרס זון, דאָווגאָטשכונען, אַלס שולדיקן אין אונטערצינדן, אין באַליידיקן מיין טיטול, נאָמען און פאַמיליע־נאָמען, אין גזלנישן צואייגענען זיך פרעמד פאַרמעגן און מער פאַר אַלעם אין נידערטרעכטיקן און אומדערהערטן צוטשעפּען צו מיין פאַמיליע־נאָמען דעם צונאָמען „גאָנער" — פאַראורטיילן אים צו באַצאָלן שטראָף און באַפרידיקן פאַר די קאָסטן וואָס מערער, און אים אַליין שליסן אין קייטן אַלס צעשטערער, און געשלאָסענערהייט אים אָפּפירן אין דער שטאָט־תּפיסה דער שווערער, און לויט דער דאָזיקער ביטע מיינער תּיכּף ומיד אויספירן דעם אורטייל וואָס קלערער.

אָנגעשריבן און פאַרפאַסט פון דעם אַדלמאַן, דעם מירגאָראָדער גוטבאַזיצער,

איוואַן, איוואַנס זון, פערעפּענקאָ."

נאָכן איבערלייענען די ביטע, איז דער סודיאַ צוגעגאַנגען צו איוואַן איוואַנאָוויטשן, אים אָנגענומען באַ אַ קנעפּל פון דער בעקעשע און אָנגעהויבן רעדן צו אים כּמעט אָט אַזוי:

— וואָס טוט איר אַזעלכעס, איוואַן איוואַנאָוויטש? געדענקט אָן גאָט! לאָזט געמאַכט מיט דער ביטע (זאָל זיך איר דער טייוול חלומען!) נעמט אייך בעסער אָן מיט איוואַן ניקיפאָראָוויטשן פאַר די הענט און צעקושט אייך; און קויפט טאַקע דאָס פלעשל סאַנטורינער אָדער ניקאָפּאָלער, אָדער שטעלט גאַנץ פּשוט אַ ביסל פּונש און רופט מיך אויך, וועלן מיר צוזאַמען אויסטרינקען און מ׳וועט אָן אַלעם פאַרגעסן.

— ניין, דעמיאַן דעמיאַנאָוויטש!... נישט אַזאַ זאַך איז עס, — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש געזאָגט מיט יענער ווירדע, וועלכע האָט אים שטענדיק אַזוי געפּאַסט — נישט אַזאַ זאַך איז עס, אַז מען זאָל דאָס קענען דערליידיקן אויף אַ פרידלעכן אופן. בלייבט געזונט! בלייבט איר אויך געזונט, מיינע הערן! — האָט ער געזאָגט מיט דער זעלבער ווירדע, ווענדנדיק זיך צו אַלע — איך פאַרהאָף, אַז מיין ביטע וועט האָבן די געהעריקע ווירקונג.

און ער איז אַוועקגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק דאָס גאַנצע געריכט אין שטוינונג.

דער סודיאַ איז געזעסן און קיין וואָרט נישט גערעדט; דער סעקרעטאַר האָט געשמעקט טאַבעק; די שרייבערס האָבן אומגעקערט דאָס אָפּגעבראָכענע שטיקל פון אַ פלעשל, וואָס האָט געדינט פאַר אַ טינטערל און דער סודיאַ אַליין האָט פון צעטראָגנקייט צעשמירט אויפן טיש די קאַלוזשע טינט.

— וואָס זאָגט איר צו דעם, דאָראָפעי טראָפימאָוויטש, — האָט זיך דער סודיאַ געווענדט צו זיין געהילף נאָך אַ ווײַלע שווייגן.

— גאָרנישט זאָג איך, — האָט דער געהילף-סודיאַ געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ זאַכן ס׳ווערן אַלץ אָפּגעטאָן! — האָט אַרויסגערעדט דער סודיאַ.

ער האָט נאָך נישט באַוויזן דאָס אַרויסצורעדן, ווי די טיר

האָט אויפֿגעפּלאַצט און איוואַן ניקיפֿאָראָוויטשס פֿראַנטאָווע חלק האָט זיך געטאָן אַ פּאַק אַריין אין דער טיר אַריין, די רעשט איז נאָך דערווייל געבליבן אין פֿאָדערהויז.

דאָס באַווייזן זיך פֿון איוואַן ניקיפֿאָראָוויטשן און דערצו נאָך אין געריכט אַריין איז געווען אַזאַ אומבאַטירלעכע זאַך, אַז דער סודיאַ האָט אַ געשריי געטאָן, דער סעקרעטאַר האָט איבערגעריסן דאָס לייענען, איינער פֿון די שרייבערס אין אַ פֿרעזן מלבוש, ענלעך צו אַ האַלב-פֿראַק, האָט אַריינגעשטעקט די פֿעדער אין מויל אַריין, אַ צווייטער האָט איינגעשלונגען אַ פֿליג, אַפֿילו דער בענדלדיקער אינוואַליד, וועלכער איז ביז איצט געשטאַנען בײַ דער טיר און זיך געקראַצט אונטערן העמד, דערזעלבער וואָס פֿירט אויס די פֿונקציעס פֿון אַ סטרוזש און אַ קוריער, האָט אויך צעשפּרייט דאָס מויל און אָפּגעטרעטן עמעצן אַ פֿוס.

— איך וואָס פֿאַר אַן אופֿן? וואָס, און ווי אַזוי? וואָס מאַכט איר אין געזונט? איוואַן ניקיפֿאָראָוויטש?

נאָר איוואַן ניקיפֿאָראָוויטש איז געווען נישט טויט, נישט לעבעדיק, דערפֿאַר ווייל ער איז געבליבן שטעקן אין דער טיר און האָט נישט געקענט מאַכן קיין איין טריט נישט אַהין און נישט צוריק. אומזיסט האָט דער סודיאַ אַריינגעשריגן אין דער פֿאָדערשטוב אַריין, אַז עמעץ פֿון די, וואָס געפֿינען זיך דאָרט, זאָל פֿון יענער זייט דורכשטיפֿן איוואַן ניקיפֿאָראָוויטשן אין שטוב אַריין. נאָר אין דער שטוב האָט זיך געפֿונען נאָר אַן איינציקע באַזוכערין, אַן אַלטעטשקע, וועלכע האָט, נישט קוקנדיק אויף אַלע אָנשטרענגונגען פֿון אירע ביינערדיקע הענט, גאָרנישט געקענט אויפֿטאָן. דעמאָלט האָט זיך איינער פֿון די שרייבערס מיט אַ פּאָר גראָבע ליפּן, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ גראָבער נאָז, מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס זעען אויס פֿאַרקרומט און שיכור, מיט צוויי אויסגעריסענע עלנבויגנס, דער-

געטערט צו איוואַן ניקיפאָראָוויטשס פּראָנטאָווע חלק, פאַרלייגט איב ביידע הענט פון פאָרנט אזוי ווי א קינד און אַ הונק געגעבן צום אַלטן אינוואַליד.

יעגער האָט אָנגעשפאַרט אַ קני אָן איוואַן ניקיפאָראָוויטשס בויך, און נישט קוקנדיק אויף די רחמנותדיקע קרעכצן זיינע, אים ענדלעך באַוויזן אַרויסצושפאַרן אין פאָדערהויז אַריין. דאַמאָלס האָט מען ערשט אויפגעריגלט די ריגלען און אויפגעעפנט די צווייטע האַלבע טיר. און דערביי האָבן דער שרייבער מיט זיין מיטהעלפער דעם אינוואַליד פאַרשפּרייט פון זייערע מיילער אַזאַ שאַרפן ריח, אַז די געריכטס-שטוב איז אויף אַ ווייַלע פאַוואַנדלט געוואָרן אין אַ שענק.

—צי האָט מען אייך נישט, חלילה, קיין קלאַפּ געטון, איוואַן ניקיפאָראָוויטש? איך וועל בעטן די מאַטעשי, וועט זי אייך שיקן אַ היימישע רפואה, און איר וועט אייך נאָר דערמיט אויסרייבן. די זייטן מיט דער פּלייצע, וועט אַלץ אַדורכגיין.

נאָר איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט זיך געגעבן אַ וואַליע אַני-דער אויף אַ שטול און אויסער אַלץ-איינאייגעמדיקע „אויען” האָט ער גאָרנישט געקענט אַרויסרעדן, ענדלעך האָט ער פון גרויס מי-דעקייט אַרויסגערעדט מיט אַ שוואַך קול קוים צו הערן:

— אפשר ווילט איר? און אַרויסנעמענדיק דאָס שקעטעלע פון דער קעשענע, האָט ער צוגעגעבן:

— נעמט, נעמט גיטיקס!

— איך בין זייער צופרידן, וואָס איך זע אייך, — האָט דער סודיאַ געענטפערט. — איך קען מיר אָבער בשום אופן נישט פאָרשטעלן, וואָס האָט אייך באַוויגן אונטערצונעמען אַזאַ באַמיונג און אונדז אַזוי אָנגענעם איבעראַשן מיט אייער אומגעריכט קומען?

— מיט אַ ביטע... — האָט איוואַן ניקיפאָראָוויטש קוים גע-קענט אַרויסרעדן.

— מיט אַ ביטע? מיט אַ וואַסערער?

— מיט אַן אָנקלאַגע... (דאָ האָט ער קוים געקענט כאַפּן דעם אָטעם און געמאַכט אַ לאַנגע פּויזע) אָך!... מיט אַן אָנקלאַגע אויפן באַשווינדלער איוואַן איוואַנאָוו פּערעפּענקאָ.

— גאָט מיינער! איר אויך דאָס אייגענע! אַזעלכע זעלטענע פריינט! אַן אָנקלאַגע אויף אַזאַ ווילטעטיקן מענטש!...

— ער איז דער טייוול אַליין! — האָט איוואַן ניקיפאָראָוויטש אַרויסגעשטאַמלט.

דער סודיאַ האָט זיך איבערגעצלמט.

— נעמט די ביטע, לייענט.

— פאַרפאַלן, לייענט, טאַראַס טיכאָנאָוויטש, — האָט זיך דער סודיאַ געווענדט צום סעקרעטאַר מיט אַן אומצופרידענער מינע, און דערווייל האָט זיין נאָז אומגערן אַ שמעק געטון צו דער אייבערשטער ליפּ, וואָס ער האָט אייגנטלעך שטענדיק געטון נאָר פון גרויס צופרידנקייט. די דאָזיקע עצה פון דער נאָז האָט דעם סודיאַ פאַרשאַפט נאָכמער קרענקונג, האָט ער אַרויסגענומען דאָס טיכל און האָט אָפּגעקערט פון דער אייבערשטער ליפּ אַראָפּ דעם גאַנצן טאַבעק, כדי זי צו באַשטראָפן פאַר אַזאַ חוצפּה.

דער סעקרעטאַר האָט געמאַכט זיין געוויינטלעכע הקדמה, וועלכע ער פלעגט שטענדיק מאַכן פאַרן אָנהייבן לייענען, ד. ה., אָן דער דער הילף פון אַ נאָז-טיכל, און האָט אָנגעהויבן מיט זיין געוויינטלעכן טאָן:

„עס בעט דער אַדלמאַן פון מירגאָראָדער פּאָוויאַט איוואַן, ניקיפאָרס זון, דאָווגאָטשכון, און וועגן וואָס, וועגן דעם פאָלגן פונקטן:

1) צוליב זיין בישטפאַרגינערישער שנאה און זיין

בולטער קנאה טוט מיר אָן דער זאָגענאַנטער אַדלמאַן איוואַן, איוואַנס זון, פּערעפּענקאָ, פאַרשידענע פּאַסקודנעקייטן, היזקות און אַנדערע שלאַקהאַפּטיקע און אין אַ מוראַ־אַריינברענגענדיקע טאַטן. און דעם נעכטיקן טאָג נאָכמיטאָג האָט ער זיך ווי אַ באַנדיט און ווי אַן אָנפאַלער מיט העק, מיט זעגן, מיט דלוטעס און מיט אַנדערע שלאָסערישע איינבריכטונגען אַריינגעגנבעט איומיזן דער נאַכט אין מיין הויף אַריין און מיין אייגן שטעלעכל, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, אייגנהענטיק און אויף אַן עקלהאַפטן אופן צעהאַקט, אויף וואָס איך האָב פון מיין זייט צו דעם דאָזיקן קעגנגעזעצלעכן און מערדערלעכן טאַט קיין שום אורזאַכן נישט געגעבן.

2) דער זעלבער אַדלמאַן פּערעפּענקאָ טראָגט זיך אַרום מיט אַן אומברענגונגס־פּלאַן אויף מיין סאַמע־ראָדנע לעבן, און ביזן 7־טן פון פאָריקן חודש האַלטנדיק אין געהיים דעם דאָזיקן פּלאַן, איז ער געקומען צו מיר און אָנגעהויבן אויף אַ פריינטשאַפטלעכן און כיטרן אופן אויסבעטן בא מיר די ביקס, וועלכע האָט זיך געפונען בא מיר אין שטוב, און מיר פאָרגעלייגט פאַר איר מיט זיין אייגנשאַפטלעכער קאַרגשאַפט אַלערליי נישטווירדיקע זאַכן, ווי צום ביישפּיל: אַ טונקל וזזיר און צוויי מעסטלעך האָבער. נאָר פאָרויספילנדיק באַלד דאַמאָלס זיין פאַרברעכערישע כוונה, האָב איך מיך פאַרשידנאַרטיק באַמיט אים פון דעם דאָזיקן אָפּצווועגדן; נאָר דער דאָזיקער שווינדלער און פאָדליעץ איוואַן, איוואַנס זון, פּערעפּענקאָ האָט מיך אָנגעזידלט אויף אַ פויערישן שטייגער און טראָגט אויף מיר פון יענער צייט אָן אַן אומפאַרגעסלעכע פיינשאַפט. אויסער דעם איז דער דאָזיקער אויבנדערמאַנטער, רוצחישער

און מערדערישער אַדלמאַן איוואַן, איוואַנס זון, פּערעפּענקאָ, פון אַ העכסט שענדלעכער אָפּשטאַמונג; זיין שוועסטער איז דער גאַנצער וועלט באַוווסט געווען פאַר אַ טליק און איז נאָכגעפאָרן נאָך דער יעגערישער ראָטע, וואָס איז מיט אַ יאָר פינף צוריק דאָ איינגעשטאַנען אין מירגאָראָד און איר מאַן פאַרשריבן פאַר אַ זעלנער; זיינע פאָטער און מוטער זענען אויך געווען געוואַלטיקע טריפענע מענטשן און זענען ביידע געווען שרעקלעכע שיכּורים. דער שוין דערמאַנטער אַדלמאַן און באַנדיט פּערעפּענקאָ האָט מיט זיינע בהמה־אַרטיקע און טאַדל־ווערטיקע מעשים איבערגעשטיגן זיין גאַנצן שורש און אונטער דער אויסרייד פון גאָטס־פאָרכטיקייט טוט ער אָפּ די סאַמע שענדלעכסטע זאַכן: קיין תעניתים האַלט ער נישט, ווייל ערב פיליפּאָווקע האָט דער דאָזיקער גאָטס־אָפּטריניקער געקויפט אַ שעפּס און אויפן מאָרגעדיקן טאָג געהייסן זיין טריפענער מויד האַפּקען שעכטן אים, פאַרענטפערנדיק זיך דערמיט, אַז פונקט צו דער צייט האָט ער געדאַרפט האָבן חלב אויף ליכט און קאַגאַנעקעס.

דערפאַר פאַרלאַנג איך, מ'זאָל דעם דאָזיקן אַדלמאַן אַלס מערדער, הייליקטום־פאַרשוועכער, שווינדלער, באַ גנבות און גזילות געכאַפּטער מיט קייטן באַצירן, און אין מלוכישן קרימינאַל אָפּפירן, און דאָרט, אים גוט אָנשמייסנדיק מיט ריטער, לויטן איינזען, בייטן די טיטולן און דאָס אַדלקייט צו פאַרלירן, און קיין סיביר אויף קאַטאָרגע אַוועקפירן, די אויסגאַבן און היזקות בייטן צו באַצאָלן פאַר מיין נאָמען באַשמירן, און לויט דער דאָזיקער ביטע מיינער דעם אורטייל אויספירן.

די דאָזיקע ביטע האָט אייגנהענטיק אונטערגעשריבן

דער אַדלמאַן פון מירגאָראָדער, פּאָוויאַט
איוואַן, ניקיפאָרס זון, דאָווגאָטשכון".

אַזוי ווי דער סעקרעטאַר האָט געענדיקט דאָס לייענען, האָט איוואַן ניקיפאָראָוויטש אָנגענומען דאָס היטל און זיך פאַרנייגט מיטן מיין אַוועקצוגיין.

— וווהין-זשע גייט איר, איוואַן ניקיפאָראָוויטש? — האָט אים דער סודיאַ צוריקגערופן — זיצט כאָטש אַ ביסל, טרינקט אַ שע-לעכל טיי. אָרישקאָ, וואָס שטייסטו עפּעס, נאַרישע מויד, און ווינקסט זיך איבער מיט די שרייבערס? גיי, ברענג אַריין טיי!

נאָר איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט, אויס מורא, וואָס ער איז אַזוי ווייט פאַרקראָכן פונדערהיים און דורכגעגאַנגען אַזאַ שרעקלעכן קאַ-ראַנטין, שוין באַוויזן זיך דורכצופּאַקן דורך דע טיר, אַרויסרעדנדיק:

— באַמיט אייך נישט, איך וועל מיט פאַרגעניגן...

און האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, איבערלאָזנדיק דאָס גאַנצע געריכט אין שטוינונג. קיין ברירה איז נישט געווען. ביידע ביטעס זענען אָנגענומען געוואָרן און דער ענין האָט געזאָלט באַ-קומען אַ העכסט וויכטיקן אינטערעס, נאָר פלוצלינג האָט איין אומ-דערקלערלעכע געשעעניש צוגעגעבן דעם ענין נאָך אַ גרעסערע פאַר-אינטערעסירונג.

ווען דער סודיאַ איז אַרויסגעגאַנגען פון געריכט אין דער באַגלייטונג פון זיין געהילף און דעם סעקרעטאַר, און די שרייבערס האָבן אָנגעהויבן אָנצולייגן אין אַ זאַק אַריין די הינער, די אייער, די מוציאס ברויט, די פּיראָגעס, די קניזשעס און די איבעריקע שאַר-ירקות, איז אין דער זעלבער צייט אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין דאָס טונקעלע חזיר און, צו דער גרויסער פאַרוווּנדערונג פון אַלע אָנוועזנדע, האָט עס אַראָפּגעכאַפּט נישט קיין פּיראָג און נישט קיין מוציא, נאָר איוואַן ניקיפאָראָוויטשס ביטע, וועלכע איז געלעגן אין עק פון טיש מיט די בלעטער אַראָפּ. אַראָפּכאַפּנדיק דאָס פּאַפּיר,

איז דאָס דאָזיקע טונקעלע חזיר אַנטלאָפן אַזוי שנעל, אַז קיין איינער פון די געריכטס-באַאַמטע האָט עס נישט געקענט כאַפּן, נישט קוקנדיק אויף די טינטערלעך און ווירעס, וואָס מ׳האָט עס נאָכגעוואָרפן.

די אויסערגעוויינטלעכע געשעעניש האָט אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכע סומאַטאָכע דערפאַר, ווייל פון דער ביטע איז נאָך נישט געהאַט אַראָפּגענומען געוועז קיין קאָפּיע. דער סודיאַ, ד. ה., דער סעקרעטאַר מיטן געהילף-סודיאַ האָבן לאַנג אַרומגערעדט די דאָזיקע אומדערהערטע געשעעניש: און ענדלעך איז צווישן זיי באַשטימט געוואָרן אַזוי: אַוועקשרייבן וועגן דעם אַ ווענדונג צום נאַטשאַלניק, ווייל די אויספאָרשונג וועגן דער דאָזיקער זאַך האָט זיך מער אָנגעקערט מיט דער שטאָטישער פּאָליציי. די ווענדונג אונטערן נומער 389 איז צו אים אַוועגעשיקט געוואָרן דעם זעלבן טאָג און וועגן דעם זעלבן איז פאָרגעקומען זייער ׳ן אינטערעסאַנטע אויפקלערונג, וועגן וועלכער דער לעזער וועט קענען געוויר ווערן פונם ווייטערדיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל פינף

אין וועלכן עס ווערט באַשריבן די באַראַטונג צווישן צוויי באַכּבודיקע פּערזאָנען פון מיר-גאָראָד.

אַזוי ווי איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך נאָר אָפּגעפּאָרעט מיט זיין באַלעבאַטישקייט און איז לויט זיין געוווינהייט אַרויסגעגאַנגען זיך אַ ביסל איבערליגן אונטער דער פּאָדשעניע האָט ער צו זיין אומבאַשרייבלעכער פאַרוווּנדערונג דערזען זיך עפּעס רויטלען אין דער פאָרטקע.

דאָס איז געווען דעם נאַטשאַלניקס רויטער לאַץ, וועלכער האָט גלייך ווי זיין קאָלנער באַקומען אַ גלאַנץ און איז באַ די קאַנטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לאַקיר.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט צו זיך אַ טראַכט געטון: — „נישט שלעכט, וואָס פּיאָטר פעאָדאָראָוויטש איז געקומען זיך אַביסל דורכשמועסן".

ער האָט זיך אָבער זייער פאַרוווּנדערט, דערזעענדיק, אַז דער נאַטשאַלניק איז געגאַנגען עפּעס אויסטערליש גיך, וואַרפנדיק מיט די הענט, וואָס האָט זיך מיט אים געוויינטלעך זייער זעלטן געטראָפן.

אויפן נאַטשאַלניקס מונדיר זענען געווען אָנגעזעצט אַכט קנעפּ, דער נייַנטער קנאָפּ, איז ווי ער האָט זיך אָפּגעריסן בשעת דער פּראָצעסיע באַם הייליקן דאָס קלויסטער מיט צוויי יאָר צוריק, אַזוי

קענען אים די סטראַזשניקעס נישט געפינען ביזן הייַנטיקן טאָג, כאָטש דער נאַטשאַלניק האַלט זיך אויף די טאָג-טעגלעכע ראַפּאָרטן, וואָס די רעוויראָווּעס גיבן אים אָפּ, אין איין נאָכפרעגן, צי דער קנאָפּ איז שוין געפונען געוואָרן. די דאָזיקע אַכט קנעפּ זענען געווען אָנגעזעצט אויף דעם זעלבן שטייגער, ווי באַבעס זעצן באָבער: איינער רעכטס, דער צווייטער לינקס.

דער לינקער פוס זייַנער איז דורכגעשאָסן געוואָרן אין דער לעצטער קריג און דעריבער, האָט ער אונטערהינקעדיק פאַרוואָרפן דעם פוס אַזוי ווייט אין דער זייט, אַז דערמיט האָט ער כמעט צונישט געמאַכט די גאַנצע האָרעוואַניע פון רעכטן פוס.

וואָס שנעלער דער נאַטשאַלניק האָט געהאָרעוועט מיט זייַנע רגלים, אַלץ ווייניקער האָבן זיי זיך גערירט פאָרויס, און דעריבער, ביז דער נאַטשטאַלניק איז אָנגעקומען צו דער פאָדשעניע, האָט איוואַן איוואַנאָוויטש בענוג צייט געהאַט צו גריבלען זיך אין פאַרשידענע השערות, פאַרוואָס דער נאַטשאַלניק וואַרפט עפּעס אַזוי גיך מיט די הענט.

דאָס האָט אים נאָך מער פאַראינטערעסירט, וואָרום די מעשה האָט אויסגעוויזן צו זיין אויסערגעווייַנטלעך וויכטיק, דער נאַטשאַלניק איז געווען אָנגעטון אין דער נייַער שווערט.

— אַ גוטן מאָרגן, פּיאָטר פּעאָדאָראָוויטש! — האָט אויסגעשריגן איוואַן איוואַנאָוויטש, וועלכער איז געווען, ווי ס'איז שוין דערמאַנט, זייער אַ נייַגעריקער און האָט בשום אופן נישט געקענט איינהאַלטן זיין אומגעדולדיקייט, זעענדיק ווי דער נאַטשאַלניק נעמט איין דאָס גאַנעקל מיט שטורם און הייבט נאָך אַלץ נישט אויף די אויגן, קריגנדיק זיך מיט זייַנע רגלים, וועלכע האָבן בשום אופן נישט געקענט אַרויף אויף אַ שטיג מיט איין פאַרנעם.

— אַ גוטן מאָרגן ווינטש איך דעם ליבן פריינט און וווילטעטער איוואַן איוואַנאָוויטשן! — האָט אָפּגעענטפערט דער נאַטשאַלניק.

— איך בעט אייך, זיצט געפעליקסט, ווייל, ווי איך זע, זענט איר אָפגעמאַטערט, וואָרום אייער פאַרווונדעטער פוס שטערט אייך...

— מיין פוס! — האָט אויסגעשריגן דער נאַטשאַלניק, וואַרפנדיק אויף איוואַן איוואַנאָוויטשן איינעם פון יענע בליק, וועלכן אַ ריז וואַרפט אויף אַ העלפאַנט, אָדער אַ געלערנטער פעדאַנט אויף אַ טאַנצמייסטער.

דערביי האָט ער אַרויסגעשטעקט זיין פוס און אַ טופ געטון מיט אים אָן דער פאָדלאָגע. די דאָזיקע העלדישקייט האָט אים פונדעסטוועגן טייער געקאָסט, ווייל דער גאַנצער גוף זיינער האָט זיך אַ שאָקל געטון און די נאָז האָט אַ דזשאָב געטון די פאָרענטשע; נאָר דער קלוגער היטער פון דער אָרדנונג האָט זיך באַלד צורעכטגעמאַכט און כדי נישט אַרויסצווייזן אין זיך עפעס, האָט ער זיך געכאַפט צו דער קעשענע, ווי ער וואָלט כלומרשט געוואָלט אַרויסנעמען דאָס טאַבעק-שקעטעלע.

— איך קען אייך מודיע זיין וועגן זיך, ליבסטער פריינט און וווילטעטער איוואַן איוואַנאָוויטש, אַז אין מיין לעבן האָב איך שוין דורכגעמאַכט נישט אַזעלכע מאַרשן. יאָ, ערנסט דורכגעמאַכט. אַ שטייגער בשעת דער קריג אין יאָר 1807... אַך, איך וועל אייך איבערגעבן, אויף וואָס פאַר אַן אופן איך האָב מיך אַריבערגעכאַפט איבער אַ פאַרקאַן צו איינער, אַ שיין דייטשקעלע, — דערביי האָט דער נאַטשאַלניק פאַרקריטשעט אַן אייגל און געטון אַ כיטרע-ממזריש שמייכעלע.

— וווּ-זשע זענט איר היינט אַלץ געווען? — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש אַ פרעג געטון, ווילנדיק איבערהאַקן דעם נאַטשאַלניק די רייד און אים וואָס גיכער אַרויספירן אויפן ענין פון זיין איציקן באַזוך.

ער האָט זיך זייער געוואָלט אַ פרעג טון, וואָס אַ שטייגער דער נאַטשאַלניק האָט דאָ בדעה צו דערציילן; נאָר דאָס טיפע קע-

נען די וועלט האָט פאַר אים פאַרגעשטעלט די גאַנצע נישט־פיינ־קייט פון אַזאַ מין פראַגע און איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך געמוזט שטאַרקן און אויסוואַרטן אויפן באַשייד, בשעת זיין האַרץ האָט גע־קלאַפט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן אימפּעט.

— לאָזט־זשע, וועל איך אייך טאַקע דערציילן, ווו איך בין אַלץ געווען, — האָט דער נאַטשאַלניק געענטפערט: ערשטנס, מעלד איך אייך, אַז היינט איז אַן — אויסגעצייכנט וועטער...

בשעת די לעצטע ווערטער איז איוואַן איוואַנאָוויטש שיער, שיער נישט געשטאָרבן.

— דערלויבט־זשע, — האָט דער נאַטשאַלניק ווייטער גע־רעדט — איך בין צו אייך היינט געקומען וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין.

דאָ האָט דעם נאַטשאַלניקס פּנים און זיין פיגור האָט באַקומען דיזעלבע פאַרזאָרגטע מינע, מיט וועלכער ער האָט געשטורמט דאָס גאַניקל.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אויפגעלעבט, געציטערט ווי אין פיבער, לויט זיין געוווינהייט, און נישט אויסוואַרטנדיק אַ פרעג געטון:

— וואָס פאַר אַן ענין, אַ וויכטיקער? צי איז ער טאַקע אַ וויכטיקער?

— אָט, זייט אַזוי גוט: פריִער פאַר אַלעמען דערוועג איך מיך אייך צו מעלדן, ליבער פריינט און וווילטעטער איוואַן איוואַ־נאָוויטש, אַז איר... פון מיין זייט, איך, זייט אַזוי גוט, איך גאָר־נישט, נאָר די אָפּזיכטן פון דער רעגירונג, נאָר די אָפּזיכטן פון דער רעגירונג פאָדערן דאָס: איר האָט געשטערט די פעסטגע־שטעלטע אָרדנונג.

— וואָס רעדט איר עפּעס אַזוינס, פּיאָטר פּעאָדאָראָוויטש?... איך פאַרשטיי גאָרנישט.

— זייט מוחל, איוואַן איוואַנאָוויטש! וואָס, איר פאַרשטייט גאָרנישט? אייער אייגנס אַ לעבעדיק באַשעפעניש האָט אַרויסגעגנבעט זייער אַ וויכטיקן רעגירונגס-דאָקומענט, און נאָך דעם אַלעם זאָגט איר ערשט, אַז איר פאַרשטייט גאָרנישט!

— וואָס פאַר אַ באַשעפעניש?

— איר זאָלט מיר מוחל זיין, אייער אייגן טונקל חזיר.

— און וואָס בין איך דאָ שולדיק? פאַרוואָס לאָזט דער געריכט-סטרוזש אָפן די טיר?

— איוואַן איוואַנאָוויטש, אָבער אייער אייגנס אַ לעבעדיק באַשעפעניש, הייסט דאָך, אַז איר אַליין זענט שולדיק.

— איך דאַנק אייך בעסטנס פאַר דעם, וואָס איר פאַרגלייכט מיך מיט אַ חזיר.

— אָ—אָ, דאָס האָב איך שוין נישט געזאָגט, איוואַן איוואַנאָוויטש! אויף מיין וואָרט, כ'האָב נישט געזאָגט! זייט מוחל, באַטראַכט באַר אַליין מיט אַ ריין געוויסן, אייך איז דאָך אָן שום ספק באַקאַנט, אַז לויט די אָפזיכטן פון דער רעגירונג איז פאַרבאָטן אומריינע באַשעפענישן אַרומצושפאַצירן איבער דער שטאָט און בפרט איבער די הויפט-גאַסן. איר מוזט אַליין מסכים זיין, אַז דאָס איז אַ פאַרבאָטענע זאַך.

— גאָט ווייסט, וואָס איר רעדט אַזוינס, אַ וואַזשנע זאַך, אַ חזיר איז אַרויס אויף דער גאַס!

— לאָזט אייך דינען, לאָזט באָר, לאָזט באָר, איוואַן איוואַנאָוויטש! דאָס איז אינגאַנצן אוממגלעך. וואָס זאָל מען מאַכן? די רעגירונג פאַרלאַנגט — מוז מען פאָלגן. איך שפאַר מיך נישט, — עס לויפן אַ מאָל אַרויס אויף דער גאַס און אַפילו אויפן מאַרק-פלאַץ אַרויס הינער און גענדז. מערקט-זשע אייך: הינער און גענדז, אָבער וועגן חזירים און קאָזשלעס האָב איך נאָך פאַראַיאָרן אַרויס-געגעבן אַ פאָרשריפט נישט אַרויסצולאָזן זיי אויף די געזעלשאַפטלע-

בע פלעצער, און די דאָזיקע פאַרשריפט האָב איך באַלד דאַמאָלס געהייסן אויסרופן אין דער געזעלשאַפט פאַרן גאַנצן עולם.

— ניין, פיאָטר פעדאָראָוויטש, איך זע דערין מער גאָרנישט ווי נאָר דאָס, אַז איר באַמיט אייך אויף אַלע אופנים מיך צו באַליידיקן.

— דאָס זעט איר, קענט איר שוין נישט זאָגן, ליבסטער פריינט און וווילטעטער, אַז איך זאָל מיך באַמיען אייך צו באַליידיקן. דערמאָנט אייך אַליין: איך האָב אייך פאַראיאָרן קיין איין וואָרט נישט גערעדט, ווען איר האָט געמאַכט דעם דאָך מיט אַ גאַנצן אַרשין העכער פון דער פאַרגעשריבענער מאָס. פאַרקערט, איך האָב נאָך געמאַכט אַ פּנים, ווי איך וואָלט עס לחלוטין נישט באַמערקט. גלייבט מיר, ליבסטער פריינט, אַז אויך אַצינד וואָלט איך אייך אַזוי צו זאָגן... נאָר מיין חוב, מיט איין וואָרט, מיין פליכט פאָדערט אַכטונג צו טון אויף דער ריינקייט. זאָגט אַליין, ס'וועט פלוצלינג אויף דער הויפּט־גאַס...

— אַי, שיין זעגען שוין דאָס אייערע הויפּט־גאַסן. דאָרט אַהין גייט דאָך יעדער באַבע אַרויסוואַרפן דאָס, וואָס זי באַדאַרף נישט האָבן.

— לאָזט אייך מעלדן, איוואַן איוואַנאָוויטש, אַז איר אַליין באַליידיקט מיך גאָר; אמת, דאָס טרעפט זיך אַ מאָל, מערסטנטיילס אָבער נאָר אונטער אַ פּלויט, אונטער שפּייכלערס, אָדער אונטער קאַמערן; נאָר אַז אַ פּאַסקודנע חזיר זאָל אַרויסקריכן אויף דער הויפּט־גאַס אַרויס, אויפן מאַרק־פּלאַץ אַרויס, דאָס איז שוין אַזאַ זאַך...

— וואָס־זשע איז אַזוינס? פיאָטר פעאָדאָראָוויטש! אַ חזיר איז דאָך אויך אַ גאָטס־באַשעפעניש?

— איינשטימיק. דאָס איז דער גאַנצער וועלט באַוווסט, אַז

איר זענט אַ מענטש אַ געבילדעטער, איר קענט די װיסנשאַפטן און פֿאַרשידענע אַנדערע זאַכן. אמת, איך האָב קיין שום װיסנשאַפט נישט שטודירט; ערשט אויפֿן דרייסיקסטן יאָר פֿון מיין לעבן האָב איך מיר אָנגעהויבן אויסצושרייבן די האַנט, איך קום דאָך אַרויס, װי איר איז באַקאַנט, פֿון די פּראָסטע זעלנער.

— הם! — האָט איװאַן איװאַנאָװיטש אַ זאָג געטון.

— יאָ, — האָט דער נאַטשאַלניק װייטער גערעדט — אין יאָר 1801 בין איך געװען פּאָרוטשניק אין דער פערטער ראָטע פֿון 42=טן יעגער=פּאָלק. ראָטנע קאָמאַנדיר בײַ אונדז איז געװען, אויב איר װילט װיסן, קאַפּיטאַן יערעמעיעװ.

דערביי האָט דער נאַטשאַלניק אַרייַנגערוקט די פֿינגער זיינע אין טאַבעק=שקעטעלע אַריין, װעלכעס איװאַן איװאַנאָװיטש האָט געהאַלטן אָפֿן און געקנעטן דעם טאַבעק.

איװאַן איװאַנאָװיטש האָט געענטפֿערט:

— הם.

— נאָר מיין חוב איז, — האָט דער נאַטשאַלניק װייטער גערעדט — זיך אונטערצוװאַרפֿן די פֿאָדערונגען פֿון דער רעגי=רונג. צי װייסט איר, איװאַן איװאַנאָװיטש, אַז דער, װאָס רויבט צו אין געריכט אַ רעגירונגס=דאָקומענט, פֿאַלט אַרונטער צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פֿאַרברעכערס אונטער אַ קרימינעלישן פּראָצעס?

— איך װייס אַזוי, אַז אויב איר װילט, קען איך א ײַ ך נאָך אויס=לערנען. דאָס איז גערעדט געװאָרן װעגן מענטשן; צום בייַשפּיל, װען א י ר װאָלט צוגעגנבעט דעם דאָקומענט; נאָר אַ חזיר איז אַ לעבעדיקע זאַך, אַ גאָטס=באַשעפֿעניש.

— אַלץ אמת, נאָר דאָס געזעץ זאָגט: „דער שולדיקער אין צורויבן...“ איך בעט אייך, הערט אייך אויפֿמערקזאַמער צו: ד ע ר ש ו ל ד י ק ע ר! דאָ װערט נישט באַצייכנט נישט קיין מין, נישט קיין ראַנג; הייסט עס, אַז אַפֿילו אַ חיה קען אויך זיין דער שול=

ריקער. ווי איר ווילט אייך, נאָר דאָס באַשעפעניש, איידער ס'וועט אַרויסגעטראָגן דער אורטייל צום באַשטראָפן עס, מוז צוגעשטעלט ווערן דער פּאָליציי אַלס שטערער פון דער אָרדנונג.

— ניין, פּיאָטר פּעאָדאָראָוויטש, — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש קאַטעגאָריש געענטפערט — דאָס, זעט איר, וועט נישט זיין!

— ווי איר ווילט אייך, נאָר איך מוז מיך האַלטן באַ די פאָרשריפטן פון דער מאַכט.

— וואָס-זשע שרעקט איר מיך אַזוי? איר ווילט מסתּם שיקן נאָכן חזיר דעם זעלנער אָן דער האַנט? איך וועל הייסן מיין באַבע אים אַרויסבאַגלייטן מיט אַ קאָטשערע, אים צעברעכן די אַנדערע האַנט אויך.

— איך דערוועג מיך נישט צו שפּאַרן מיט אייך. אין אַזאַ פאַל, אויב איר ווילט עס נישט צושטעלן דער פּאָליציי, באַגייט-זשע אייך דערמיט, ווי אייך געפעלט: קוילט עס, אויב איר ווילט, אויף ווייַנאַכט און מאַכט אייך אָן דערפון שינקעס, אָדער עסט עס אויף אַזוי. נאָר איך וואָלט אייך געבעטן, אויב איר וועט מאַכן וווּרשטן, שיקט מיר עטלעכע פון יענע, וואָס האַפּקע מאַכט באַ אייך אַזוי מייסטערהאַפט — פון חזיר-בלוט מיט שמאַלץ, מיין אַגאַפיאַ טראָפימאָוונאַ האָט זיי זייער ליב.

— ווורשטלעך, אדרבא, איך וועל אייך שיקן עטלעכע.

— איך וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין, ליבער פריינט און וווילטעטער. איצט דערלויבט אייך צו זאָגן נאָך איין וואָרט. איך בין באַפולמעכטיקט פון סודיאַ און אויך פון אַלע אונדזערע באַקאַנטע, אייך איבערצובעטן, אַזוי צו זאָגן, מיט אייער שונא איוואַן ניקיפאָראָוויטשן.

— וואָס! מיטן גראָבן יונג! איך זאָל מיך איבערבעטן מיט דעם גרוביאַן? קיינמאָל נישט! דאָס וועט נישט זיין! ס'וועט נישט זיין!

איוואַן איוואַנאָוויטש איז געווען אין אַן אויסערגעווייינטלעך אנטשלאָסענעם צושטאַנד.

— ווי איר ווילט אייך. — האָט דער נאַטשאַלניק געענטפערט און דערווייל מכבד געוועןביידע נאָזלעכער מיט טאַבעק — איך דערוועג מיך נישט צו געבן אייך קיין עצות; פונדעסטוועגן, דערלויבט אייך צו מעלדן: אָט איצט זענט איר ברוגז, און אַז איר וועט זיך איבערבעטן...

נאָר איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן כאַפּן פּשעפּיורקעס, וואָס פלעגט באַ אים שטענדיק פּאָרקומען, ווען ער האָט געוואָלט עמעצן אַראָפּפירן פון אַ שמועס.

און אַזוי האָט דער נאַטשאַלניק, נישט האָבנדיק גאָרנישט אויפגעטון, געמוזט צוריק אַהיימגיין.

קאַפּיטל זעקס

פון וועלכן דער לעזער קען לייכט געוווי־ רן דאָס אַלץ, וואָס דאָרט געפינט זיך

אויף וויפיל מ'האָט זיך אין געריכט נישט באַמיט צו פאַר־ דעקן די מעשה, נאָר באַלד אויפן אַנדערן טאָג האָט זיך גאַנץ מיר־ גאָראָד דערוווּסט, אַז איוואַן איוואַנאָוויטשס חזיר האָט אַרויסגעגנבעט איוואַן ניקיפאָראָוויטשס ביטע. דער נאַטשאַלניק האָט דער ערשטער פאַרגעסן און אַליין זיך אַרויסגעכאַפּט.

ווען מ'האָט איוואַן ניקיפאָראָוויטשן דערציילט וועגן דעם, האָט ער גאָרנישט געזאָגט, נאָר אַ פרעג געטון:

— נישט דאָס טונקעלע אַ מאָל?

נאָר אַגאַפיאַ פעדאָסעיעוונאַ, וועלכע איז געווען דערביי, האָט זיך ווייטער אַ נעם געטון צו איוואַן ניקיפאָראָוויטשן:

— וואָס איז דאָס מיט דיר, איוואַן ניקיפאָראָוויטש? מ'וועט דאָך אויס דיר חוזק מאַכן, ווי אויסן גרעסטן נאַר, אויב דו וועסט אַזוינס דערלאָזן! וואָס פאַר אַן אַדלמאַן וועסטו שוין זיין נאָך דעם? ערגער וועסטו זיין פון דער באַבע, וואָס פאַרקויפט די נאַשערייען, וואָס דו האָסט אַזוי ליב.

און זי האָט אים אָנגערעדט, די אַרורה!

זי האָט אויסגעזוכט ערגעץ אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַ שוואַרצעווודיקן, מיט פלעקן איבערן גאַנצן פנים, מיט אַ בלויגע־

בלייען סורדוט מיט פאַרלאַטעטע עלנבויגנס, — אַן עכט קאַנצעלאַריש טינטערל.

די שטיוול האָט ער געשמירט מיט דזשעגעכץ, האָט אַרומגעטראָגן צו דריי פעדערס הינטער אַן אויער און אַ גלעזערן באַנקעלע אָנשטאָט אַ טינטערל צוגעבונדן אויף אַ שטריקעלע פון פאַרנט צום קנעפל. ער האָט געקענט אַריינהאַקן מיט איין מאָל ניין קנישעס און די צענטע אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע אַריין, און אויף איין הערבאָווע בויגן פאַפיר האָט ער געקענט אָנשרייבן אַזוי פיל פאַרשידענע מסירהלעך, אַז קיין שום לייענער האָט נישט געקענט מיט איינמאָל איבערלייענען, נישט אַריינמישנדיק אינמיטן קיין הוסטן און קיין ניסן.

די דאָזיקע קליינע ענלעכקייט צו אַ מענטש האָט זיך געפּאַרעט, געשוויצט, געשריבן און ענדלעך אָנגעמלאכעט אַזאַ מין פאַפיר:

„צום מירגאָראָדער פאָוויאַטאָווע געריכט פון אַדלמאַן, איוואַן ניקיפאָרס זון דאָווגאָטשכונען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעריעניקער ביטע מייגער, וואָס איז פון דעם אַדלמאַן איוואַן, ניקיפאָרס זון, דאָווגאָטשכונען צו דעם בעדאַרפט זיין צוזאַמען מיטן אַדלמאַנס איוואַן, איוואַנס זון, פערעפּענקאָס, צו וואָס דאָס מירגאָראָדער פּאָוויאַטאָווע געריכט האָט זיין צושטימיקייט אַליין אַרויסגעזאָגט. און די סאַמע יעניקע חוצפּהדיקע זעלבסט-רעגירונג פון טונקעלן חזיר, זייענדיק אין געהיים אויסגעהאַלטן צוליב דעם און שוין פון זייטיקע מענטשן צו די אויערן דערגאַנגענדיקס. דערפאַר ווייל די יעניקע דערלאַזבאַרקייט און צושטימעניש אַלס אַ בייזווילי‌קע דעם געריכט אוממיטלבאַר אונטערליגט, ווייל דאָס יעניקע חזיר איז אַ באַשעפעניש אַ נאַרישס און דערפאַר נאָך מער מסוגלדיק צום צורויבן

פאַפירן. פון וואָס עס ווייזט זיך באַשיינפערלעך אַרויס, אַז דאָס אָפּגעמאָלן דערמאַנטע חזיר איז נישט אַנדערש, ווי ס'איז געווען אונטערגעהעצט פון דעם שונא גופא, וועלכער רופט זיך זעלבסט אַדלמאַן איוואַן, איוואַנס זון, פערעפּענקאָ, וועלכער איז שוין געכאַפּט געוואָרן באַ אַן אַנפאַל, באַ וועלן אונטערברענגען אַ לעבן און גאָט-לעסטערדיקייט. נאָר דאָס יעניקע מירגאָראָדער געריכט האָט מיט זיין אייגנאַרטיקער נושא-פּנימדיקייט אַ געהיימע דורך זיין פּערזאָן צושטימעניש אַרויסגעזאָגט; אָן וואָסערער צושטימעניש דאָס יעניקע חזיר וואָלט באַין אופן נישט געקענט צוגעלאָזט זיין צו דער אַוועקרויבונג פון דאָקומענט, ווייל דאָס מירגאָראָדער פּאָוויאַטאָווע געריכט איז מיט דינערשאַפט זייער גוט באַוואָרנט; צו דעם דאָזיקן איז גענוג שוין צו דערמאַנען דעם איינעם זעלנער, אין יעדער צייט אין אויפנאַמס-שטוב זיך געפינענדיקן, וועלכער, כאָטש ער האָט איין בלינד אויג און אַן עטוואָס באַשעדיקטע האַנט, אָבער כדי אַרויסצוטרייבן אַ חזיר און אים דערלאַנגען מיט אַ דראָנג האָט ער זייער גענוגנדיקע פעיקייטן. פון וואָס ס'איז באַשיינפערלעך צו זען די צושטימעניש פון דעמיעניקן מירגאָראָדער געריכט און ס'איז אומבאַאשטרייטבאַר דאָס צעטיילן זיך צוליב דעם דאָזיקן מיט אַ יידיש פאַרדינסטל, קעגנזייטיק זיך אַקעגנקומענדיק.

דעריעניקער שוין אויבנדערמאַנטער באַנדיט און אַדלמאַן איוואַן, איוואַנס זון, פערעפּענקאָ, האָט זיך אין דער ענדלעכקייט מיט באַשווינדלעניש אַרויסגעוויזן. צוליב וואָס איך בין מודיע דעמיעניקן מירגאָראָדער געריכט, איך, דער אַדלמאַן, איוואַן ניקיפאָרס זון, דאָווגאָטשכון צו דער געהעריקער אַלווייסנדיקייט, קוים ווען פונם יעניקן טונקעלן

חזיר, אָדער פֿון דעם זיך מיט דעם פֿאַרשטענדיקנדן אַדלמאַן פּערעפּענקאָ די אָנגעוויזענע ביטע אויפֿגעמאָנט נישט ווערן און לויט איר קיין אורטייל לויט דער גערעכטיקייט צו מײַן גונסטן נישט באַקומען ווערן. וועל איך, דער אַלדמאַן איוואַן, ניקיפֿאָרס זון, דאָווגאָטשכון וועגן דער דאָזיקער פֿון דעם יעניקן געריכט, קעגנגעזעצלעכער צושטימעניש אַן אָנקלאַגע אין דעם קרייז-געריכט אײַנגעבן מיט דער געהעריקער לויט דער באַשטימעניש איבערטראָגעוודיקייט פֿון דעם פּראָצעס.

דער אַדלמאַן פֿון מירגאָראָדער פּאָוויאַט,

איוואַן, ניקיפֿאָרס זון, דאָווגאָטשכון."

די דאָזיקע ביטע האָט געהאַט די געהעריקע ווירקונג. דער סודיאַ איז געווען אַזאַ מענטש, ווי ס'זענען געווייגטלעך אַלע גוטע מענטשן, פֿון די שרעקעוודיקע לייט. ער האָט זיך געווענדט צום סעקרעטאַר. נאָר דער סעקרעטאַר האָט אַרויסגעלאָזט פֿון צווישן די ציין אַ לאַנגן „הם" און האָט געמאַכט אויפֿן פּנים אַזאַ גלייכגילטיקע און טייוויליש-צווייזייטיקע מינע, וועלכע ס'ווייזט אַרויס נאָר דער שטן אַליין, ווען ער זעט פֿאַר זײַנע פֿיס דעם קרבן, וואָס דערנענטערט זיך צו אים.

איין מיטל איז נאָך געבליבן: איבערצובעטן בײדע פֿרײַנט. נאָר ווי אַזוי טרעט מען צו דערצו, אַז אַלע פּרוּוון זענען ביז איצט געווען אָן ערפֿאָלג? פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך נאָך אַנטשלאָסן אַ פּרוּוו צו טון; אָבער איוואַן איוואַנאָוויטש האָט גאַנץ אָפֿן דערקלערט, אַז ער וויל נישט, און אַפֿילו זיך שטאַרק צעבייזערט. איוואַן ניקיפֿאָראָוויטש האָט, אַנשטאָט אַן ענטפֿער, זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן הינטן און ער זאָל דאָס אַ וואָרט געווען זאָגן.

דאַמאָלס איז דער פּראָצעס אַוועק מיט אַן אויסערגעווייגטלע-

כער שנעלקייט, מיט וועלכער ס'רימען זיך אַזוי געוויינטלעך די געריכטס־אַנשטאַלטן.

דעם דאָקומענט האָט מען אָפּגעצייכנט, איינגעשריבן, אָפּגענומערירט, איינגענייט, אונטערגעשריבן, אַלץ אין איין־און־דעם־זעלבן טאָג און מ'האָט דעם פּראָצעס אַריינגעלייגט אין דער שאַנק אַריין, ווו ער איז געלעגן, געלעגן, געלעגן אַ יאָר, צוויי, דריי.

אַ סך כּלות האָבן שוין באַוויזן חתונה צו האָבן; אין מירגאָראָד האָט מען דורכגעהאַקט נאָך אַ גאַס; דעם סודיאַ איז אַרויסגעפאַלן איין באַקצאָן און צוויי ווינקלציין; בײַ איוואַן איוואַנאָוויטשן זענען אַרומגעלאָפן מער קינדערלעך ווי פריער (פונוואַנען זיי האָבן זיך דערנומען, ווייסט איין גאָט); איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט צולהכעיס איוואַן איוואַנאָוויטשן אויסגעבויט אַ נייע גענדזן־שטאַל, עטוואָס ווייטער ווי די פריערדיקע, און האָט זיך גענצלעך פאַרשטעלט פון איוואַן איוואַנאָוויטשן, אַזוי אַז די ביידע חשובֿע מענטשן האָבן זיך כּמעט קיינמאָל נישט געזען פּנים־אל־פּנים; און דער פּראָצעס איז אַלץ געלעגן אין סאַמע בעסטן אָרדנונג אין דער שאַנק, וועלכע איז געוואָרן אַ מאַרמאָרענע פון די טינט־פלקן.

דערווייל איז פאָרגעקומען אַן אויסערגעוויינטלעך וויכטיקע געשעעניש פאַר גאַנץ מירגאָראָד.

דער נאַטשאַלניק האָט געמאַכט אַ באַל!

ווו נעמט מען פענדזלען און פאַרבן, כּדי אָפּצומאָלן די פאַרשידנאַרטיקייט פונעם צוזאַמענפאָר און די גרויסאַרטיקע שמחה? נעמט נאָר אַ זייגער, עפנט אים אויף און טוט אַ קוק, וואָס דאָרטן טוט זיך? נישט אמת, אַ שרעקלעכער גאָרנישט־מיט־נישט? שטעלט־זשע אייך איצט פאָר, אַז כּמעט אַזוי פיל און אפשר נאָך מער רעדער זענען געשטאַנען בײַם נאַטשאַלניק אויפן הויף.

וואָס פאַר אַ ברישקעס און וועגעלעך זענען דאָרט נ י ש ט געווען! איינס מיט אַ ברייטן הינטן און אַ שמאָלן פאָרנט; אַ צווייטס —

אַ שמאָלער הינטן און אַ ברייטער פאָרנט. איינס איז געווען אַ בריטשקע און אַ וועגעלע אינײנעם, ס'צווייטע — נישט קיין בריטשקע, נישט קיין וועגעלע; אַן אַנדערס ווידער איז געווען ענלעך צו אַן אומגעהייער גרויסן סטויג היי, אָדער צו אַ סוחרטע אַ גרעבעניש; נאָך איינס — צו אַן אָפּגעשונדן יידל, אָדער צו אַ סקעלעט, וואָס איז נאָך נישט אינגאַנצן פטור געוואָרן די הויט; איינס האָט אויסגעזען אין פּראָפיל אַ ווארע לולקע-ציבעק; אַן אַנדערס איז צו גאָרנישט ענלעך געווען, און מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין וואונדערלעך באַשעפעניש אָן אַ שום געשטאַלט און אויסערגעוויינטלעך פאַנטאַסטיש. און צווישן דעם דאָזיקן געמיש פון רעדער און קאָזלעס האָט זיך אויפגעהויבן איבער אַלעמען עפּעס אַן ענלעכקייט צו אַ פאַרמאַכטער קאָטש מיט אַן אַריינגעזעצט פענסטער פון אַ שטוב מיט גראָבע רעמען.

די פורמאַנעס אין גרויע קאַפּטאַנעס, סוויטקעס און בורקעס מיט באַרענקענע מיצלעך און פאַרשידנמוסטערדיקע היטלען מיט לולקעלעך אין די הענט האָבן געפירט איבערן הויף די אויסגעשפּאַנטע פערד.

וואָס פאַר אַ באַל האָט דאָס דער נאַטשאַלניק געמאַכט!

לאָזט מיך נאָר, איך וועל אויסרעכענען אַלע, וואָס זענען דאָרט געווען:

טאַראַס טאַרסאָוויטש, יעווּפּל אַקינפאָוויטש, יעווּטיכי יעווּטיכיִעוויטש, איוואַן איוואַנאָוויטש — נישט דער איוואַן איוואַנאָוויטש נאָר אַן אַנדערער, סאַוורא גאַוורילאָוויטש, אונדזער איוואַן איוואַנאָוויטש, יעלעווּפעריי יעלעווּפעראָוויטש, מאַקאַר נאַזאַריִעוויטש, פאָמאַ גריגאָריִעוויטש... איך קען נישט מער! איך בין נישט בכוח! די האַנט שטייט אָפּ שרייבנדיק!

און ווייל דאַמען זאָכן גשרען !

טונקעלע און ווייספנימדיקע, לאַנגע און קורצענקע, דיקע ווי איוואַן ניקיפאָראָוויטש און אַזעלכע דינע, וואָס ס'האָט זיך געדאַכט, אַז יעדערע וואָלט מען געקענט אַרייַנבאַהאַלטן אין דער שייד פון נאַטשאַלניקס שווערט. וויפיל טשעפּקעס! וויפיל קליידער! רויטע, געלע, קאַווע־קאָלירענע, גרינע, בלויע, נייע, איבערגעניצעוועטע, איבערגעפאַסאָנירטע, — טיכלעך, בענדער, רידיקולן!

אַדיע, מיינע אָרימע אויגן! איר וועט שוין מער צו גאָרנישט נוצן נאָך דער דאַזיקער פאָרשטעלונג.

און וואָס פאַר אַ לאַנגער טיש עס איז אויסגעצויגן געווען! און ווען דאָס אַלץ האָט זיך צערעדט, וואָס פאַר אַ גערודער זיי האָבן עס אָנגעמאַכט! ווי קומט דערצו אַ מיל מיט אַלע אירע מיל־שטיינער, רעדער און וואַלצן!

אויף זיכער קען איך אייך נישט זאָגן, וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט, נאָר מ'דאַרף זיך שוין משער זיין, אַז וועגן פיל אָנגענעמע און נוצלעכע זאַכן, ווי צום ביישפּיל: וועגן וועטער, וועגן הינט, וועגן ווייץ, וועגן טשעפּעקלעך, וועגן אָגערס.

ענדלעך האָט אַ זאָג געטון איוואַן איוואַנאָוויטש, נישט דער איוואַן איוואַנאָוויטש נאָר אַן אַנדערער, וואָס האָט איין אויג אַ בלינדס.

— ס'איז מיר אַ גרויס וווּנדער, וואָס דאָס רעכטע אויג מיינס (דער בלינדער איוואַן איוואַנאָוויטש האָט שטענדיק גערעדט וועגן זיך מיט איראָניע) זעט נישט איוואַן ניקיפאָראָוויטשן, דעם הער דאָרגאָטשכון.

— ער האָט נישט געוואָלט קומען! — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק.

— וואָס הייסט?

— אָט איז שוין, דאַנקען גאָט, צוויי יאָר, זייט זיי האָבן זיך צעקריגט איינער מיטן אַנדערן, ד. ה. איוואַן איוואַנאָוויטש מיט אי־

װאַן ניקיפאָראָװיטשן, און װוּ אײנער קומט, דאָרט װעט שױן דער אַנדערער נישט קומען.

— װאָס רעדט איר ? — דערביי האָט דער בלינדער איװאַן איװאַנאָװיטש פאַרגלאָצט די אױגן און צונױפגעלײגט די הענט — הײנט-זשע, אױב מענטשן מיט גאַנצע אױגן לעבן נישט בשלום, װי-זשע זאָל איך מיט מײן בלינד אױג לעבן בשלום!

אױף די דאָזיקע װערטער האָבן זיך אַלע צעלאַכט מיטן פולן מױל.

אַלע האָבן זײער ליב געהאַט דעם בלינדן איװאַן איװאַנאָ-װיטשן, דערפאַר װײל ער פלעגט אַרײנװאַרפן װערטלעך פולקאָם לױטן הײנטיקן געשמאַק.

אפילו דער הױכער דאַרער מאַן אין באַיענעם סורדוט מיטן פלאַסטער אױף דער נאָז, װעלכער איז ביז איצט געזעסן אין אַ װינקל און האָט קײן אײנמאָל נישט געביטן דעם אױסדרוק פון זײן פנים, אפילו דאַמאָלס, װען ס'איז אים אַרײנגעפלױגן אין דער נאָז אַרײן אַ פליג, — אַט דער דאָזיקער הער אפילו איז אױך אױפגע-שטאַנען פון זײן אָרט און האָט זיך צוגערוקט נענטער צום עולם, װאָס האָט אַרומגערינגלט דער בלינדן איװאַן איװאַנאָװיטשן.

— הערט נאָר — האָט אַ זאָג געטון דער בלינדער איװאַן איװאַנאָװיטש, װען ער האָט געזען, אַז אַ היפּשע געזעלשאַפט האָט אים אַרומגערינגלט — הערט נאָר אױס: אַנשטאָט װאָס איר פאַר-קוקט אײך איצט אױף מײן בלינד אױג, לאָמיר בעסער איבערבעטן אונדזערע צװײ גוטע פרײנט! איװאַן איװאַנאָװיטש שמועסט דאָך איצט מיט די װײבלעך און מײדלעך, — לאָמיר שטילערהײט אַ שיק טון נאָך איװאַן ניקיפאָראָװיטשן און זײ בײדע צוזאַמענ-שטױסן.

אַלע װי אײנער האָבן אײנשטימיק אָנגענומען איװאַן איװאַ-

גאָוויטשס פאָרשלאַג, און באַשלאָסן תיכף צו שיקן אַהיים צו איוואַן ניקיפאָראָוויטשן אים בעטן, ער זאָל אומבאַדינגט קומען אויף מיטאָג צום נאַטשאַלניק.

נאָר אַ וויכטיקע פראַגע: ווער איבערצוגעבן די דאָזיקע וויכטיקע שליחות, — האָט אַלעמען אַריינגעבראַכט אין פאַרלעגנ־הייט. לאַנג האָט מען זיך געשפּאַרט, ווער ס'איז דאָ פעיִקער אין טאַלאַנטפולער אויפן געביט פון דיפּלאָמאַטיע; ענדלעך האָט מען אָבער איינשטימיק באַשלאָסן דאָס אַלץ איבערצוענטפערן אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש האָלאָפּוזן.

נאָר פריִער דאַרף מען באַקענען דעם לעזער מיט דער דאָזי־קער מערקווירדיקער פּערזענלעכקייט.

אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש איז געווען אַ העכסט וווילטעטיקער מענטש אין פולשטענדיקן זין פון דאָזיקן וואָרט: שענקט אים עמ־עצער פון די בכבודיקע מירגאָראָדער לייט אַ פאַטשיילע אָדער אַ פּאָר הויזן — באַדאַנקט ער; גיט אים ווער אַ לייכטן שנעל אין דער נאָז אַריין — באַדאַנקט ער אפילו דאַמאָלס אויך.

אויב מען פלעגט אים פרעגן:

— „פאַרוואָס איז עס באַ אייך, אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש, דער פראַק ברוין און די אַרבל בלוי?"

פלעגט ער געוויינטלעך ענטפערן:

— „איר האָט דאָך אַזעלכן אויך נישט! וואַרט צו, ער וועט זיך אָפּטראָגן, וועט ער איינגאַנצן ווערן גלייך!"

און טאַקע, דאָס בלויע געוואַנט האָט אונטער דער [illegible] פון דער זון אָנגעהויבן פאַרוואַנדלט ווערן אין ברוין, און איצט פּאַסט עס זיך איינגאַנצן צו צום קאָליר פון פראַק. נאָר אָט וואָס ס'איז מערקווירדיק, וואָס אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַ טבע [illegible] טראָגן געווענטענע מלבושים אים זומער און [illegible] ווינטער.

אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש האָט נישט קיין אייגענע שטוב. פריִער האָט ער יאָ געהאַט אַ נחלה אין עק שטאָט, נאָר ער האָט זי פאַרקויפט און פאַרן אָפּגעלייזטן געלט געקויפט דריי גניאַדע פערד און אַ קליינע בריטשקע, אין וועלכער ער פלעגט אַרומפאָרן צו גאַסט צו די גוט־באַזיצערס. נאָר אַזוי ווי מיט די פערד האָט ער געהאַט אַ סך קאָפּדאַרעניש, און דערצו האָט מען נאָך געדאַרפט האָבן געלט אויף האָבער, האָט זיי אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש אויסגעביטן אויף אַ פידל, אַ הויפישע שיקסע און געגומען אַ צולאָג אַ צוואַנציק־רובל־דיקע אַסיגנאַציע. דערנאָך האָט אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש די פידל פאַרקויפט און די שיקסע אויסגעביטן אויף אַ סאַפיאַנענעם בייטל באַנייט מיט גאָלד, און איצט האָט ער אַזאַ בייטל, וואָס קיינער האָט נישט אַזעלכן. צוליב דעם דאָזיקן פאַרגעניגן קען ער שוין נישט אַרומפאָרן איבער די דערפער און מוז פאַרבלייבן אין שטאָט און נעכטיקן אין פאַרשידענע הייזער, מערסטנטיילס באַ יענע אַדל־לייט, וועלכע פלעגן האָבן אַ פאַרגעניגן אים צו שנעלן אין דער נאָז אַריין.

אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש האָט ליב גוט צו טאָן און שפּילט נישקשהדיק אין שפּיל „דער נאַר און דער מילנער". ער האָט געהאַט אַ נאַטור שטענדיק צו פאָלגן, און דעריבער האָט ער, נעמענדיק דאָס היטל מיטן שטעקן, זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

נאָר גייענדיק, האָט ער אָנגעהויבן אַריינטראַכטן, ווי אַזוי באַוועגט מען דאָ איוואַן ניקיפאָראָוויטשן, ער זאָל קומען אויפן באַל. די עטוואָס האַרטע טבע פונם דאָזיקן מענטש, וואָס איז אַגב געווען אַ גאַנץ בכבודיקער, האָט געמאַכט זיין אונטערנעמונג כמעט פאַר אוממעגלעך. און ווי קען ער זיך אין דער אמתן דעצידירן אַהינצוגיין, אַז דאָס אויפשטיין פון בעט אַליין קאָסט אים שוין אַזוי פיל מי? נאָר לאָמיר זאָגן, אַז ער וועט שוין יאָ אויפשטיין, ווי אַזוי

קען ער קומען דאָרט אהין, ווו עס געפינט זיך, וואָס ער ווייסט אָן ספק, זיין פאַרביסנסטער שונא?

וואָס מער אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַריינגעטראַכט, אַלץ מער שטערונגען האָט ער געפונען. ס'איז געווען אַ פאַרנע טאָג; די זון האָט געברענט; דער שווייס האָט זיך פון אים געגאָסן טייכנ־ווייז. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מען האָט אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטשן געשנעלט איז דער נאָז אַריין, איז ער פונדעסטוועגן געווען אַ גאַנץ ביטרער מענטש צו אַ סך זאַכן. נאָר אין דעם טויש זיינעם איז ער נישט אַזוי גליקלעך געווען. ער האָט זייער גוט געוווסט, ווען מען דאַרף זיך מאַכן פאַר אַ נאַר, און טיילמאָל האָט ער זיך געקענט אַן עצה געבן אין אַזעלכע אומשטענדן און אין אַזעלכע פאַלן, פון וועלכע אַ קלוגער וואָלט זיך זעלטן אַומשטאַנד געווען אַרויסצודרייען.

בשעת זיין דערפינדערישער שכל האָט אויסגעטראַכט אַ מיטל, ווי אַזוי איבערצוצייגן איוואַן ניקיפאָראַוויטשן, און ער איז שוין דערייסט אַלץ אַקעקגנגעגאַנגען, האָט איין אומדערוואַרטעטער ענין אים אַ ביסל געמישט.

ס'שאַדט נישט אין איין וועגס באַקאַנטצומאַכן דעם לעזער, אַז אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש האָט, צווישן אונדז געשמועסט, געהאַט איין פּאָר הויזן מיט אַזאַ מערקווירדיקער אייגנשאַפט, אַז ווען ער האָט זיי אָנגעטון, האָבן אים די הינט שטענדיק געביסן באַ די לידקעס.

פונקט צום אומגליק האָט ער דווקא יענעם טאָג אָנגעטון די דאָזיקע הויזן, און דעריבער, ווי ער האָט זיך נאָר אַריינגעלאָזט אין די געדאַנקען, האָט זיך פון אַלע זייטן דערטראָגן צו זיינע אויערן אַ שרעקלעך געבילער.

אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש האָט אויפגעהויבן אַזאַ געוואַלט (העכער פון אים האָט קיינער נישט געקענט שרייען), אַז נישט בלויז די באַקאַנטע באַבע און דער איינוווינער פונם אומענדלעכן סורדוט זענען אים אַרויסגעלאָפן אַקעגן, נאָר אפילו די יינגעלעך פון איוואַן

ארוואַנאָוויטשס הויף האָבן זיך צו אים אויך אַ שאָט געטון, און כאַפּש די הינט האָבן אים באַוויזן נאָר איין פּיס איינצובייס, האָט דאָס פֿונדעסטוועגן זייער אָפּגעשוואַכט זיין דרייסטקייט און מיט אַ געוויסן פּחד איז ער צוגעטרעטן צום גאַנעק.

קאַפּיטל אַכט

און דאָס לעצטע

— אַ, וואָס מאַכט איר! באַכוואָס רייצט איר מיר די הינט? — האָט איוואַן ניקיפאָראָוויטש געזאָגט, דערזעענדיק אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטשן, ווייל מיט אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטשן האָט קיינער נישט גערעדט אַנדערש ווי נאָר אין שפּאַס.

— אַז אויספּגרן זאָלן זיי אַלע! ווער רייצט זיך מיט זיי? — האָט אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש געענטפערט.

— איר זאָגט ליגנט.

— אויף מיין וואָרט ווי נישט! איוואַן פּעאָדאָראָוויטש האָט אייך געבעטן אויפן מיטאָג.

— הם!

— אויף מיין וואָרט! ער האָט אַזוי אויסדריקלעך געבעטן, אַז ס׳איז גאָרנישט מעגלעך אויסצוווירקן. „וואָס איז דאָס עפּעס, זאָגט ער, וואָס איוואַן ניקיפאָראָוויטש האַלט זיך אַזוי ווייט פון מיר, ווי פון אַ שונא, קומט קיינמאָל נישט אַריין אַ ביסל שמועסן, אָדער אַזוי זיצן אַ ביסל״.

איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט זיך אַ גלעט געטון באַ דער גאָמבע.

— „אויב, זאָגט ער, איוואַן ניקיפאָראָוויטש וועט אַצינד אויך נישט קומען, ווייס איך שוין אַליין נישט, וואָס צו קלערן: טראָגט

ער זיך זיכער אַרום מיט עפּעס אויף מיר! טוט מיר די טובה, אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש, רעדט איבער מיט איוואַן ניקיפאָראָוויטשן!" — וואָס-זשע, איוואַן ניקיפאָראָוויטשן, גייען מיר! דאָרט האָט זיך ערשט צוזאַמענגענומען אַ הערלעכע קאָמפּאַניע!

איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט גענומען באַטראַכטן דעם האָן, וועלכער איז געשטאַנען אויפן גאַנעקל און מיטן גאַנצן כּוח זיך געריסן דעם גאָרגל.

— ווען איר זאָלט וויסן, איוואַן ניקיפאָראָוויטשן, — האָט ווייטער גערעדט דער פלייסיקער דעפּוטאַט — וואָס פאַר אַ פיש, וואָס פאַר אַ פרישן רויג מ'האָט פּיאָטער פּעאָדאָראָוויטשן געשיקט!

באַ דעם האָט איוואַן ניקיפאָראָוויטש אויסגעדרייט דעם קאָפּ און האָט זיך אויסמערקזאַם אָנגעהויבן צוצוהערן.

דאָס האָט דעם דעפּוטאַט אונטערגעגעבן מוט:

— קומט-זשע שנעלער; פּאָמאַ גריגאָריעוויטש איז אויך דאָרט דאָ! נו, וואָס-זשע? — האָט ער צוגעגעבן, זעענדיק, אַז איוואַן ניקיפאָראָוויטש ליגט נאָך אַלץ אין דערזעלבער פּויזע — וואָס-זשע, גייען מיר, צי גייען מיר נישט?

— איך וויל נישט.

דער דאָזיקער „איך וויל נישט" האָט אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטשן אײַנגאַנצן צעמישט: ער האָט געמיינט, אַז זיין איבערצייגנדיקע פאָרשטעלונג האָט שוין פולשטענדיק גענומען דעם דאָזיקן אגב זייער בּכּבודיקן מענטש; נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער דערהערט דעם קאַטעגאָרישן „איך וויל נישט".

— פאַרוואָס-זשע ווילט איר דאָס נישט? האָט ער שוין געפרעגט כּמעט מיט פאַרדרוס, וואָס האָט זיך באַ אים געטראָפן זייער זעלטן, אפילו דאַמאָלס, בשעת מען פלעגט אים אַרויפלייגן אויפן קאָפּ אַן אָנגעצונדן פּאַפּיר, מיט וואָס ס'האָבן זיך צום מיינסטן ליב געהאַט לוסטיק צו מאַכן דער סודיאַ און דער נאַטשאַלניק.

איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט געטון אַ שמעק טאַבעק.

— ווי איר ווילט אייך, איוואַן ניקיפאָראָוויטש, איך ווייס נישט, וואָס אייך האַלט אַזוינס אָפּ.

— וואָס וועל איך גיין? — האָט ענדלעך איוואַן ניקיפאָראָוויטש אַרויסגערעדט — דאָרטן וועט זיין דער מערדער!

אַזוי פּלעגט ער געוויינטלעך רופן איוואַן איוואַנאָוויטשן... גאָט גערעכטער! און ווי לאַנג איז עס...

— אויף מיין נאמנות, ער וועט נישט זיין; אָט, ווי גאָט איז מיר ליב, ער וועט נישט זיין! זאָל מיך אָט אויף דעם דאָזיקן אָרט אַ דונער דערהרגענען! — האָט געענטפערט אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש, וועלכער איז זיך גרייט געווען צו שווערן צען מאָל אין אַ מינוט.

— קומט זשע־שוין, איוואַן ניקיפאָראָוויטש.

— איר זאָגט דאָך אָבער ליגנט, אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש — ער איז דאָרט דאָ!

— איך זאָל אַזוי לעבן, איך זאָל אַזוי געזונט זיין, ווי נישט! זאָל איך נישט דערלעבן אַוועקצוגיין פונם דאָזיקן אָרט, אויב ער איז דאָרט דאָ! רעכנט אייך נאָר אַליין איבער, נאָכוואָס זאָל איך אייך זאָגן ליגנט! זאָלן מיר די הענט און די פיס אָפּדאַרן!... וואָס, איר גלייבט נאָך אַצינד אויך נישט? זאָל איך פגרן דאָ פאַר אייערע אויגן! זאָל נישט מיין טאַטע, נישט די מאַמע מיינע, נישט איך אַליין האָבן די זכיה צו זען דאָס ליכטיקע גן־עדן!... איר גלייבט נאָך אַלץ נישט?

מיט די דאָזיקע שבועות האָט זיך איוואַן ניקיפאָראָוויטש פולשטענדיק באַרויִקט און האָט באַפוילן זיין קאַמערדינער אין דעם אומענדלעכן סורדוט אַרויסברענגען די הויזן און דעם לייוונטענעם קאַזאַקין.

איך מיין, אַז ס׳איז איבעריק צו באַשרייבן, מיט וואָס פאַר אַן אופן איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט אָנגעטון די הויזן,

ווי אַזוי מ'האָט אים אַרומגעוויקלט דעם האַלדזשטוק, און אים ענד־לעך אָנגעטון דעם קאַזאַקין, וועלכער האָט געפּלאַצט אונטער לינקן אָרבל. געגוג איז, ער האָט זיך איבער דער גאַנצער צייט געהאַלטן אַנשטענדיק, רויִק און האָט אַ וואָרט נישט געענטפערט אויף אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטשס פאָרשלאָגן, אַז ער זאָל זיך מיט אים בייטן אויף עפּעס פאַר זיין טערקישן בייטל.

דערווייל האָבן די פאַרזאַמלטע מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט די דעצידירנדיקע מינוט, איוואַן ניקיפאָראָוויטש זאָל זיך שוין באַווייזן און עס זאָל ענדלעך דערפילט ווערן דער אַלגעמיינער ווונטש, אַז די דאָזיקע בכבודיקע מענטשן זאָלן זיך איבערבעטן איינער מיטן אַנדערן.

אַ סך זענען כמעט געווען איבערצייגט, אַז איוואַן ניקיפאָראָוויטש וועט נישט קומען. דער נאַטשאַלניק האָט זיך שוין אפילו געוועט מיטן בלינדן איוואַן איוואַנאָוויטשן, אַז ער וועט נישט קומען; אָבער ער איז זיך מיט אים צעגאַנגען, נאָר דערפאַר, ווייל דער בלינדער איוואַן איוואַנאָוויטשן האָט געפאָדערט, אַז ער זאָל איינלייגן זיין אונטערגעשאָסענעם פוס און ער דאָס בלינדע אויג, צוליב וואָס דער נאַטשאַלניק האָט זיך באַליידיקט, און די קאָמפּאַניע האָט שטילענקערהייט אונטערגעלאַכט.

קיינער האָט זיך נאָך נישט געזעצט צום טיש, כאָטש ס'איז שוין פון לאַנג געווען צוויי אַ זייגער, — די צייט, ווען מ'עסט שוין אין מירגאָראָד פון לאַנג מיטאָג, אפילו אין פאַראַדנע פאַלן.

ווי נאָר אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך באַוויזן אין דער טיר, איז ער אין דעם זעלבן אויגנבליק אַרומגעריגלט געוואָרן פון אַלע. אויף אַלע פראַגעס האָט אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש געענטפערט מיט איין קאַטעגאָריש וואָרט: „ער וועט נישט קומען!“

אַזוי ווי ער האָט נאָר אַרויסגעבראַכט דאָס דאָזיקע וואָרט, האָט זיך שוין אַ האָגל פון טענות, זידלערייען און מעגלעך אויך

פון שנעלן געגרייט אַ שאָט צו טון אויף זיין קאָפּ פאַר דער אומגעלונגענער שליחות, נאָר פלוצלינג האָט זיך אויפגעעפנט די טיר און — איוואַן ניקיפאָראָוויטש איז אַריינגעקומען.

ווען עס זאָל זיך באַווייזן דער שטן אַליין אָדער אַ טויטער, וואָלטן זיי נישט אָנגעמאַכט אַזאַ שטוינונג אין דער גאַנצער געזעלשאַפט, ווי ס'האָט אָנגעמאַכט דער אומגעריכטער אַריינקום פון איוואַן ניקיפאָראָוויטשן. און אַנטאָן פּראָקאָפּיעוויטש האָט געהאַלטן אין איין קייכן און זיך האַלטן באַ די זייטן פאַר פרייד, וואָס ער האָט אַזוי אָפּגענאַרט די גאַנצע קאָמפּאַניע.

ווי עס זאָל נישט זיין, נאָר דאָס איז כמעט פאַר אַלע אומגלייבלעך געווען, אַז איוואַן ניקיפאָראָוויטש זאָל זיך אין אַזאַ קורצע צייט קענען אָנטון ווי עס פּאַסט פאַר אַן אַדלמאַן.

איוואַן איוואַנאָוויטש איז פּונקט אין דער צייט נישט געווען; ער איז געהאַט נאָך עפּעס אַרויסגעגאַנגען.

קומענדיק צו זיך נאָך דער שטוינונג, האָט זיך דאָס גאַנצע פּובליקום פאַראינטערעסירט מיט איוואַן ניקיפאָראָוויטשס געזונט און האָט אויסגעדרוקט אַ צופרידנקייט דערפון, וואָס ער איז זיך צעוואַקסן אין דער גרעב. איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט זיך מיט יעדן איינעם געקושט און געזאָגט: „כ'בין זייער דאַנקבאַר".

דערווייל האָט דער ריח פון באָרשטש זיך אַ טראָג געטון איבער דער שטוב און אָנגענעמם אַ קיצל געטון די נאָזלעכער פון די אויסגעהונגערטע געסט. אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן פּאַקן אין עסשטוב אַריין. אַ טשאַטע דאַמען רעדעוודיקע און שווייגעדיקע, מאָגערע און דיקע האָט זיך אַ צי געטון פאָרויס און דער לאַנגער טיש האָט אָנגעהויבן פינקלען מיט אַלע קאָלירן.

איך וועל מיך נישט נעמען באַשרייבן די מאכלים, וואָס זענען געווען באַם טיש! איך וועל נישט דערמאַנען נישט וועגן די די מנישקעס מיט סמעטענע, נישט וועגן דער אוטריבקע, וואָס מ'האָט

דערלאַנגט צום באָרשטש, נישט וועגן דער אינדיטשקע מיט פֿלוימען און מיט ראָזשענקעס, נישט וועגן דעם מאכל, וואָס איז זייער ענלעך געווען לויטן אויסזען צו אַ שטיוול איינגעווייקט אין קוואַס, נישט וועגן דער זוזע, וועלכע איז דאָס שוואַנען־ליד פֿונם אַלטפּרענקישן קוכער, וועגן יענער זוזע, וועלכע מ'האָט דערלאַנגט אינגאַנצן אַרומגעכאַפּט מיט פֿלאַמען פֿונם אָנגעצונדענעם וויין, וואָס האָט זייער אַמוזירט און גלייכצייטיק געשראָקן די דאַמען.

איך וועל גאַרנישט אָנהייבן צו רעדן וועגן די דאָזיקע מאכלים, ווייל מיר געפֿעלט אַ סך מער צו עסן זיי איידער צעשפּרייטן זיך וועגן זיי אין געשפּרעכן.

איוואַן איוואַנאָוויטשן וענען זייער געפֿעלן די פֿיש צוגעפּראַוועט מיט כריין. ער האָט זיך באַזונדערס באַשעפֿטיקט מיט דער דאָזיקער ניצלעכער און נאַרהאַפֿטער איבונג. אַרויסקלויבנדיק די סאַמע קלענסטע פֿיש־ביינדעלעך, האָט ער זיי געלייגט אויפֿן טעלער און עפּעס גלאַט אַזוי אַ קוק געטון אַקעגנאיבער זיך: הימלישער באַשעפֿער! ווי מאָדנע דאָס איז געווען! אַקעגנאיבער אים איז געזעסן איוואַן ניקיפֿאָראָוויטש!

פּונקט אין דער זעלבער צייט האָט איוואַן ניקיפֿאָראָוויטש אויך אַ קוק געטון!... ניין!... איך קען נישט! גיט מיר אַן אַנדערע פּעדער! מיין פּעדער איז לאַבעריק, טויט, מיט אַ שמאָלן שפּאַלט פֿאַר דעם דאָזיקן בילד! זייערע פּנימער מיט דער אָפּגעשפּיגלטער דערשטוינונג זענען געוואָרן ווי פֿאַרשטיינערט. יעדער איינער פֿון זיי האָט דערזען אַ לאַנג באַקאַנט פּנים, צו וועלכן ער וואָלט דאַכט זיך, נישט ווילנדיק, גרייט געווען צוצוגיין ווי צו אַן אומגעריכטן פֿריינט און אונטערטראָגן דאָס שקעטעלע מיט די ווערטער: „בעמט גיטיקס", אָדער „צי קען איך בעטן וועגן אַ געפֿעליקייט"; באַר גלייכצייטיק דערמיט איז אָט דאָס דאָזיקע פּנים געווען שרעקלעך, ווי

אן אָנזאָג אויף עפּעס נישט גוטס! טייכן שווייס האָבן זיך געגאָסן פון איוואַן איוואַנאָוויטשן און איוואַן ניקיפאָראָוויטשן.

די אָנוועזנדע, אַלע, וויפיל זיי זענען געווען באַם טיש, זענען פאַרשטומט געבליבן פון אויפמערקזאַמקייט און האָבן נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון די אַמאָל געוועזענע גוטע פריינט.

די דאַמען, וועלכע זענען ביז איצט פאַרנומען געווען מיט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן שמועס וועגן דעם, אויף וואָס פאַר אַן אופן עס ווערן געמאַכט קאַפּהענער, האָבן פלוצלינג דעם שמועס איבערגעריסן.

אַלץ איז אַנטשוויגן געוואָרן.

דאָס איז געווען אַ בילד, וואָס איז ווערט געווען אָנצוקומען אונטערן פּענזל פון אַ גרויסן קונסט-מאָלער.

ענדלעך האָט איוואַן איוואַנאָוויטש אַרויסגענומען דאָס נאָזטיכל און זיך אָנגעהויבן אויסשנייצן, און איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום און האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט די אויגן אויף דער אויפגעמאַכטער טיר. דער נאַטשאַלניק האָט גלייך באַמערקט די דאָזיקע באַוועגונג און האָט געהייסן די טיר פאַרמאַכן פעסטער. דאַמאָלס האָט יעדער איינער פון די גוטע פריינט אָנגעהויבן עסן, און זיי האָבן שוין מער קיין איינמאָל נישט קיין בליק געטון איינער אויפן אַנדערן.

ווי נאָר דאָס מיטאָג האָט זיך געענדיקט, האָבן ביידע געוועזענע גוטע פריינט זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער און גענומען זוכן די היטלען, כדי זיך אַרויסצושאַרן. דאַמאָלס האָט דער נאַטשאַלניק אַ ווינק געטון, און איוואַן איוואַנאָוויטש, — נישט דער איוואַן איוואַנאָוויטש, נאָר דער אַנדערער, דער וואָס האָט אַ בלינד אויג, — האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטער איוואַן ניקיפאָראָוויטשס פּלייצע און דער נאַטשאַלניק האָט זיך אַרונטערגערוקט אונטער איוואַן איוואַנאָוויטשס פּלייצע און ביידע האָבן זיי אָנגעהויבן פון הינטן איב-

טערצושטיפן, כדי זיי צוזאַמענצושטויסן און זיי אַזוי לאַנג נישט אַרויסלאָזן, ביז וואַנען זיי וועלן זיך נישט דערלאַנגען די הענט.

איוואַן איוואַנאָוויטש, דער וואָס האָט דאָס בלינדע אויג, האָט אַ שטויס געטון איוואַן ניקיפאָראָוויטשן, כאָטש אַ ביסל קרומלעך, פונדעסטוועגן נאָך גאַנץ טרעפלעך, צו יענעם אָרט צו, ווו איוואַן איוואַנאָוויטש איז געשטאַנען; נאָר דער נאַטשאַלניק האָט געמאַכט די דירעקציע שוין צופיל אין אַ זייט, דערפאַר ווייל ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט קיין עצה געבן מיט זיינע צולהכעיסדיקע רגלים, וואָס האָבן דאָס מאָל נישט געוואָלט האָרכן קיין שום באַפעל און האָבן זיך ווי צולהכעיס פאַרוואָרפן צו ווייט און פונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג (וואָס איז געוויס פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס באַם טיש זענען געווען פאַרשידענע געטראַנקען), אַזוי אַז איוואַן איוואַנאָוויטש איז אַרויפגעפאַלן אויף אַ דאַמע אין אַ רויט קלייד, וועלכע האָט צוליב נייגעריקייט זיך אַריינגערוקט אין סאַמע מיטן אַריין.

די דאָזיקע געשעעניש האָט באַדייט אויף זייער נישט קיין גוטן סימן. פונדעסטוועגן האָט דער סודיאַ, כדי צו ראַטעווען דעם ענין, פאַרנומען דעם נאַטשאַלניקס אָרט, און אַראָפּשגאַרכנדיק מיט דער נאָז דעם גאַנצן טאַבעק פון דער ליפּ אַראָפּ, האָט ער איוואַן איוואַנאָוויטשן אַ שטויס אָפּ געטון אין דער אַנדערער זייט אַריין. אין מירגאָראָד איז דאָס אַ געוויינטלעך פאָרטל צום איבערבעטן; דאָס איז עטוואָס ענלעך צו אַ שפּיל מיט אַ פּילקע.

ווי נאָר דער סודיאַ האָט אַ שטויס געטון איוואַן איוואַנאָוויטשן, האָט איוואַן איוואַנאָוויטש, דער מיטן בלינדן אויג, זיך אונטערגעשפּאַרט מיטן גאַנצן כוח און אַ שטויס געטון איוואַן ניקיפאָראָוויטשן, פון וועלכן דער שוויס האָט געגאָסן ווי רעגן-וואַסער פון אַ דאַך אַראָפּ. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ביידע גוטע פריינט זענען גוט איינגעשפּאַרט געווען, זענען זיי פונדעסטוועגן צוזאַמענגעשטויסן

געוואָרן, דערפאַר ווייל ביידע קעמפנדע צדדים האָבן באַקומען אַ באַדייטנדע פאַרשטאַרקונג מצד די איבעריקע געסט.

דאַמאָלס האָט מען זיי אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און נישט אַרויסגעלאָזט אַזוי לאַנג, ביזוואַנען זיי האָבן זיך נישט באַשלאָסן צו דערלאַנגען אײנער דעם אַנדערן די הענט.

— גאָט איז מיט אייך, איוואַן ניקיפאָראָוויטש, איוואַן איוואַנאָוויטש! זאָגט, אויף אייער נאמנות, פאַרוואָס האָט איר זיך צעקריגט? צי נישט איבער נאַרישקייטן דען? צי האָט איר קיין בושה נישט פאַר גאָט און פאַר לייט!

— איך ווייס נישט, — האָט איוואַן ניקיפאָראָוויטש געזאָגט, פרייכנדיק פון אָפּגעמאַטערטקייט (ס'איז קענטיק געווען, אַז ער איז נישט געווען אינגאַנצן ווייט פון איבערבעטן זיך); — איך ווייס נישט, וואָס האָב איך אַזוינס געטון איוואַן איוואַנאָוויטשן; פאַרוואָסזשע האָט ער אונטערגעהאַקט מיין שטעלעכל און זיך פאַרנומען אויף מיין לעבן?

— איך פיל מיך נישט שולדיק אין קיין שום שלעכטער כוונה, — האָט איוואַן איוואַנאָוויטש געזאָגט, נישט ווענדנדיק זיין בליק אויף איוואַן ניקיפאָראָוויטשן, — איך שווער פאַר גאָט און פאַר אייך, הויכגעשעצט אַדלטום, אַז איך האָב גאָרנישט געטון דעם שונא מיינעם. פאַרוואָס-זשע טוט ער באַשמוצן און פאַרשוועכן מיין טיטול און מיין ראַנגע.

— מיט וואָס האָב איך אייך דען אַזוי פאַרשוועכט, איוואַן איוואַנאָוויטש? — האָט איוואַן ניקיפאָראָוויטש געזאָגט.

נאָך איין מינוט אויסטענהן זיך, און די געוועזענע פיינטשאַפט איז גרייט געווען אויסצוגיין. איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט זיך שוין געהאַט גענומען צו דער קעשענע, כדי אַרויסצובאַקומען דאָס שקעטעלע און צו זאָגן „נעמט גיטיקס".

— צי איז דען דאָס נישט קיין פאַרשוועכונג, — האָט איוואַן

איוואַנאָוויטש געעטנפערט, נישט אויפהייבנדיק די אויגן, — אויב איר, גנעדיקער הער, האָט באַליידיקט מיין טיטול און פאַמיליע־נאָמען מיט אַזאַ וואָרט, וואָס איז אָנשטענדיק דאָ אָנצורופן?

— דערלויבט אייך צו זאָגן ווי אַ גוטן פריינט, איוואַן אי־וואַנאָוויטש (דערביי האָט זיך איוואַן ניקיפאָראָוויטש צוגערירט מיט אַ פינגער צו איוואַן איוואַנאָוויטשס אַ קנעפל, וואָס האָט באַדייט זיין פולשטענדיקע אויפגעלייגטקייט) — איר האָט אייך באַליידיקט, דער טייוול ווייסט צוליב וואָס אַזעלכעס: צוליב דעם, וואָס איך האָב אייך אָנגערופן „גאָנער"...

איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער, אַרויסברענגנדיק דאָס דאָזיקע וואָרט, נאָר ס'איז שוין אָבער געווען שפּעט: דאָס וואָרט איז געווען אַרויסגעזאָגט.

אַלץ איז אַוועק צום טייוול!

אויב בשעתן אַרויסרעדן דאָס דאָזיקע וואָרט אָן עדות איז איוואַן איוואַנאָוויטש אַרויס פון די כּלים און אַריין אין אַזאַ גרים־צאָרן, אין אַ וואָסערן גאָט זאָל אָפּהיטן צו זען אַ מענטש, וואָס־זשע שוין אַצינד, ווען דאָס אויף טויט דערשלאָגנדיקע וואָרט איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין געזעלשאַפט, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען אַ סך דאַמען, אין דער קעגנוואַרט פון וועלכע ער האָט ליב געהאַט צו זיין באַזונדערס העפלעך?

וואָלט איוואַן ניקיפאָראָוויטש נישט געווען זיך באַגאַנגען אויף אַזאַ אופן, וואָלט ער כאָטש געזאָגט „פויגל" און נישט „גאָנער", וואָלט מען נאָך אפשר געקענט פאַריכטן... נאָר אַלץ איז געענדיקט!

ער האָט געוואָרפן אויף איוואַן ניקיפאָראָוויטשן אַ בליק — און וואָס פאַר אַ בליק! ווען דעם דאָזיקן בליק זאָל געגעבן ווערן אויספירונגס־מאַכט, וואָלט ער איוואַן ניקיפאָראָוויטשן פאַרוואַנדלט אין שטויב.

די געסט האָבן פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן בליק און זיי האָבן זיך געאײַלט זיי פונאַנדערצושיידן.

און דער דאָזיקער מענטש, דער מוסטער פון ווייכהערציקייט, וועלכער האָט קיין איין אָרים-מענטש נישט דורכגעלאָזט, ער זאָל זי נישט אויספרעגן, איז אַרויסגעלאָפן אין אַ מוראדיקער רציחה.

אָט אַזעלכע שטאַרקע שטורמען ברענגען אַרויס די ליידנשאַפטן!

אַ גאַנצן חודש האָט מען גאָרנישט געהערט וועגן איוואַן איוואַנאָוויטשן. ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין זיין הויז. דער אָפּגעהיטענער קופערט איז אויפגעעפנט געוואָרן, פונם קופערט זענען אַרויסגענומען געוואָרן — און וואָס? די קאַרבאָוואַנצעס! די אַלטע, ירושהדיקע קאַרבאָוואַנצעס! און די דאָזיקע קאַרבאָוואַנצעס זענען אַריבער אין די פאַרשמוצטע הענט אַריין פון די טינט-באַלעמלאָכעס.

דער פּראָצעס איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין קרייז-געריכט אַריין און ווען איוואַן איוואַנאָוויטש האָט באַקומען די פריילעכע בשורה, אַז מאָרגן ווערט דער פּראָצעס אַנטשיידן, דאַמאָלס ערשט האָט ער זיך באַוויזן אויף דער ליכטיקער שיין און האָט זיך באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון שטוב אַרויס.

נאָר ווײ! פון דאַמאָלס אָן האָט דאָס קרייז-געריכט במשך פון צען יאָר יעדן טאָג מודיע געווען, אַז מאָרגן ווערט אַנטשיידן דער פּראָצעס.

מיט אַ יאָר פינף צוריק בין איך דורכגעפאָרן די שטאָט מירגאָראָד. איך בין געפאָרן אין אַ שלעכט וועטער. דער האַרבסט איז דאַמאָלס געשטאַנען מיט זיין אומעטיק-פייכטער פּאַגאָדע, מיט די בלאָטעס און נעפּלען. עפּעס אַ מין נישט נאַטירלעך גרינס — אַ פּראָדוקט פון די אומעטיקע, כסדרדיקע רעגנס — האָט באַדעקט

מיט אַ שיטערער נעץ די פעלדער און לאַנקעס, צו וועלכע דאָס האָט פונקט אזוי צוגעפּאַסט — ווי אַן אַלטן מאַן שטיפעריייען, אָדער ווי אַן אַלטער פרוי רויזן.

אַ שטאַרקע ווירקונג האָט דאַמאָלס געמאַכט אויף מיר דאָס וועטער: איך האָב געטרויערט, ווען דאָס וועטער איז טרויעריק געווען. נאָר נישט קוקנדיק דערויף, האָב איך, צופאָרנדיק נעבעך צו מירגאָראָד, דערפילט, אַז מיין האַרץ קלאַפּט שטאַרק. גאָט מיינער, וויפיל דערינערונגען! צוועלף יאָר בין איך נישט געווען אין מירגאָראָד. עס האָבן דאָ געלעבט דאַמאָלס אין אַ רירנדיקער פריינטשאַפט די איינציקע צוויי מענטשן, די איינציקע צוויי פריינט.

און וויפיל זענען אויסגעשטאָרבן אָנגעזעענע מענטשן! דער סודיאַ דעמיאַן דעמיאַנאָוויטש איז שוין דאַמאָלס געהאַט געשטאָרבן; איוואַן איוואַנאָוויטש, דער מיטן בלינדן אויג, האָט שוין אויך נישט געלעבט.

איך בין אַריינגעפאָרן אויף דער הויפּט-גאַס: אומעטום זענען געשטאַנען דרענגלעך מיט ביסלעך שטרוי צוגעבונדן פון אויבן: עפּעס אַ נייע איבערבויונג איז פאָרגעקומען. עטלעכע שטובן זענען אַראָפּגענומען געוואָרן. עס האָבן אומעטיק אַרויסגעשטאַרט איבערבלייבעכצן פון פּלויטן און פּאַרקאַנעס.

אַ יום-טוב-טאָג איז דאַמאָלס געווען; מיין ראָגאָזשע-וועגעלע האָב איך געהייסן אָפּשטעלן פאַרן קלויסטער און בין אַריין אַזוי שטיל, אַז קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט. און באמת, ס'איז נישט געווען ווער: דאָס קלויסטער איז געווען ליידיק, ס'איז כמעט קיינער נישט געווען; מ'האָט אָנגעזען, אַז אפילו די פרומסטע האָבן זיך אָפּגעשראָקן פאַר די בלאָטעס. די ליכט זענען אין דעם כמורנעם, בעסער געזאָגט, אין דעם קראַנקן טאָג, געווען עפּעס מאָדנע אומאָנגענעם; דאָס טונקעלע פאָליש איז טרויעריק געווען; די לענג-

לעכדיקע פענסטער מיט די קיילעכדיקע שויבן האָבן זיך באַגאָסן מיט רעגנדיקע טרערן.

איך בין אַריין אין פּאַליש און האָב מיך געווענדט צו אַ בכבודיקן אַלטן מאַן מיט גרייז־גרויע האָר:

— זייט אַזוי גוט, איוואַן ניקיפאָראָוויטש לעבט נאָך?

אין דער צייט האָט דאָס לעמפּעלע פאַרן הייליקן בילד אויפגעפלאַמט און די שיין האָט זיך גלייך אָפּגעשלאָגן אָן דעם אַלטנס פּנים.

ווי פאַרוווּנדערט האָב איך מיך, ווען איך האָב, מיך איינקוקנדיק, דערזען באַקאַנטע שטריכן.

דאָס איז געווען איוואַן ניקיפאָראָוויטש אַליין. נאָר ווי פאַרענדערט ער איז געוואָרן!

— זענט איר געזונט, איוואַן ניקיפאָראָוויטש? ווי געעלטערט איר זענט געוואָרן?

— יאָ, געעלטערט. איך קום היינט פון פּאָלטאַווע, — האָט איוואַן ניקיפאָראָוויטש געענטפערט.

— וואָס זאָגט איר? איר זענט געפאָרן קיין פּאָלטאַווע אין אַזאַ שלעכט וועטער?

— וואָס־זשע זאָל מען טון! דער פּראָצעס...

בײַ דעם האָב איך נישט־ווילנדיק אַ זיפץ געטון. איוואַן ניקיפאָראָוויטש האָט באַמערקט דעם זיפץ און האָט געזאָגט:

— זייט רויק: איך האָב אַ זיכערע ידיעה, אַז דער פּראָצעס וועט די אַנדערע וואָך אַנטשיידן ווערן און צו מיין גונסטן.

איך האָב אַ הייב געטון מיט די פּלייצעס און בין אַוועקגעגאַנגען עפּעס געוווּיר ווערן וועגן איוואַן איוואַנאָוויטשן.

— איוואַן איוואַנאָוויטש איז דאָ, — האָט מיר עמעצער געזאָגט — ער איז אויפֿן בעלעמער.

דאַמאָלס האָב איך דערזען אַ דאַרע פֿיגור, צי דאָס איז איוואַן איוואַנאָוויטש?

דאָס פּנים איז באַדעקט געווען מיט קנייטשן. די האָר זענען אינגאַנצן ווייס געווען, נאָר די בעקעשע איז אַלץ געווען די זעלבע.

נאָך די ערשטע באַגריסונגען האָט זיך איוואַן איוואַנאָוויטש געווענדט צו מיר מיט אַ פֿרייַלעך שמייכעלע, וואָס האָט אים שטענדיק אַזוי געפּאַסט צו זיין פּנים, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ לעיעק, און געזאָגט:

— צי זאָל איך אייך מודיע זיין וועגן אַן אָנגענעמע נייס?

— וועגן וואָס פֿאַר אַ נייס, — האָב איך געפֿרעגט.

— מאָרגן וועט אומבאַדינגט אַנטשיידן ווערן מיין פּראָצעס; דאָס קרייז־געריכט האָט געזאָגט, אַז זיכער.

איך האָב אָפּגעזיפֿצט נאָך טיפֿער, זיך וואָס שנעלער אָפּגעזעגנט, — דערפֿאַר ווייל איך בין געפֿאָרן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין, — און האָב מיך אַריינגעזעצט אין וועגעלע אַריין.

די מאָגערע פֿערד, וועלכע זענען אין מירגאָראָד באַקאַנט אונטערן נאָמען קוריער־פֿערד, האָבן זיך אַ צי געטון, אַרויסברענגנדיק מיט זייערע קאָפּעטעס, וואָס זענען געזונקען אין דער גרויער בלאָטיקער מאַסע, אַן אומאָנגענעמען קלאַנג פֿאַרן אויער. דער רעגן האָט געגאָסן און געגאָסן אויף דעם יִיד, וואָס איז געזעסן אויף דער קעלניע צוגעדעקט מיט אַ שטיקל ראָגאָזשע. די פֿייכטקייט האָט מיך דורך און דורך געגומען. די טרויעריקע ראָגאַטקע מיט דעם ביידל, אין וועלכן אַן אינוואַליד האָט צורעכט געמאַכט זיינע גרויע מלבושים, האָט זיך פּאַמעלעך פֿאַרבייגערוקט.

ווידער דאָסזעלבע פעלד, ערטערווייז צעאַקערט, שוואַרץ,
ערטערווייז גרין, נאַסע קאַווקעס, קראָען, איינטאָניקער רעגן, פאַר-
טרערטער, פאַרחושכטער הימל.
— טרויעריק, אויף דער וועלט, מיינע הערן!

דער שינעל

אין דעם דעפּאַרטאַמענט... נאָר ס'איז גלייכער נישט אָנצורופן אין וועלכן דעפּאַרטאַמענט. ס'איז נישטאָ קיין ערגערס פון די פאַרשידענע מינים דעפּאַרטאַמענטן, פּאָלקן, קאַנצעלאַריעס און, מיט איין וואָרט, פון די פאַרשידענע מינים אַמטלעכע שטאַנדן.

יעדער איינצלנער מענטש רעכנט שוין איצט, אַז אין זיין פּערזאָן ווערט באַליידיקט די גאַנצע געזעלשאַפט.

מען דערציילט, אַז ערשט נישט לאַנג איז אָנגעקומען אַ ביטע פון איינעם אַ קאַפּיטאַן-איספּראַווניק, איך געדענק נישט פון וואָס פאַר אַ שטאָט, אין וועלכער ער ווייזט אויף קלאָר, אַז עס גייען אונטער די מלוכישע געזעצן, און אַז דער הייליקער נאָמען זיינער ווערט דערמאַנט לגמרי אומזיסט; און אַלס באַווייז דערויף האָט ער ביגעלייגט צו דער ביטע אַ ריזיקן באַנד פון עפּעס אַ ראָמאַנטישער פאַרפאַסונג, וווּ צווישן יעדע צען זייטלעך קומט פאָר אַ קאַפּיטאַן-איספּראַווניק, אויף טייל ערטער אַפילו אינגאַנצן אין אַ שיכורן צושטאַנד.

און אַזוי, כדי אויסצומיידן פאַרשידענע אומאָנגענעמלעכקייטן, לאָמיר דעם דעפּאַרטאַמענט, וועגן וועלכן עס האַנדלט זיך דאָ, אָנרופן **אַ דעפּאַרטאַמענט**.

און אַזוי האָט אין אַ ד ע פ אַ ר ט אַ מ ע נ ט געדינט אַ ב אַ אַ מ ט ע ר, — אַ באַאַמטער, מ׳קען נישט זאָגן, אַז ער זאָל געווען זיין זייער אַ מערקווירדיקער: אַ קליין־געוויקסיקער, עטוואָס געשטופּלט, עטוואָס געלבלעך, עטוואָס בלינד אַפילו לויטן אויסזען, מיט אַ קליין פּליכעלע אויפן קאָפּ, מיט קנייטשן אויף ביידע באַקן, און מיטן אַ קאָליר פון פנים, וועלכער ווערט אָנגערופן מערידן־קאָליר...

וואָס זאָל מען מאַכן, דער פּעטערבורגער קלימאַט איז שולדיק.

וואָס אָנבאַלאַנגט זיין טיטול (ווייל בא אונדז דאַרף מען פריער פאַר אַלעמען באַקאַנט מאַכן דעם טיטול) איז ער געווען דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן אַן אייביקער טיטול־ראַט*), איבער וועלכן, ס׳האָבן זיך געניוג אָנגעחכמט און אָנגעוויצלט אַלערליי שרייבערס, וועלכע האָבן, ווי ס׳איז באַוווסט, אַ באַרימטע געוווינהייט אַרויפצוקריכן אויף יענע, וועלכע קענען נישט בייסן.

דער באַאַמטער האָט אויפן פאַמיליע־נאָמען געהייסן באַשמאַטשקין**). שוין פון בלויזן נאָמען אַליין איז צו זען, אַז ער שטאַמט פון אַ שוך, — נאָר ווען, אין וואָס פאַר אַ צייט און ווי אַזוי ער שטאַמט פון אַ שוך — דאָס איז גאָרנישט באַוווסט. אי דער פאָטער, אי דער זיידע, אי אַפילו דער שוואָגער, און דורכויס אַלע באַשמאַטשקינעס האָבן געטראָגן שטיוול, בייטנדיק בלויז די זוילן אַ דריי מאָל אין יאָר.

אויפן נאָמען האָט ער געהייסן אַקאַקי אַקאַקיעוויטש.

ס׳קען זיין, אַז דעם לעזער וועט דער נאָמען [illegible] אַ ביסל מאָדנע און צוגעזוכט, מ׳קען אָבער פאַרזיכערן, אַז מ׳האָט אים לחלוטין נישט געזוכט, עס האָבן זיך עפּעס פון זיך אַליין צונויפגעטראָפן אַזעלכע אומשטענדן, אַז מ׳האט אים בשום אופן נישט גע־

---

*) טיטולאַרני סאָוויעטניק — אַ קליינער באַאַמטן־טיטול.

**) באַשמאַק — אויף רוסיש אַ שוך.

קענט געבן קיין אַנדערן נאָמען; און דאָס איז פאָרגעקומען אַט ווי אַזוי.

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש איז געבוירן געוואָרן אַקעגן נאַכט צו, אויב דער זכרון נאַרט מיך נישט, אויפן 23־טן מערץ.

די פאַרשטאָרבענע מוטער זיינע, אַ באַאַמטנס אַ ווייב, זייער אַ ווילע פרוי, האָט זיך געגרייט צום טויפן דאָס קינד ווי ס'געהער צו זיין.

די מוטער איז נאָך געלעגן אין בעט קעגנאיבער דער טיר און אין דער רעכטער האַנט איז געשטאַנען דער קום, אַן אויסטער־ליש ווילער מענטש, איוואַן איוואַנאָוויטש יעראָשקין, וואָס האָט גע־דינט אַלס באַאַמטער אין סענאַט און די קומע, דעם קוואַרטאַלנע אַפּיצירס ווייב, אַ פרוי מיט זעלטענע מידות, אַרינאַ סעמיאָנאָוונאַ ביעלאָברושקאָווא.

מ'האָט פאָרגעלייגט דער געווינערין איינעם פון די דריי נעמען, וועלכן זי וויל זיך אויסקלייבן: מאָקי, סאָסי, אָדער אַ נאָמען געבן דעם קינד נאָכן הייליקן כאָזדאַזאַט.

— „ניין, — האָט די פאַרשטאָרבענע זיך געטראַכט — עפּעס בלויז אַזעלכע נעמען".

כדי איר צוליב צו טון, האָט מען אויפגעמישט דעם קאַלענ־דאַר אויף אַן אַנדער אָרט — זענען ווייטער אַרויס דריי נעמען: טריפילי, דולאַ, וואַראַכאַסי.

— דאָס איז שוין אַ שטראָף, — האָט געזאָגט די אַלטע: — עפּעס אַלץ אַזעלכע נעמען! איך האָב גאָר קיינמאָל אפילו אַזעלכע נעמען נישט געהערט. וואָלט כאָטש געווען וואַראַדאַט אָדער וואַרוך, און דאָ גאָר טריפילי און וואַרכאַסי.

מען האָט נאָך איבערגעמישט אַ בלעטל — ס'זענען אַרויס פּאַוסיקאַכי און וואַכטיסי.

— נו, כ'זע שוין, — האָט געזאָגט די אַלטע — אַז זיין מזל

אין שוין אַזעלכעס. אויב ס'איז שוין יאָ אַזוי, זאָל ער שוין בעסער הייסן ווי דער טאַטע זיינער. דער פֿאָטער האָט געהייסן אַקאַקי, זאָל דער זון אויך הייסן אַקאַקי.

אָט אַזוי אַרום איז אַרויסגעקומען אַקאַקי אַקאַקיעוויטש.

דאָס קינד האָט מען אָפּגעטויפט, עס האָט זיך דערביי צעוויינט און אַזוי פאַרקרומט, פּונקט ווי עס וואָלט פאָרויסגעפילט, אַז עס וועט זיין אַ טיטול־ראַט.

און אַזוי איז דאָס אַלץ אויפן דאָזיקן אופן געשען.

דאָס אַלץ האָבן מיר געברענגט צוליב דעם, כּדי דער לעזער זאָל אַליין קענען זען, אַז דאָס איז אינגאַנצן געשען צוליב אַ נויטווענדיקייט און אַז קיין אַנדערן נאָמען איז אים בשום אופן נישט מעגלעך געווען צו געבן.

ווען און אין וואָס פאַר אַ צייט ער איז אָנגעקומען אין דעפּאַרטאמענט אַריין און ווער ס'האָט אים אַריינגעגעבן, דאָס האָט זיך קיינער נישט געקענט דערמאַנען. וויפיל עס האָבן זיך נישט געטוישט דירעקטאָרן, אַלערליי נאַטשאַלניקעס, האָט מען אים אַלץ געזען אויף איין־און־דעמזעלבן אָרט, אין דערזעלבער לאַגע, באַ דעמזעלבן אַמט, דערזעלבער באַאַמטער צום שרייבן, אַזוי אַז מ'האָט סוף כּל סוף איינגעזען, אַז ער איז ווייזט אויס געקומען אויף דער וועלט שוין אינגאַנצן אַ פאַרטיקער, מיטן מונדירל און מיטן פּליכל אויפן קאָפּ.

אין דעפּאַרטאַמענט האָט מען נישט געהאַט צו אים קיין שום אַכטונג. די סטרוזשעס זענען נישט נאָר נישט אויפגעשטאַנען פון די ערטער, ווען ער פלעגט דורכגיין, נאָר אַפילו נישט געקוקט אויף אים, ווי ס'וואָלט אַ שטייגער דורכן אויפנאַמס־צימער אַדורכגעפלויגן אַ פּשוטע פליג.

די נאַטשאַלניקעס זענען זיך באַגאַנגען מיט אים עפּעס אַזוי דעספּאָטיש־קאַלט. עפּעס אַ געהילף פון אַן אָפּטיילונגס־באַאַמטן פלעגט

אים אונטעריקן גלייך אונטער דער נאָז אַרונטער די פּאַפּירן, נישט זאָגנדיק אַפילו: „שרייבט איבער", אָדער „אָט, אַ פיין, אינטערעסאַנט זאַכעלע", אָדער עפּעס אַ ליבלעך וואָרט, ווי ס'פּראַקטיצירט זיך אין די איידעלע אַמטן, און ער האָט גענומען, אַ בליק געטון נאָר אויפן פּאַפּיר, נישט קוקנדיק, ווער עס האָט אים אונטערגעלייגט און צי האָט ער געהאַט רעכט דערצו. ער האָט עס גענומען און זיך תיכף געגרייט עס אָנצושרייבן.

די יונגע באַאַמטע האָבן הוזק געמאַכט און זיך געחכמעט איבער אים, אויף וויפיל עס פלעגט קלעקן קאַנצעלאַרישע שאַרפזיניקייט. זיי פלעגן אויפן אָרט און אין זיין קעגנוואַרט דערציילן וועגן אים פאַרשידענע אויסגעקלערטע געשיכטעס: וועגן זיין באַלעבאָסטע, דער זיבעציקיעריקער זקנה, געזאָגט, אַז זי הרגעט אים, זיך געפּרעגט, ווען ס'וועט זיין זייער חתונה, געשיט אים פּאַפּירלעך אויפן קאָפּ אַרויף, זאָגנדיק, אַז עס איז שניי. נאָר אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט דערויף קיין איין וואָרט נישט געענטפערט, ווי ס'וואָלט אַ שטייגער לעבן אים קיינער נישט געווען.

דאָס האָט אַפילו נישט געהאַט קיין ווירקונג אויף זיין אַרבעט. בײַ די אַלע שטערונגען האָט ער קיין איין פעלער נישט געמאַכט אין שרייבן. נאָר אויב די געלעכטערלעך זענען שוין געווען צופיל נישט צום אויסהאַלטן, ווען מ'פלעגט איט אונטערשלאָגן די האַנט, שטערנדיק אים זיך צו באַשעפטיקן מיט זיין אַרבעט, האָט ער אַרויסגערעדט:

— „לאָזט מיך אָפּ, פאַרוואָס באַליידיקט איר מיך?

און עפּעס מאָדנעס האָט זיך געפילט אין די ווערטער, אין דעם קול, מיט וועלכן זיי זענען געוואָרן אַרויסגעזאָגט. עס האָט זיך געהערט דערין עפּעס אַזוינס, וואָס נייגט צו רחמנות, אַזוי, אַז איין יונגערמאַן, וואָס איז נישט-לאַנג דאָ אָנגעקומען, וועלכער האָט, לויטן ביישפּיל פון די איבעריקע, זיך געפּרוווט דערלויבן פון

אים חוזק צו מאַכן, איז פּלוצלינג שטיין געבליבן ווי אַ דערשלאָגענער און פון דאַמאָלס אָן איז פאַר אים אַלץ ווי פאַראַנדערשט געוואָרן, און האָט זיך געוויזן אין אַן אַנדערער שיין.

עפּעס אַן איבערנאַטירלעכער כוח האָט אים אָפּגעשטויסן פון די חברים, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקאַנט, האַלטנדיק זיי פאַר אָנשטענדיקע, וועלטלעכע מענטשן, און לאַנג נאָכדעם אינמיטן די פריילעכסטע מינוטן פלעגט ער דערזען פאַר זיך אַ קליינטשיקן באַאַמטן מיט אַ פליכעלע אויפן קאָפּ מיט זיינע דורכנעמענדיקע ווערטער:

— „לאָזט מיך אָפּ, פאַרוואָס באַליידיקט איר מיך?"

און אין די דורכנעמענדיקע ווערטער האָבן געקלונגען אַנדערע ווערטער: „דיין ברודער בין איך".

און דער אָרימער יונגערמאַן האָט דאָס פּנים פאַרדעקט, און ער האָט דערנאָך אַ סך מאָל אין זיין לעבן אויפגעציטערט, זעענדיק וויפיל אוממענטשלעכקייט עס געפינט זיך אינם מענטש, וויפיל גרויזאַמע האַרטקייט עס ליגט באַהאַלטן אין דער אויסגעאיידלטער, אויסגעבילדעטער וועלטלעכקייט, און, גאָט! אַפילו אין אַזאַ מענטש, וואָס די וועלט האַלט אים פאַר פיין און ערלעך...

איך צווייפל, צי מ'וואָלט געקענט ערגעץ געפינען נאָך אַזאַ מענטש, וואָס זאָל זיך אַזוי איינלעבן אין זיין אַמט. ס'איז ווייניק צו זאָגן: ער האָט געדינט פלייסיק, ניין, ער האָט געדינט מיט ליבשאַפט.

דאָרט, אין דעם אי[illegible]בן, האָט [illegible] ג[illegible]ן עפּעס אַזאַ מין אייגענע, פאַרשידנאַרטיקע, ליבלעכע וועלט. אַ תענוג פלעגט זיך אויסדריקן אויף זיין פּנים; טייל אותיות זענען באַ אים ליבלינגען געווען. ווען ער פלעגט צו זיי צוקומען, איז ער גאָרנישט געווען דער אייגענער: ער האָט אונטערגעשמייכלט, און אונטערגעווונקען, און אונטערגעהאָלפן מיט די ליפּן, אַזוי אַז אויף זיין פּנים

האָט מען, דאַכט זיך, געקענט איבערלייענען יעדעס אות, וואָס זיין פּעדער האָט אויפגעשריבן.

ווען מ׳זאָל אים געווען געבן באַלוינונגען לויט דער מאָס פון זיין פלייסיקייט, וואָלט ער צו זיין דערשטוינונג נאָך געוואָרן אפשר אַ שטאַטס־ראַט אויך, נאָר לויט ווי ס׳פּלעגן זיך אויסדריקן די וויצלערס, די חברים זיינע, האָט ער זיך דערדינט גאַנץ פאַרשידן: אַ בענדל באַם לעכל און אין די זייטן מערידן.

איבעריקנס קען מען נישט זאָגן, אַז מ׳זאָל נישט געווען לייגן אויף אים אינגאַנצן קיין אַכט. איין דירעקטאָר, זייענדיק אַ גוטער מענטש, און וועלנדיק אים באַלוינען פאַר זיין לאַנגיעריקער דינסט, האָט אים געהייסן געבן עפּעס וויכטיקערס ווי דאָס געוויינטלעכע איבערשרייבעכץ: אַ שטייגער, פון אינגאַנצן אַ פאַרטיקן דאָקומענט האָט מען אים געהייסן מאַכן עפּעס אַ ווענדונג אין אַ צווייטן אַמט אריין; דער ענין איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, איבערצוטוישן דעם טיטול פון אויבן און איבערבייטן דאָרט אויף טייל ערטער די צייטווערטער פון ערשטער פּערזאָן אויף דריטער. דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַזאַ אַרבעט, אַז ער איז אינגאַנצן דערשוויצט געוואָרן, געווישט דעם שטערן און האָט ענדלעך געזאָגט:

— „ניין, לאָזט מיך, איך וועל בעסער עפּעס איבערשרייבן”.

פון דאַמאָלס אָן האָט מען אים אָפּגעלאָזט, ער זאָל שוין אַזוי שטענדיק איבערשרייבן.

אויסער דעם איבערשרייבן האָט פאַר אים, ווייזט אויס גאָרנישט עקזיסטירט. ער האָט לחלוטין נישט געטראַכט וועגן זיין אָנטאָן; אַ מונדירל האָט ער געהאַט — נישט קיין גרינס, נאָר פון עפּעס אַ מין געלבלעכן־מעל קאָליר. אַ קעלנערל האָט ער געהאַט אַ שמאָלטשקעס, אַ נידעריקס, אַזוי אַז דער האַלדז זיינער, נישט קוקנדיק דערויף וואָס ער איז גאָרנישט געווען אַזאַ לאַנגער, האָט, אַרויסשטאַרנדיק פון קאָלנער אַרויס, אויסגעוויזן אויסטערליש לאַנג,

ווי בײַ יענע גיפּסענע קעצעלעך, וואָס שאָקלען מיט די קעפּלעך, וועלכע די רוסישע אויסלענדער טראָגן אַרום אויף די קעפּ גאַנצע צענדליקערווײַז.

און שטענדיק האָט זיך עפּעס געפּלעגט מוזן צוקלעבן צו זײַן מונדירל: אָדער אַ פּיצעלע היי, אָדער עפּעס אַ פּעדעמל; צו דעם צו האָט ער נאָך געהאַט אַ באַזונדערן טאַלאַנט, גייענדיק איבער דער גאַס, אויסצוקומען אונטער אַ פּענסטער פּונקט צו דער זעלבער צײַט, ווען מ'האָט פון דאָרט אַרויסגעוואָרפן אַלערליי פּאַסקודסטוועס, און דעריבער פּלעגט ער זיך אייביק אַרומטראָגן אויפן קאַפּעלוש מיט שאָלן פון קאַװענעס, פון באַניעס און ענלעכע נאַרישקייטן.

קיין איין מאָל אין לעבן האָט ער נאָך נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, וואָס עס טוט זיך און קומט פאָר יעדן טאָג אויף דער גאַס, אויף וואָס עס חעט, ווי ס'איז באַוווּסט, קיינמאָל נישט פאַרפעלן אַ בליק צו טון אַ יונגער באַאַמטער פון זײַנס גלייכן, וואָס שפּרייט אויף אַזוי ווייט אויס די דורכדרינגלעכקייט פון זײַן ווי־לערישן בליק, אַז ער באַמערקט אַפילו, בײַ וועמען עס האָט זיך אויף יענער זײַט טראָטואַר אָפּגעטרענט אונטן דאָס פּאַסיקל בײַ די הויזן, — וואָס רופט שטענדיק אַרויס אויף זײַן פּנים אַ כיטרע שמייכעלע.

נאָר אַקאַקי אַקאַקיעוויטש, אַז ער האָט שוין יאָ אויף עפּעס געקוקט, האָט ער אויף אַלעמען געזען זײַנע ריינע שורות, אָנגעשריבן מיט זײַן שיינער האַנטשריפט, נאָר ווען אַ פערדישע מאָרדע פלעגט אים, נישט ווייסנדיק פון וואַנען און פון וואָס, אויסקומען אויף דעם אַקסל און האָט אים אָנגעלאָזט מיט די נאָזלעכער אויף דער באַק אַרויף אַ גאַנצן ווינט, ערשט דאַמאָלס פלעגט ער באַמערקן, אַז ער האַלט נישט אינמיטן דער שורה, נאָר גיכער אינמיטן דער גאַס.

קומענדיק אַהיים פלעגט ער זיך תיכף זעצן בײַם טיש, אויף גיך אויסגעזופּט זײַן [illegible] און אָפּגעגעסן אַ שטיקל רינדערנס מיט

ציבעלע, נישט פילנדיק אינגאַנצן קיין טעם אין זיי, ער האָט דאָס אַלץ געגעסן מיט די פליגן און מיט דעם אַלעם, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט איבער דער צייט אין טעלער אַריין.

באַמערקנדיק, אַז דער מאָגן הייבט זיך אָן אָנצובלאָזן, פלעגט ער אויפשטיין פון הינטערן טיש אַפער, אַרויסנעמען דאָס באַנקע־לע מיט טינט, און איבערשרייבן די פאַפירן, וואָס ער האָט זיך מיטגעברענגט אַהיים. אויב ער האָט אַזעלכע נישט געהאַט, האָט ער זיך ספעציעל, פאַרן אייגענעם פאַרגעניגן וועגן, אַראָפּגענומען אַ קאָפּיע פאַר זיינעטוועגן, באַזונדערס, אויב דאָס פאַפיר איז גע־ווען אַ מערקווירדיקס, נישט לויט דער שיינקייט פונם סטיל, נאָר לויטן אַדרעס צו אַ נייער, וויכטיקער פערזאָן.

אַפילו אין יענע שעהן, ווען דער פעטערבורגער גרויער הימל לעשט זיך אינגאַנצן אויס, און דאָס גאַנצע באַאַמטן־פאָלק האָט זיך אָנגעגעסן און אָפּגעמיטאָגט, ווי איינער האָט נאָר געקענט, לויטן געהאַלט וואָס ער באַקומט און לויטן פערזענלעכן איינ־זען, ווען אַלץ האָט זיך שוין אָפּגערוט נאָכן דעפּאַרטאַמענטישן סקריפּען מיט די פעדערס, לויפעניש, אייגענע און פרעמדע ניי־טיקע באַשעפטיקונגען און אַלעם דעם, וואָס עס לייגט אויף זיך פרייוויליק אַרויף, אַפילו נאָך מער ווי מען באַדאַרף, דער פאַר־האַוועטער מענטש, ווען די באַאַמטע איילן זיך צו פאַרווענדן אויף ווילטאָגן די איבערגעבליבענע צייט: די מער ווילערע לאָזן זיך אַוועק אין טעאַטער אַריין, ווער אויף דער גאַס אַרויס, באַשטימענ־דיק די צייט אויף אַרומקוקן פאַרשידענע מינים דאַמען־היטעלעך; ווער אויף אַן אָוונט — פאַרווענדן די צייט אויף קאָמפּלימענטן מיט עפּעס אַ גאַנץ־חנוודיק מיידל, דעם שטערן פון אַ קליינעם באַאַמטן־קרייז; ווער, — און דאָס טרעפט זיך אָפטער פון אַלעם, — גייט פשוט צו זיינס גלייכן אויפן פערטן, אָדער אויפן דריטן שטאָק אַרויף, אין צוויי קליינע שטיבן מיט אַ פאָדער־שטיבל, אָדער מיט אַ

קיך , און מיט וועלכע עס איז פּרעטענזיעס אויף מאָדע, ווי אַ לאָמפּ אָדער אַן אַנדער שמאָכטעלע, וועלכעס האָט געקאָסט אַ סך אָפּשפּאָרעניש, נישט עסן קיין מיטאָגן, נישט גיין אויף קיין פאַרוויילונגען, — מיט איין וואָרט, אַפילו אין יענער צייט, ווען אַלע באַאַמטע צעזייען זיך איבער די דירהלעך פון זייערע פריינט, אַ שפּיל צו טון אַ געזונטן וויסט*), צוזיפּנדיק טיי פון די גלעזער אַרויס, פאַרבייסנדיק מיט צווייגראָשעדיקע סוכאַרקעס, פאַרציִענדיק דעם רויך פון די לאַנגע ציבוקעס, דערציילנדיק בשעתן צוואַרפן אַ קאָרט עפּעס אַ רכילותל, וואָס איז פאַרטראָגן געוואָרן פון דער העכערער געזעלשאַפט, פון וועלכן עס קען זיך קיינמאָל אין בשום אופן נישט אָפּזאָגן קיין רוסישער מענטש, אָדער ווען ס׳איז אַפילו נישטאָ פון וואָס צו רעדן, איבערדערציילנדיק דעם אייביקן אַנעקדאָט וועגן דעם קאָמענדאַנט, צו וועלכן מען איז געקומען דערציילן, אַז באַם פערד פון פאַלקענעטס מאָנומענט האָט מען אָפּגעהאַקט דעם וויידל, — מיט איין וואָרט, אַפילו דעמאָלס, ווען אַלץ שטרעבט זיך צו פאַרוויילן, פלעגט זיך אַקאַקי אַקאַקיעוויטש אויך נישט אָפּגעבן מיט קיין שום פאַרוויילונג.

קיינער האָט נישט געקענט זאָגן, אַז מ׳זאָל אים אַמאָל האָבן געזען ערגעץ אויף אַן אָוונט. אָנשרייבנדיק זיך צו דער זעט, פלעגט ער זיך לייגן שלאָפן, שמייכלענדיק פאָרויס באַם געדאַנק וועגן מאָרגנדיקן טאָג: וואָס וועט דאָס גאָט מאָרגן צושיקן איבערצושרייבן?

און אַזוי פלעגט זיך דורכגיין דאָס פרידלעכע לעבן פון דעם מענטש, וועלכער האָט מיט פיר הונדערטערס געהאַלט דאָך געקענט צופרידן זיין מיט זיין גורל, און עס וואָלט אפשר געווען צוגעגאַנגען ביז דער גרויער עלטער, ווען עס זאָלן נישט זיין אויף דער וועלט קיין פאַרשידענע אומגליקן, וועלכע זענען פאַרשפּרייט אויפן

*) אַ קאָרטן-שפּיל.

לעבנס-וועג נישט נאר פון טיטולראט. נאר אפילו פון געהיימראטן, ווירקלעכע געהיימראטן, הויפראטן און אלערליי ראט-געבער, אפילו פון אזעלכע, וועלכע גיבן קיינעם נישט און נעמען נישט בא קיינעם קיין ראטן.

ס'איז דא אין פעטערבורג א שטארקער שונא פון די אלע, וואס באקומען 400 רובל א יאר געהאלט, אדער אן ערך פון דעם. דער דאזיקער שונא איז נישט קיין אנדערער ווי אונדזער צפונדיקער פראסט, כאטש מ'זאגט פונדעסטוועגן, אז ער איז זייער גוט צום געזונט.

ניין א זייגער אינדערפרי, פונקט אין דער שעה, ווען די גאסן ווערן פול מיט גייענדיקע אין דעפארטאמענט אריין, הייבט ער אן אזוי שטארק און שטעכעדיק צו בייסן אלע נעז אן אונטערשיד, אז די ארימע באאמטע ווייסן לחלוטין נישט, ווו זיך מיט זיי אהינצוטון.

אין דערזעלבער צייט, ווען אפילו די, וועלכע פארנעמען העכערע אמטן, טוט וויי פונם פראסט דער שטערן און טרערן קומען זיי אין די אויגן אריין, זענען אפטמאל די ארימע טיטולראטן לגמרי אומבאשיצט. די גאנצע רעטונג באשטייט אין דעם, אז מען זאל אין מאגערן שינעלעכל אדורכלויפן ווי צום שנעלסטן פינף, זעקס גאסן, און דערנאך ווי עס געהער צו זיין זיך אנטופען מיט די פיס אין דער שווייצער-שטוב, ביז וואנען עס טייען-אויף אזוי ארום אלע פעיקייטן און טאלאנטן צום אויספירן די אמטלעכע פונקציעס, וועלכע זענען פארפרוירן געווארן איבערן וועג.

אקאקי אקאקיעוויטש האט פון א געוויסער צייט אן אנגעהויבן שפירן, אז עס האט אים עפעס שטארק אנגעהויבן צו בריען אין רוקן און אין דער פלייצע, נישט קוקנדיק דערויף, וואס ער האט זיך באמיט ווי צום שנעלסטן דורכצולויפן די געזעצלעכע שטרעקע.

ער האָט ענדלעך אַ טראַכט געטון, צי געפינען זיך נישט עפּעס קיין עבירהלעך אין זיין שינעל.

באַטראַכטנדיק אים אין דערהיים ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָט ער אַנטדעקט, אַז אויף צוויי, דריי ערטער, נעמלעך אויפן רוקן און אויף די אַקסלען, איז ער געוואָרן ווי אַ וואַרע זיפּ: דאָס געוואַנט האָט זיך אויף אַזוי פיל אויסגעריבן, אַז עס האָט זיך דורכגעלויכטן און דער אונטערלאָג איז זיך איינגאַנצן צעקראָכן.

מ׳דאַרף וויסן, אַז אַקאַקי אַקאַקיעוויטשס שינעל האָט געדינט אויך אַלס אָביעקט פאַר די באַאַמטעס גלייכווערטלעך; מ׳האָט אַפילו באַ אים אַוועקגענומען דעם ווילגעבוירענעם נאָמען „שינעל“ און אים אַ נאָמען געגעבן „קאַפּאָטע“.

און באמת, ער האָט געהאַט אַ מערקווירדיקן געבוי: זיין קאָלנער איז יעדעס יאָר קלענער און קלענער געוואָרן, ווייל ער האָט געדינט צום פאַרלאַטן די איבעריקע טיילן זיינע. דאָס פאַרלאַטען האָט נישט אַרויסגעוויזן די קונסט פונם שניידער, און איז אַרויסגעקומען לאַבעריק און מיאוס.

דערזעענדיק אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט אַקאַקי אַקאַקיעוויטש באַשלאָסן, אַז מ׳וועט דעם שינעל מוזן אַריבערטראָגן צו פּעטראָוויטשן, דעם שניידער, וואָס האָט געוווינט ערגעץ אויף אַ פערטן שטאָק, מיטן צוגאַנג דורך די הינטער־שטיגן, וועלכער האָט, נישט קוקנדיק אויפן בלינדן אויג און דער געשטופּלטקייט פונם גאַנצן פּנים, זיך באַשעפטיקט גאַנץ נישקשהדיק מיטן פאַריכטן באַאַמטישע און אַלערליי אַנדערע הויזן און פראַקן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווען ער איז געווען אין אַ ניכטערנעם צושטאַנד און ווען ער האָט זיך נישט אַרומגעטראָגן אין קאָפּ מיט קיין אַנדערע פּלענער.

וועגן דעם דאָזיקן שניידער וואָלט מען, פאַרשטייט זיך, נישט געדאַרפט אַ סך צו רעדן, נאָר אַזוי ווי ס׳איז שוין איינגעפירט, אַז אין אַ דערציילונג זאָל דער כאַראַקטער פון יעטוועדער פּערזאָן

זיין פולשטענדיק באַצייכנט, איז נישטאָ וואָס צו מאַכן, און דער־לאַנגט אונדז אַהער פּעטראָוויטשן אויך.

פריִער האָט ער פּשוט געהייסן גריגאָרי און געווען אויף פּאַנשטשיזנע בײַ עפּעס אַ פּריץ; פּעטראָוויטש האָט ער זיך אָנגע־הויבן צו רופן ערשט פון יענער צייט אָן, ווען ער איז באַפרייט גע־וואָרן און האָט אָנגעהויבן גאַנץ נישקשהדיק אונטערצושיכּורן אין אַלע יום־טובים, פריִער נאָר אין די גרויסע, און דערנאָך אָן אונ־טערשיד אין אַלע קלויסטער־יום־טובים, וווּ עס איז נאָר ערגעץ אין קאַלענדאַר געשטאַנען אַ צלמל.

פון דער זייט איז ער טריי געווען די מנהגים פון די זיידעס, און קריגנדיק זיך מיטן ווייב, האָט ער זי גערופן: פאַרגרעבטע פרוי און דייטשקע.

אַזוי ווי מיר האָבן זיך שוין אַרויסגעכאַפּט וועגן זיין ווייב, וועט מען וועגן איר אויך מוזן זאָגן אַ צוויי ווערטער; אָבער צום באַדויערן איז וועגן איר ווייניק וואָס באַוווּסט; אויסער דעם נאָר, אַז פּעטראָוויטש האָט אַ ווייב, וואָס טראָגט אַפילו אַ טשעפּיקל און נישט קיין פאַטשיילע; נאָר מיט קיין שיינקייט האָט זי זיך, ווי עס ווייזט אויס, נישט געקענט רומען; אַלנפאַלס באַם באַגעגענען זי האָבן נאָר בלויז גוואַרדיִע־זעלנער איר אַרונטערגעקוקט אונטערן טשעפּיק, אַ דריגע טוענדיק מיט אַ וואָנסע און אַרויסלאָזנדיק עפּעס אַ מין באַזונדערן קלאַנג.

ווען ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף די שטיגן, וואָס האָבן געפירט צו פּעטראָוויטשן, און זעגען געווען, ס'זאָל זיי קיין גנאי נישט זיין, איינגאַנצן אויסגעשמירט מיט וואַסער, פּאָמיעס, און דורכגע־זאַפּט דורך און דורך מיט יענעם בראָנפן־ריח, וועלכער עסט אויס די אויגן און וועלכער, ווי ס'איז באַוווּסט, באַווינט, נישט אָפּטרעטנ־דיק אַלע הינטער־שטיגן פון די פּעטערבורגער הייזער, — אַרויפ־קלעטערנדיק אויף די שטיגן, האָט אַקאַקי אַקאַקיעוויטש שוין אי־

בערגעקלערט וועגן דעם, וויפיל פעטראָוויטש וועט אַ ביט טון, און אָפּגעמאַכט באַ זיך אין געדאַנק, נישט צו געבן אים מער ווי צוויי רובל.

די טיר איז געווען אָפן, ווייל קאָכנדיק פיש, האָט די באַלעבאָסטע עפּעס אַנגעמאַכט אין קיך אַזאַ רויך, אַז מ'האָט אַפילו די פרייסישע ווערם אויך נישט געקענט אַרויסזען.

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש איז דורכגעגאַנגען די קיך, אַז די באַלעבאָסטע אַליין האָט אים אַפילו נישט באַמערקט, און איז ענדלעך אַריין אין שטוב אַריין, וווּ ער האָט דערזען פעטראָוויטשן, זיצנדיק אויפן ברייטן, הילצערנעם, אומגעמאַליעוועטן טיש, אונטערגעלייגט אונטער זיך די פיס ווי אַ טערקישער פּאַשאַ.

די פיס זענען, לויטן מנהג פון די שניידערס בשעת זיי זיצן בײַ דער אַרבעט, געווען באַקעט; און פאַר אַלעם האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער גראָבער פינגער, וועלכער איז אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן פון לאַנג באַקאַנט געווען, מיט עפּעס אַ מין באַבע-נאָגל אַ גראָבן און אַ פעסטן ווי דער שאַרבן פון אַ שילדקרעט.

באַ פעטראָוויטשן אויפן האַלדז איז געהאָנגען אַ פאַסמע זייד און פאָדעם און אויף די קני׳ען באַ אים איז געלעגן עפּעס אַן אַלטוואַרג. שוין פון אַ גוטע מינוט האָט ער געשטופּט דעם פאָדעם אין נאָדל-לעכל אַריין, נישט געטראָפן און דעריבער האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט אויף דער פינסטערניש און אַפילו אויפן פאָדעם גופא, ברומענדיק צו זיך: „ער קריכט נישט אַריין דער פאַרשאָלטענער! אויפגעפרעסן האָסטו מיך שוין, שלמע דו איינער!“

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש איז נישט צופרידן געווען, וואָס ער איז געקומען פונקט אין דער מינוט, ווען פעטראָוויטש איז בייז געווען. ער האָט ליב געהאַט דאַמאָלס צו געבן פעטראָוויטשן אַרבעט, ווען ער איז שוין געווען אַ ביסל באַם קוראַזש, אָדער, ווי זיין ווייב

פלעגט זיך אויסדריקן: „ער האָט זיך שוין אָנגעכליאַיעט מיטן בראָנפן, דער טייוול מיטן בלינדן אויג!"

אין אַזאַ באַשטאַנד פלעגט פעטראָוויטש געוויינטלעך זייער גערן נאָכלאָזן און איינגיין, נייגנדיק זיך אַפילו יעדעס מאָל, און פלעגט דאַנקען. אמת, דערנאָך פלעגט קומען דאָס ווייב און קלאָגן זיך, אַז דער מאַן איז געווען שיכור און דעריבער האָט ער זיך פלומרשט ביליק משווה געווען; פלעגסט אָבער נאָר דערלייגן איין צוואַנציקערל — און דער ענין איז דערליידיקט.

איצט איז אָבער פעטראָוויטש געווען, ווייזט אויס, אין אַ ניכטערנעם צושטאַנד און דעריבער איז ער געווען האַרט, נישט צו האַנדלען מיט אים, און אַ בעל־אויפצושפּילן דער טייוול ווייסט אַ וואָסערע פּרייזן.

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט דערשנאַפּט און האָט באַלד געוואָלט, ווי מ'זאָגט, מאַכן פיס, נאָר דער ענין איז שוין געווען אָנגעהויבן. פעטראָוויטש האָט אויף אים זייער דורכדרינגלעך פאַרקריטשעט דאָס איינציקע אויג זיינס און אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט נישט ווילנדיק אַרויסגערעדט:

— גוט מאָרגן, פעטראָוויטש!

— איך ווינטש געזונט, מיין הער! — האָט פעטראָוויטש געזאָגט און האָט אַ וואָרף געטון דאָס אויג זיינס אויף אַקאַקי אַקאַקיעוויטשס הענט, ווילנדיק אויסקוקן, וואָס פאַר אַ מין רויב ער האָט דאָ געבראַכט.

— און איך קום צו דיר, פעטראָוויטש, דאָס...

מ'דאַרף וויסן, אַז אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט גערעדט מיט פאָרווערטער, אומשטאַנדסווערטער און ענדלעך מיט אַזעלכע זילבן, וועלכע האָבן לחלוטין קיין שום באַדייטונג נישט. אויב דער ענין איז געווען זייער באַשווערלעך, האָט ער אַפילו געהאַט אַ געוווינהייט איינגאַנצן נישט צו ענדיקן דעם זאַץ, אַזוי, אַז גאַנץ אָפט,

פלעגט ער אָנהייבן די רייד זיינע מיט די ווערטער: „דאָס איז באמת אינגאַנצן דאָס...“ און דערנאָך איז שוין גאָרנישט געווען און אַליין האָט ער שוין גאָר פאַרגעסן, מיינענדיק, אַז ער האָט אַלץ אַרויסגערעדט.

— וואָס אַזוינס? — האָט פעטראָוויטש געזאָגט, און אין דער זעלבע צייט אַרומגעקוקט מיט דעם איינציקן אויג זיינעם דאָס גאַנצע מונדירל זיינס, אָנהייבנדיק פון קאָלנער ביז די אַרבל, די פלייצעס, די פאָלעס און די לאַצן וואָס איז אים אינגאַנצן זייער באַקאַנט געווען, ווייל עס איז געווען זיין אייגענע אַרבעט. אַזאַ מנהג האָבן שוין די שניידערס: דאָס איז דאָס ערשטע, וואָס ער טוט באַם באַגעגענען זיך מיט וועמען.

— און איך זעסטו דאָס פעטראָוויטש... דער שינעל דאָס, די סחורה... אָט, זעסט, אומעטום אין אַנדערע ערטער איז זי נאָך גאָר שטאַרק... זי איז אַ ביסל פאַרשטויבט, און זעט אויס, ווי זי וואָלט געווען אַלט, נאָר זי איז דאָך ניי, נאָר אָט, נאָר אויף איין אָרט איז זי אַ ביסל דאָס... אויפן רוקן און נאָך אויף איין אַקסל איז זי אַ ביסל אויסגעריבן, און אָט אויף דעם אַקסל אַ ביסעלע... זעסט, אָט איז אַלץ, און נישט קיין סך אַרבעט...

פעטראָוויטש האָט גענומען די קאַפּאָטע, צום ערשט האָט ער זי צעלייגט אויפן טיש, לאַנג אַרומגעקוקט, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און האָט אויסגעצויגן די האַנט צום פענסטער, נאָכן קיילעכדיקן שקעטעלע מיטן פאָרטרעט פון עפּעס אַ גענעראַל, — וואָס פאַר אַ גענעראַל איז נישט באַוווּסט, ווייל דאָס אָרט, וווּ ס'האָט זיך געפונען דאָס פּנים, איז דורכגעריבן געווען מיטן פינגער און דערנאָך פאַרקלעבט געוואָרן מיט אַ פירקאַנטיק שטיקעלע פּאַפּיר. געטון אַ שמעק טאַבעק, האָט פעטראָוויטש צעשפּרייט די קאַפּאָטע אויף די הענט, האָט זי אַרומגעקוקט אַקעגן דער ליכט און האָט ווידער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ; דערנאָך האָט ער זי איבערגע-

דרייט מיט דעם אונטערלאָג אַרויף און ווידער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. ווידער אַראָפּגענומען דאָס דעקל מיטן גענעראַל, וואָס איז פאַרקלעבט געווען מיטן שטיקל פּאַפּיר, און אָנשטופּנדיק אַ נאָז מיט טאַבעק, האָט ער עס פאַרמאַכט:

— ניין, מ׳קען נישט פאַריכטן, אַ שלעכטע גאַרדעראָבע.

בײַ די ווערטער האָט זיך בײַ אַקאַקי אַקאַקיעוויטש דאָס האַרץ אַ וואָרף געטון.

— פאַרוואָס זאָל מען נישט קענען, פּעטראָוויטש? — האָט ער געזאָגט מיט אַ כּמעט רחמנות-בעטנדיק קול, ווי אַ קינד, — עס איז דאָך נישט מער, נאָר אויף די אַקסלען אויסגעריבן, ס׳זענען דאָך בײַ דיר עפּעס דאָ שטיקלעך...

— יאָ, שטיקלעך קען מען נאָך געפינען. שטיקלעך וועלן זיך אויסזוכן, — האָט פּעטראָוויטש געזאָגט — אָבער צוצונייען איז נישט מעגלעך, ס׳איז אינגאַנצן אַ פויל געשעפט, טוסט אַ ריר מיט דער נאָדל — און אָט צעקריכט עס זיך שוין.

— זאָל עס צעקריכן, און דו לייג בײַלד אַ לאַטקעלע.

— ס׳איז דאָך נישטאָ אויף וואָס אַ לאַטקעלע אַרויפצולייגן, ס׳האָט זיך נישט אויף וואָס צו האַלטן; דאָס אָנהאַלטעניש איז מיר זייער שטאַרק! ס׳איז נאָר גלאַט אַזוי געזאָגט — געוואַנט, און פרווו גיב אַ בלאָז — צעקריכט עס זיך.

— נו, שטעך עס שוין צונויף. ווי־זשע דען אַזוי, אין דער־אמתן, דאָס!...

— ניין! — האָט פּעטראָוויטש אַ זאָג געטון אַנטשלאָסן — מ׳קען גאָרנישט מאַכן. אינגאַנצן אַ שלעכט געשעפט. פאָלגט מיך און ווען ס׳וועט קומען די קאַלטע ווינטער־צײַט, מאַכט אײַך פון אים אָן אָניצעס, דערפאַר ווײַל אַ זאָק וואַרעמט נישט, דאָס האָבן די דײַטשן אויסגעקלערט, כּדי אָנצושאַרן מער געלט פאַר זיך (פּעט־ראָוויטש האָט ליב געהאַט בײַ אַ געלעגנהייט אַ שטאָך צו טון די

דייטשן); און אַ שינעל וועט אייך שוין ווייסט אויס אויסקומען צו מאַכן אַ נייעם.

באַם וואָרט „אַ נייעם" איז אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן און אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין שטוב, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים דרייען. בולט האָט ער געזען נאָר דעם גענעראַל מיטן צוגעקלעבטן פּאַפּירעלע אויפן פּנים, וועלכער האָט זיך געפונען אויפן דעקל פון פּעטראָוויטשס שקעטעלע.

— ווי אַזוי אַ נייעם? — האָט ער געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך נאָך אַלץ געפונען אַזוי ווי אין אַ חלום — איך האָב דאָך גאָר קיין געלט נישט דערויף.

— יאָ, אַ נייעם, — האָט פּעטראָוויטש מיט אַ מערדערלעכער רויִקייט געזאָגט.

— נו, און אויב ס'וואָלט אויסגעקומען אַ נייעם, ווי אַזוי־זשע וואָלט ער, דאָס?...

— דאָס הייסט, וואָס עס וועט דאַרפן קאָסטן?

— יאָ.

— אַ גוטע דריי האַלבע מאות וועט מען דאַרפן אַריינלייגן, — האָט פּעטראָוויטש געזאָגט און דערביי באַדייטנד צונויפגעפּרעסט די ליפּן. ער האָט זייער ליב געהאַט שטאַרקע עפעקטן, ליב גע- האַט עפּעס אַזוי פּלוצלינג אינגאַנצן אָפּצופּלעפן און דערנאָך זייטיק אַ בליק צו טון, וואָס פאַר אַ פּרצוף דער געפּלעפטער וועט דאָ מאַכן נאָך אַזעלכע ווערטער.

— הונדערט און פופציק רובל פאַר אַ שינעל! — האָט אויס- געשריגן דער אָרימער אַקאַקי אַקאַקיעוויטש. ער האָט אַ געשריי געטון קען זיין דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָרום ער האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט דער שטילקייט פון זיין קול.

— יאָ, — האָט פּעטראָוויטש געזאָגט — עס ווענדט זיך אויך וואָס פאַר אַ שינעל. אויב מ'זאָל אַרויפגעבן אַ מאַרדערנעם

קאָלנער, און נאָך צוגעבן אַ קאַפּטער מיט אַ זיידענעם אונטערלאָג, וועט ער נאָך אין צוויי הונדערט אַריינטרייבן.

— פּעטראָוויטש, זיי אַזוי גוט, — האָט אַקאַקי אַקאַקיעוויטש געזאָגט מיט אַ רחמנות-בעטנדיק קול, נישט הערנדיק און באַמיענדיק זיך נישט צו הערן פּעטראָוויטשס ווערטער און זיינע אַלע עפעקטן — פאַריכט ווי עס איז, ער זאָל כאָטש נאָך עטוואָס דינען.

— דאָס איז נישט! דאָס וועט הייסן, אי די אַרבעט אַרויסגעוואָרפן, אי דאָס געלט אומזיסט אויסגעגעבן — האָט פּעטראָוויטש געזאָגט, און נאָך די ווערטער איז אַקאַקי אַקאַקיעוויטש אַרויסגעגאַנגען אינגאַנצן אַ פאַרלוירענער.

נאָך זיין אַוועקגיין איז פּעטראָוויטש נאָך לאַנג געשטאַנען מיט צונויפגעפרעסטע ליפן, נישט נעמענדיק זיך צו דער אַרבעט, און זייענדיק צופרידן, וואָס ער האָט אי זיך נישט נידעריק געמאַכט, אי די שניידערישע קונסט אויך נישט פאַרפאַסט.

אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, איז אַקאַקי אַקאַקיעוויטש געווען ווי אין אַ חלום.

— אָט אַזוי, הייסט עס, איז די זאַך אַזאַ, — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט — מיר איז באמת גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז עס זאָל אויסקומען דאָס... — און דערנאָך, נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן, האָט ער צוגעגעבן: — אָט אַזוי! צום סוף אָט וואָס עס איז אַרויס! און מיר האָט עס באמת גאָרנישט געקענט איינפאַלן, אַז דאָס זאָל זיין אָט אַזוי.

נאָך דעם דאָזיקן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ לאַנג שטילשווייגן, נאָך וועלכן ער האָט אַרויסגערעדט:

— הייסט עס, אָט אַזוי איז דאָס! אָט האָסטו באמת אינגאַנצן אַן אומגעריכטן דאָס... דאָס דאָזיקע איז קיינמאָל נישט... אָט אַזאַ מעשה!

זאָגנדיק דאָס דאָזיקע, איז ער, אָנשטאָט צו גיין אַהיים, געגאַנגען פונקט אין אַ פאַרקערטער זייט, אַליין נישט וויסנדיק דערפון.

אויפן וועג האָט זיך אָן אים אָנגעשלאָגן אַ קוימענקערער מיט זיין אויסגעפּאַטשקעטער זייט און אים אויסגעשוואַרצט די גאַנצע פּלייצע; אַ גאַנץ היטל קאַלך האָט זיך אויף אים אַראָפּגעשיט פון שפּיץ פון אַ פריש־געמויערט הויז. ער האָט דאָס אַלץ נישט באַמערקט. נאָר ערשט דערנאָך, ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויפן זעלנער*), וועלכער האָט אַנידערגעשטעלט לעבן זיך זיין אַלעבאַרדע**) און אַרויסגעשאָקלט פון שקעטעלע אַרויס דעם טאַבעק אויף דער מאָזאָליעדיקער פויסט אַרויף, דאַמאָלס האָט ער זיך ערשט עטוואָס אויפגעכאַפּט, דערפאַר ווייל דער זעלנער האָט אים געזאָגט: „וואָס קריכסטו גלייך אין דער מאָרדע אַריין? האָסט דען נישט קיין טרוטואַר?" דאָס האָט אים געבייט זיך אומצוקוקן און זיך אומצוקערן אַהיים.

איצט ערשט האָט ער אָנגעהויבן צונויפצונעמען די געדאַנקען, ער האָט דערזען זיין לאַגע אין אַ בולט און ווירקלעך געשטאַלט, ער האָט אָנגעהויבן מיט זיך אַליין צו שמועסן שוין נישט אָפּגעהאַקט, נאָר פאַרשטענדלעך און אָפנהערציק ווי מיט אַ פאַרשטענדיקן פריינט, מיט וועלכן מען קען איבערשמועסן וועגן דער סאַמע האַרציקסטער און נאָנטסטער זאַך.

— נו, ניין, — האָט אַקאַקי אַקאַקיעוויטש געזאָגט — איצט טויג נישט מיט פּעטראָוויטשן צו האָבן קיין געשעפטן: ער איז איצט דאָס... זיין ווייב האָט אים, ווייזט אויס, דאָרט אָנגעהרגעט. איך וועל אָט בעסער קומען צו אים אין אַ זונטיקדיקן טאָג אינדערפרי: ער וועט נאָך דעם נעכטיקן שבת שיקלען מיטן אויג און

*) יענע צייטן האָט דאָס מיליטער דערפילט פּאָליצײ־דינסט.

**) אַ פּאַרצייטישע ביקס.

זיין פֿאַרשלאָפֿן, וועט ער דאָך דאַרפֿן עפּעס אויף אויסצוגיכטערן זיך, און דאָס ווייב וועט קיין געלט נישט געבן, און אין דער צייט וועל איך אַ צוואַנציקערל און דאָס אין דער האַנט אַריין — וועט ער דאָך זיין נאָכגעביקער, און דער שינעל וועט דאָך דאַמאָלס דאָס...

אַזוי האָט אַקאַקי אַקאַקיעוויטש מיט זיך אַליין איבערגעשמועסט, ער האָט זיך אַליין אונטערגעגעבן קוראַזש און זיך קוים דערוואַרט ביז דעם ערשטן זונטיק. דערזעענדיק פֿונדערווייטנס, אַז פּעטראָוויטשס ווייב איז ערגעץ אַרויסגעגאַנגען פֿון דערהיים— איז ער גלייך אַרויף צו אים.

פּעטראָוויטש האָט טאַקע נאָכן שבת שטאַרק געשיקלט מיטן אויג, דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן צו דער ערד און איז געווען איינגעאַנצן אַ פֿאַרשלאָפֿענער; און נאָך דעם אַלעם, ווי ער איז נאָר געוואָיר געוואָרן, אין וואָס עס האַנדלט זיך, איז פּונקט ווי דער טייוול וואָלט אים אונטערגעשטופּט.

— ניין, — האָט ער געזאָגט — זייט אַזוי גוט און באַשטעלט אַ נייעם.

דאָ האָט אים אַקאַקי אַקאַקיעוויטש אַריינגערוקט דאָס צוואַנציקערל.

— בעסטן דאַנק, מיין הער, איך וועל מיך אונטערלענען אַ ביסעלע פֿאַר אייער געזונטס וועגן, — האָט פּעטראָוויטש געזאָגט — און וועגן שינעל, וועגן דעם זייט רויִק: ער וועט שוין נישט נוצן צו קיין שום נוצלעכקייט. אַ נייעם שינעל וועל איך אייך אויפֿנייען — שוין איינמאָל אַ פּראַכט, דאָס וועלן מ י ר שוין זען.

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט נאָך געוואָלט עפּעס מכּוח פֿאַריכטן, נאָר פּעטראָוויטש האָט נישט דערהערט און געזאָגט:

— אַ נייעם וועל איך אייך שוין אויפֿנייען אומבאַדינגט, בנוגע דעם, זייט אַזוי גוט, פֿאַרלאָזט אייך שוין, מ'וועט שוין צולייגן מי. מ'וועט אַפֿילו קענען אַזוי, ווי ס'איז אַרויסגעקומען די מאָדע, דער

קאָלנער זאָל זיך צוּמאַכן אויף זילבערנע לאַפּקעלעך לויט אַפּליקע.

דאָ האָט שוין אַקאַקי אַקאַקיעוויטש דערזען, אַז אָן אַ נייעם שינעל איז זיך נישט מעגלעך צו באַגיין, און איז אינגאַנצן געפאַלן פון מוּט.

ווי אַזוי־זשע אײַנדערראַמתן, מיט וואָס, פאַר וועלכן געלט זאָל ער זיך אים מאַכן? מ'קען, פאַרשטייט זיך, אויסרעכענען אַ ביסל אויף דער יום־טוב־באַלוינונג, נאָר דאָס דאָזיקע געלט איז שוין פון פריער לאַנג באַשטאַט און פאָרויס אײַנגעטיילט. מ'וואָלט געדאַרפט זיך זען צו מאַכן אַ פּאָר נייע הויזן, באַצאָלן דעם שוסטער דעם אַלטן חוב פאַרן אַרײַנגעבן די נייע קעפּלעך צו די אַלטע כאָליעוועס, און מ'וואָלט גערדאַרפט באַשטעלן בײַ דער ניטאָרין דרײַ העמדער און אַ צוויי שטיקלעך פון יענער וועש, וועלכע ס'איז נישט אָנשטענדיק אָנצורופן אין געדרוקטן סטיל; מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע געלט האָט פולשטענדיק געמוזט אַוועקגיין, אויב דער דירעקטאָר זאָל שוין אַפילו זײַן אַזוי פיל גוטהערציק, אַז אָנשטאָט די פערציק רובל באַלוינונג זאָל ער באַשטימען פינף און פערציק אָדער פופציק, וועט פונדעסטוועגן דאָך איבערבלייבן פונקט אַזוי פיל ווי גאָרנישט, וואָס וועט אין שינעלישן קאַפּיטאַל זײַן אַ טראָפּן אין ים. כאָטש ער האָט פונדעסטוועגן געוווּסט, אַז פּעטראָוויטש פלעגט האָבן אַ מיחוש אויפצוזינגען פלוצלינג דער טײַוול ווייסט וואָס פאַר אַן אויסטערלישע פּרייז, אַזוי אַז דאָס ווײַב אַליין פלעגט זיך שוין נישט קענען אײַנהאַלטן און אויסשרײַען: „וואָס ביסטו משוגע געוואָרן, בהמה איינער! טײַלמאָל נעמט ער אָן אַרבעט בחינם, און איצט האָט אים דער שוואַרץ יאָר אָנגעטראָגן אַ ביט צו טון אַזאַ פּרייז, וואָס ער איז אַפילו אַליין נישט ווערט!" כאָטש ער האָט פונדעסטוועגן געווּסט, אַז פּעטראָוויטש וועט פאַר אַכציק זיך אויך אונטערנעמען צו מאַכן; אָבער אַלץ דאָס אייגענע, ווי נעמט מען די דאָזיקע אַכציק רובל? אַ העלפט וואָלט מען נאָך געקענט אויס־

זוכן, אַ העלפט וואָלט זיך נאָך געפונען; ס'קען אַפילו זיין, אַז עפּעס מער; נאָר ווי נעמט מען די אַנדערע העלפט?...

נאָר פאַר אַלעמען דאַרף דער לעזער געוווּיר ווערן פונוואַנען ס'האָט זיך גענומען די ערשטע העלפט.

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט געהאַט אַ געוווינהייט פון יעדן אויסגעגעבענעם רובל אַוועקצולייגן אַ גראָשן אין אַ קליין פאַרשלאָסן קעסטעלע אַריין מיט אַן אויסגעשניטן לעכעלע אין דעקל צום אַריינוואַרפן אַהין געלט. נאָכן פאַרלויף פון יעדן האַלבן יאָר פלעגט ער קאָנטראָלירן די אָנגעזאַמלטע סומע קופּער־געלט און פלעגט זי אויסטוישן אויף דראָבנע זילבער־געלט. אַזוי פלעגט ער זיך פירן פון לאַנגע צייטן אָן, און אויף אַזאַ אופן האָט אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר די אָנגעזאַמלטע סומע באַטראָפן מער ווי פערציק רובל.

און אַזוי, הייסט עס, איז אַ העלפט געווען אויף דער האַנט; נאָר ווו נעמט מען די אַנדערע העלפט? ווו נעמט מען די אַנדערע פערציק רובל?

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט געקלערט און געקלערט און באַשלאָסן, אַז מ'וועט דאַרפן פאַרקלענערן די געוויינטלעכע הוצאות, צום ווייניקסטן כאָטש אויפן פאַרלויף פון איין יאָר: מאַכן אַן עק מיטן טיי־טרינקען אין אָוונט, נישט אָנצינדן אין אָוונט קיין ליכט, און אז מ'וועט דאַרפן עפּעס טון, אַריינגיין צו דער באַלעבאָסטע אין שטוב אַריין און אַרבעטן באַ איר ליכטל; גייענדיק איבער דער גאַס, טרעטן אויף די שטיינער און אויף די טראָטואַרן ווי ווייט מעגלעך לייכטער און פאָרזיכטיקער, כמעט אויף די שפּיץ־פינגער, כּדי אַזוי אַרום פריצייטיק נישט אויסצורייבן די זוילן; ווי ווייט מעגלעך זעלטן אַוועקגעבן דער וועשין וואַשן די וועש, און כּדי זי זאָל נישט פאַרלאָזט ווערן, איז יעדעסמאָל אַהיימקומענדיק, אַראָפּוואַרפן

יי און אָנטאָן נאָר דעם בלויזן ציצענעם כאַלאַט, ווייער אַ לאַנגסטיקן און אַן אָפּגעשאַנעוועטן אַפּילו פון דער צייט אַליין.

מען דאַרף זאָגן דעם אמת, אַז אין אָנהייב איז אים אַ ביסל שווער געווען זיך צוצוגעוווינען צו אַזעלכע באַגרענעצונגען, נאָר דערנאָך איז מען עפּעס אַזוי צוגעוווינט געוואָרן און ס'איז אוועקגעגאַנגען גאַנץ נישקשהדיק, — ער האָט זיך שוין אַפּילו אינגאַנצן איינגעוווינט צו הונגערן יעדן אָוונט; דערפאַר אָבער האָט ער זיך געשפּייזט גייסטיק, אַרומטראָגנדיק אין די געדאַנקען זיינע די אייביקע אידעע וועגן דעם צוקונפטיקן שינעל.

פון דאַמאָלס אָן איז פּונקט ווי זיין עקזיסטענץ גופא וואָלט עפּעס אַזוי ווי פולער געוואָרן, פּונקט ווי ער וואָלט חתונה געהאַט, פּונקט אַזוי ווי עפּעס אַן אַנדערער מענטש וואָלט מיט אים צוזאַמען געווען, פּונקט ווי ער וואָלט נישט געווען אַליין, נאָר עפּעס ווי אַ ליבע לעבנס-פריינדין וואָלט זיך באַשלאָסן מיט אים דורכצוגיין צוזאַמען דעם לעבנס-וועג, — און די דאָזיקע פריינדין איז געווען נישט קיין אַנדערער, נאָר דער זעלבער שינעל אויף אַ דיקער וואַטע מיט אַ שטאַרקן אונטערלאָג אָן אַ שום פּגם.

ער איז געוואָרן עפּעס אַזוי ווי לעבעדיקער, אַפּילו פעסטער אין כאַראַקטער, ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך שוין אָנגעצייכנט אַ ציל. פון פּנים און פון די טאַטן זיינע איז זעלבסטפאַרשטענדלעך פאַרשוווּנדן דאָס צווייפלען, די נישטזיכערקייט, מיט איין וואָרט, — אַלע וואַקלענישן און די אומבאַשטימטע כאַראַקטער-שטריכן. אַ פייער האָט זיך צייטנווייז באַוויזן אין די אויגן זיינע, אין קאָפּ האָבן אַפּילו דורכגעשוועבט העזהדיקע, דרייסטע געדאַנקען: צי זאָל ער נישט אַמאָל טאַקע אויפגעבן אַ מאַרדערנעם קאָלנער? די געדאַנקען וועגן דעם דאָזיקן האָבן אים שיער נישט דערפירט ביז צעטראָגנקייט.

איינמאָל, איבערשרייבנדיק עפּעס אַ דאָקומענט, האָט ער שוין

שיער אַפילו נישט געמאַכט קיין גרייז, אַזוי אַז ער האָט שיער נישט אַ געשריי געטון „אוי" און איבערגעצלמט זיך.

אין פאַרלויף פון יעדן חודש פלעגט ער זיך כאַפּן. איין מאָל אַריבערכאַפּן צו פּעטראָוויטשן אַ שמועס צו טון מכוח דעם שינעל: ווו ס'איז בעסער צו קויפן די סחורה און אַ וואָסער קאָליר, און אין וואָס פאַר אַ פּרייז, — און כאַפּט אַ ביסל פאַרזאָרגט, פלעגט ער דאָך שטענדיק צופרידן אומקערן זיך אַהיים, טראַכטנדיק, אַז ענדלעך וועט דאָך קומען די צייט, ווען דאָס אַלץ וועט געקויפט ווערן און דער שינעל וועט פאַרטיק זיין.

דער ענין איז אַפילו אַוועק שנעלער, ווי ער אַליין האָט זיך פאָרגעשטעלט. קעגן יעדער דערוואַרטונג האָט דער דירעקטאָר באַשטימט אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן נישט קיין פערציק אָדער פינף און פערציק, נאָר גאַנצע זעכציק רובל. צי האָט ער פאָרגעפילט, אַז אַקאַקי אַקאַקיעוויטש דאַרף האָבן אַ שינעל, אָדער עס איז פון זיך אַליין אַזוי געשען, נאָר צוליב דעם האָט ער געהאַט מיט צוואַנ-ציק רובל מער.

די דאָזיקע זאַך האָט פאַרשנעלערט דעם גאַנג פונם ענין. נאָך אַ צוויי-דריי חדשים אַ ביסל צוהונגערן — און בײַ אַקאַקי אַקאַ-קיעוויטשן האָט זיך אָנגעזאַמלט פונקט בערך אַכציק רובל.

זיין האַרץ, וואָס איז איבערהויפּט גאַנץ רויִק געווען, האָט אים אָנגעהויבן צו קלאַפּן.

באַלד דעם ערשטן טאָג האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צוזאַמען מיט פּעטראָוויטשן אין די געוועלבן אַריין. זיי האָבן געקויפט אַ סחורה זייער אַ גוטע און ס'איז גאָר קיין וווּנדער נישט, דערפאַר וויל זיי האָבן וועגן דעם געקלערט נאָך מיט אַ האַלב יאָר פריִער און ס'האָט זיך זעלטן געטראָפן אַ חודש, אַז זיי זאָלן נישט אַרומ-גיין איבער די געוועלבן זיך פרעגן אויף די פּרייזן; דערפאַר אָבער האָט

פעטראָוויטש אַליין געזאָגט, אַז קיין בעסערע סחורה איז גאָר נישטאָ.

אויף אַ פּאָדשעווקע האָבן זיי אָפּגעקליבן סאַטין, נאָר אַזאַ גוטן און אַזאַ געדיכטן, וואָס איז לויט פעטראָוויטשס ווערטער געווען נאָך בעסער ווי זייד און אַפילו אויפן קוק אָנזעעוודיקער און גלאַנצעדיקער.

קיין מאַרדער האָבן זיי נישט געקויפט, ווייל ס'איז טאַקע געווען טייער און אָנשטאָט דעם האָבן זיי אָפּגעקליבן אַ קעצן־פעלכל, דאָס בעסטע וואָס האָט זיך נאָר געפונען אין געוועלב — אַ קעצן־פעלעכל, וועלכעס מ'האָט פונדערווייטנס שטענדיק געקענט אָננעמען פאַר אַ מאַרדער.

פעטראָוויטש האָט זיך געפּאָרעט אַרום שינעל אינגאַנצן צוויי וואָכן, דערפאַר ווייל ס'איז געווען אַ סך צו שלייפן, אַנדערש וואָלט ער נאָך פריִער פאַרטיק געוואָרן. פאַר דער אַרבעט האָט פעטראָוויטש גענומען צוועלף רובל, ווייניקער איז בשום אופן נישט מעגלעך געווען: אַלץ איז אינגאַנצן געווען גענייט אויף זייד מיט טאָפּעלע דראָבנע שטעך און איבער יעדער נאָט איז פעטראָוויטש דערנאָך איבערגעגאַנגען מיט זיינע אייגענע ציין, אויסקריצנדיק מיט זיי פאַרשידענע פיגורן.

דאָס איז געווען... שווער צו זאָגן פונקט אין וועלכן טאָג, נאָר געוויס אין סאַמע פייערלעכסטן טאָג אין אַקאַקי אַקאַקיעוויטשס לעבן, ווען פעטראָוויטש האָט ענדלעך געברענגט דעם שינעל.

ער האָט אים געברענגט גאַנץ פרי, נאָך פאַר דער צייט, ווען מען האָט געדאַרפט גיין אין דעפּאַרטאַמענט אַריין. אין אַן אַנדערע צייט וואָלט דער שינעל קיינמאָל אַזוי נישט צונוץ געקומען, דערפאַר ווייל עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די גאַנץ שטאַרקע פרעסט און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי האָבן געדראָט זיך נאָך מער צו פאַרשטאַרקן.

פּעטראָוויטש איז געקומען מיטן שינעל, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ לייטישן שניידער. אויף זיין פּנים האָט ער געהאַט אַן אויסדרוק אַזאַ וויכטיקן, וואָס אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען. ס'האָט אויסגעוויזן, אַז ער האָט געפּילט אין דער פולער מאָס, אַז ער האָט אָפּגעטון נישט קיין קליינע אַרבעט און אַז ער האָט מיט איין מאָל באַוויזן דעם תהום, וואָס שיידט אָפּ די שניידערס, וועלכע באַנייען נאָר אַ פּאַדשעווקע און ניצעווען איבער, פון די, וועלכע מאַכן נייע אַרבעט. ער האָט אַרויסגענומען דעם שינעל פון דער נאָז-פּאַטשיילע, אין וועלכער ער האָט אים געבראַכט (די פּאַטשיילע איז נאָר וואָס געווען פון דער וועשן אַוועק; שפּעטער ערשט האָט ער זי אַריינגעלייגט אין קעשענע אַריין צום געברויך).

אַרויסנעמענדיק דעם שינעל, האָט ער גאַנץ שטאָלץ אַ קוק געטון און האַלטנדיק אים אין ביידע הענט, האָט ער גאָר פלינק אים אַרויפגעוואָרפן אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן אויף די אַקסלען, דערנאָך אַ ציי געטון פון הינטן און אַראָפּגעגלעט מיט דער האַנט פון אויבן אַראָפּ. שפּעטער האָט ער אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן פאַרדראַפּירט עטוואָס דעם שינעל צעשפּיליעט. אַקאַקי אַקאַקיעוויטש, ווי אַ מענטש אין די יאָרן, האָט אים געוואָלט אָנמעסטן אויף די אַרבל; פּעטראָוויטש האָט אים געהאָלפן אָנטון אויף די אַרבל אויך, ס'איז אויסגעקומען, אַז אויך אויף די אַרבל איז ער גוט געווען. מיט איין וואָרט, ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שינעל איז געווען פונקט און אַקוראַט אין דער מאָס.

פּעטראָוויטש האָט נישט אויסגעמיטן באַ דער געלעגנהייט צו זאָגן, אַז ער האָט נאָר אַזוי, דערפאַר ווייל ער וווינט נישט אויף קיין גרויסער גאַס, אָן אַ שילד, און אַ חוץ דעם קען ער אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן שוין פון לאַנג, דעריבער האָט ער אַזוי ביליק גענומען, אויפן ניעווסקי פּראָספּעקט וואָלט מען באַ אים פאַר דער בלויזער אַרבעט גענומען פינף און זיבעציק רובל. אַקאַקי אַקאַקיע-

װיטש האָט מיט פּעטראָװיטשן נישט געװאָלט דערפֿון טענהן, װײַל ער האָט פּשוט מורא געהאַט פֿאַר די אַלע שטאַרקע סומעס, מיט װעלכע פּעטראָװיטש האָט ליב געהאַט אָנצומאַכן אַ רעש.

ער האָט אים באַצאָלט, באַדאַנקט, און איז גלײַך אַװעקגעגאַנגען אין דעפּאַרטאַמענט אַרײַן אינם נײַעם שינעל. פּעטראָװיטש איז אים גלײַך נאָכגעגאַנגען און איבערבלײַבנדיק אויף דער גאַס, האָט ער נאָך לאַנג פֿונדערװײַטנס געקוקט אויפֿן שינעל און דערנאָך איז ער ספּעציעל אַראָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט, און אויסמײַענדיק מיטן קרומען געסעלע, פֿאַרלאָפֿן װידער אויף דער גאַס אַרויס און אַ קוק געטון נאָך אַמאָל אויף זײַן שינעל פֿון דער אַנדערער זײַט, דאָס הייסט, גלײַך אין פּנים אַרײַן.

דערװײַל איז זיך אַקאַקי אַקאַקיעװיטש געגאַנגען אין דער סאַמע יום־טובדיקער אויפֿגעלײַגטקייט פֿון אַלע געפֿילן. יעדער סעקונדע אין דער מינוט האָט ער געפֿילט, אַז ער גײט אָנגעטון אַ נײַעם שינעל, און עטלעכע מאָל האָט ער אַפֿילו אונטערגעשמייכלט פֿון אינערלעכן פֿאַרגעניגן. און אינדערעמתן, צװיי באַקװעמלעכקייטן: איינס דאָס, װאָס עס איז װאַרעם, און דאָס צװייטע, װאָס עס איז גוט.

דעם װעג האָט ער אינגאַנצן נישט באַמערקט און פֿלוצלינג איז ער אויסגעקומען אין דעפּאַרטאַמענט; אין שװייצער־שטוב האָט ער אַראָפּגענומען פֿון זיך דעם שינעל, אים אַרומגעקוקט פֿון אַלע זײַטן און איבערגעגעבן דעם שװייצער אינטער זײַן אייגענער אויפֿזיכט.

עס איז נישט באַװוּסט אויף װאָס פֿאַר אַן אופֿן, נאָר אַלע אין דעפּאַרטאַמענט זײַנען פֿלוצלינג געװויר געװאָרן, אַז אַקאַקי אַקאַקיעװיטש האָט אַ נײַעם שינעל, און אַז די קאַפּאָטע עקזיסטירט שוין נישט מער. אַלע זײַנען באַלד אין דער זעלבער מינוט אַרײַנגעלאָפֿן אין דער שװייצער־שטוב אַרײַן, אָנקוקן אַקאַקי אַקאַקיע-

ווינטשס שינעל. מ׳האָט אים אָנגעהויבן ווינטשן, מקבל פּנים זיין, אַזוי אַז אין אָנהייב האָט ער בלויז געשמייכלט און דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבן אַפילו שעמען. ווען אַלע זענען אָבער צו אים צוגעשטאַנען און אָנגעהויבן זאָגן, אַז מען דאַרף באַגיסן דעם נייעם שינעל און אַז ער דאַרף כאָטש מאַכן פאַר זיי אַ כּל פּנים אַן אויפנאַמע, האָט זיך אַקאַקי אַקאַקיעוויטש אינגאַנצן פאַרלוירן, נישט געוווּסט, וואָס ער האָט צו טון, וואָס אַזוינס צו ענטפערן און ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער, אינגאַנצן אַ רויט געוואָרענער, אָנגעהויבן שוין אַפילו תּמימותדיק צו פאַרזיכערן, אַז דאָס איז אינגאַנצן נישט קיין נייער שינעל, אַז דאָס איז אַזוי, אַז דאָס איז אַן אַלטער שינעל.

ענדלעך האָט איינער פון די באַאַמטע, אַפילו עפּעס אַ געהילף פון אַן אָפּטיילונגס-שעף, כּדי צו ווייזן מסתּם, אַז ער איז קיין האָר נישט שטאָלץ און האַלט זיך אַפילו נישט ווייט פון קלענערע פון זיך, געזאָגט:

— ס׳וועט זיין אַזוי: איך מאַך אַן אויפנאַמע אָנשטאָט אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן און פאַרבעט טאַקי אַלע היינט צו מיר אויף טיי; היינט איז אויך פּונקט מיין געבורטס-טאָג.

די באַאַמטע האָבן באַלד נאַטירלעך, אויפן אָרט אָנגעווינטשן דעם געהילף פונם אָפּטיילונגס-שעף און מיט פאַרגעניגן אָנגענומען דעם פאָרשלאַג.

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט זיך אַפילו געפּרוּווט אָפּזאָגן, נאָר אַלע האָבן אָנגעהויבן זאָגן, אַז ס׳איז נישט פיין, אַז ס׳איז פּשוט אַ חרפּה און אַ בושה, און ער האָט בשום אופן זיך שוין נישט געקענט אָפּזאָגן. איבעריקנס, איז ער דערנאָך גאַנץ צופרידן געווען, בשעת ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז צוליב דעם וועט ער אַפילו אין אָוונט האָבן די געלעגנהייט זיך דורכצוגיין אין נייעם שינעל.

דער גאַנצער טאָג איז פאַר אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן געווען ווי דער גרעסטער און פייערלעכסטער יום־טוב. ער איז געקומען אַהיים אין דער גליקלעכסטער שטימונג, אויסגעטון דעם שינעל, אים פאָרזיכטיק אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט, אָנקוקנדיק זיך נאָכאַמאָל מיט דער סחורה און מיטן אונטערלאָג, און דערנאָך ספּעציעל אַרויסגענומען צו פאַרגלייכן די פריערדיקע קאַפּאָטע זיינע, וועלכע איז שוין אינגאַנצן צעקראָכן געווען. ער האָט אַ קוק געטון אויף איר און איך אַליין צעלאַכט, אַזאַ גרויסער אונטערשיד איז געווען! און שפּעטער, בײַם מיטאָג, האָט ער נאָך לאַנג אונטערגעשמייכלט, ווען ס'איז אים נאָר געקומען אויפן געדאַנק די לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די קאַפּאָטע.

ער האָט פריילעך אָפּגעמיטאָגט און נאָכן מיטאָג האָט ער שוין גאָרנישט געשריבן, קיין שום פּאַפּירן, נאָר גלאַט זיך אָנגעטון אַ ווײַלטאָג, צוליגנדיק זיך אויפן בעט, ביז ס'איז טונקל געוואָרן. דערנאָך נישט פאַרציִענדיק דעם ענין, האָט ער זיך אָנגעטון, גענומען אויף זיך דעם שינעל און אַרויס אויף דער גאַס.

ווו עס האָט אייגנטלעך געוווינט דער באַאַמטער, וואָס האָט זיי איינגעלאַדן, קענען מיר צום באַדויערן נישט זאָגן: דער זכּרון הייבט אונדז שטאַרק אָן צו נאַרן, און אַלץ, וואָס געפינט זיך אין פּעטערבורג, אַלע גאַסן און אַלע הייזער האָבן זיך אַזוי צונויפגעגאָסן און צונויפגעמישט אין קאָפּ, אַז ס'איז גאַנץ שווער פון דאָרט עפּעס אַרויסצוקריגן אין אַ געהעריקער אָרדנונג. ווי עס זאָל נישט זיין, נאָר דאָס איז לכל הפּחות זיכער, אַז דער באַאַמטער האָט געוווינט אין דער בעסערער טייל שטאָט, דאָס הייסט, נישט זייער נאָענט פון אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן.

אין אָנהייב האָט אַקאַקי אַקאַקיעוויטש געדאַרפט דורכגיין עטלעכע פּוסטע גאַסן מיט אַ שוואַכער באַלייכטונג, נאָר מיטן דערנענטערן זיך צו דער וווינונג פון באַאַמטן, זענען די גאַסן געוואָרן

לעבעדיקער, באַפּעלקערטער און מער באַלויכטענער; דורכגייער האָבן זיך אָנגעהויבן אָפטער צו באַווייזן, ס'האָבן זיך אָנגעהויבן טרעפן אויך דאַמען שיין אָנגעטוענע; באַ מאַנספּערשוינען האָט מען געקענט טרעפן ביבערנע קעלנער; זעלטענער האָט מען באַגעגנט די וואַנקעס מיט זייערע שטאַכעטנדיקע שליטעלעך, באַזעצטע מיט די געגילדטע טשוועקעלעך; דאַקעגן האָבן זיך אַלץ געטראָפן קוטשערס אין פּאָמסענע סאַמעטענע היטלען מיט לאַקירטע שליטעלעך, בערענע צודעקן, און עס זענען דורכגעפלויגן דורך דער גאַס קאַרעטעס מיט באַצירטע קעלניעס, סקריפּנדיק מיט די רעדער אויפן שניי.

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט אויף דעם אַלעם געקוקט ווי אויף אַ נייס, ווייל ער איז שוין עטלעכע יאָר נישט אַרויסגעגאַנגען אין אָוונט אויף דער גאַס אַרויס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט נייגעריקייט פאַר אַ באַלויכטן פענסטער פון אַ געשעפט, אַ קוק געטון אויף אַ בילד, וווּ ס'איז אויסגעמאָלט געווען עפּעס אַ שיינע פרוי, וועלכע האָט אויסגעטון אַ שוך, אָפּדעקנדיק אַזוי אַרום דעם גאַנצן פוס, וואָס איז זייער שיין געווען; און פון הינטער איר פּלייצע האָט פון דער טיר אין דער צווייטער שטוב אַריין עפּעס אַ מאַנספּערשוין אַרויסגעשטעקט אַ קאָפּ מיט באַקנבערד און מיט אַ שיין קמץ-בערדעלע אונטער דער ליפּ. אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אַ שמייכל געטון און דערנאָך זיך אַוועקבעגאַנגען זיין וועג.

פאַרוואָס האָט ער אַ שמייכל געטון: צי דערפאַר וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ זאַך לחלוטין אַן אומבאַקאַנטע, וועגן וועלכער ס'געפינט זיך פונדעסטוועגן באַ יעדן איינעם דאָך עפּעס אַ מין געפיל? צי האָט ער גאָר אַ טראַכט געטון גלייך ווי אַ סך באַאַמטע אַט וואָס: אוי, די פראַנצויזן! וואָס איז דאָ צו רעדן, אויב זיי פאַרגלוסט זיך שוין עפּעס דאָס, איז עס שוין באמת דאָס..." און

עס קען זיין, אַז ער האָט דאָס אויך אַפילו נישט קיין טראַכט געטון: מען קען דאָך פאָרט נישט אַריינקריכן אַ מענטש אין דער נשמה אַריין און געוווירווערן, וועגן וואָס ער טראַכט אַלץ!

ענדלעך איז ער צוגעקומען צום הויז, ווו עס האָט זיך אויפגעהאַלטן דער געהילף פון אָפטיילונגס-שעף.

דער געהילף פון אָפטיילונגס-שעף האָט זיך געוווינט גאָר בריוולהדיק: אויף די שטיגן האָט זיך געברענט אַ לאַמטער, זיין וווינונג האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק.

אַריינקומענדיק אין פאָדערצימער, האָט אַקאַקי אַקאַקיעוויטש דערזען גאַנצע שורות קאַלאָשן. צווישן זיי, אינמיטן דער שטוב, איז געשטאַנען אַ סאַמאָוואַר, רוישנדיק און אַרויסלאָזנדיק גאַנצע קנוילן פאַרע. אויף די ווענט זענען אַלץ געהאָנגען בלויז שינעלן און מאַנטלען, צווישן וועלכע טייל זענען אַפילו געווען מיט ביבערנע קעלנער אָדער מיט סאַמעטענע קעלנערלעך. דורך דער וואַנט האָט זיך געהערט אַ גערויש און אַ גערעדעריי, וואָס איז פּלוצלינג קלאָר און דייטלעך געוואָרן, ווען ס'האָט זיך געעפנט אַ טיר און ס'איז אַרויסגעקומען אַ לאַקיי מיט אַ טאַץ אָנגעשטעלט מיט ליידיקע גלעזער, מיט שליוואָוויץ און מיט אַ קויש סוכאַרקעס. ווייזט אויס, אַז די באַאַמטע האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט פאַרזאַמלט און האָבן שוין אויסגעטרונקען צו גלאָז טיי.

אויפהענגענדיק אַליין זיין שינעל איז אַקאַקי אַקאַקיעוויטש אַריינגעגאַנגען אין שטוב, און מיט איינמאָל האָבן אים אַ בלענד געטון פאַר די אויגן ליכט, באַאַמטע, לולקעס, קאָרטן-טישלעך, און צו זיין אויער האָט אומדייטלעך דערגרייכט דאָס פלינקע גערעדעריי, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון אַלע זייטן און דאָס גערויש פון איבעריקן שטולן. ער האָט זיך זייער אומגעלומפּערט אָפּגעשטעלט אינמיטן שטוב, זוכנדיק און באַמיענדיק זיך צוצוטראַכטן, וואָס ער זאָל דאָ טון. מען האָט אים אָבער שוין באַמערקט, אויפגענומען

מיט אַ געשריי און אַלע זענען תּיכּף אַריינגעגאַנגען אין פּאָדערצימער און ווידער באַטראַכט זיין שינעל.

כאָטש אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט זיך אַפילו אַביסל פאַרשעמט, נאָר זייענדיק אַ מענטש אָן אַפּנהערציקער, האָט ער זיך נישט געקענט נישט פרייען, זעענדיק, ווי אַלע האָבן אָפּגעלויבט זיין שינעל. דערנאָך האָבן אַלע, פאַרשטייט זיך, אָפּגעלאָזט סיי אים, סיי דעם שינעל און האָבן זיך גענומען, ווי עס פירט זיך, צו די טישן, וואָס זענען באַשטימט געווען אויפן וויסט.

דאָס אַלץ: דאָס גערויש, דאָס גערעדעריי, דער עולם מענטשן — דאָס איז אַלץ געווען עפּעס אַזוי ווונדערלעך פאַר אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן, אַז ער האָט פּשוט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל דאָ טון, ווו אַהינצוטון די הענט, די פיס און די גאַנצע פיגור זיינע; ענדלעך האָט ער זיך צוגעזעצט צו די שפּילערס, ער האָט אַריינגעקוקט אין די קאָרטן, זיך פאַרקוקט אויף דעמס, אויף יענעמס פּנים, און אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט ער אָנגעהויבן גענעצן, פילן, אַז עס איז לאַנגווייליק, — נאָך מער דערפאַר, ווייל עס איז שוין לאַנג געהאַט געווען די צייט, ווען ער פלעגט זיך, לויט זיין געוווינהייט, לייגן שלאָפן.

ער האָט זיך געוואָלט אָפּגעזעגענען מיטן באַלעבאָס, נאָר מ'האָט אים נישט אַרויסגעלאָזט, זאָגנדיק, אַז מ'דאַרף אומבאַדינגט אויסטרינקען לכּבוד דעם באַנייען דעם שינעל צו באָקאַלן שאַמפּאַנער.

אין אַ שעה אַרום האָט מען דערלאַנגט דאָס נאַכט-מאָל, וואָס איז באַשטאַנען פון ווינעגרעט, קאַלט קעלבערנס, פּאַשטעטן, צוקערניע-געבעקס און שאַמפּאַנער.

אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן האָט מען געצווונגען אויסצוטרינקען צוויי באָקאַלן, נאָך וועלכע ער האָט דערפילט, אַז אין שטוב איז געוואָרן פריילעכער, פונדעסטוועגן האָט ער באַין אויפן נישט גע-

קענט פאַרגעסן, אַז עס איז שוין צוועלף אַ זייגער און אַז עס איז שוין פון לאַנג צייט אַהיימצוגיין.

כדי דעם באַלעבאָס זאָל אָבער נישט קענען קומען אויפן געדאַנק אים צו פאַרהאַלטן, איז ער זיך שטילנקערהייט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב אַרויס, אויסגעזוכט אין פאָדערצימער דעם שינעל, וועלכן ער האָט מיט האַרצווייטיק דערזען אַ ליגעדיקן אויף דער פאָדלאָגע, אים אָפּגעשאָקלט, אַראָפּגענומען פון אים יעדעס שטויבעלע, אָנגעטון אויף זיך און אַראָפּגעגאַנגען מיט די שטיגן אויף דער גאַס אַרויס.

אויף דער גאַס איז נאָך אַלץ געווען ליכטיק. טייל געוועלבעלעך, די דאָזיקע שטענדיקע קלובן פאַר דינערשאַפט און פאַרשיידענע אַנדערע מענטשן, זענען געווען אָפן; אַנדערע ווידער, וועלכע זענען יאָ געווען פאַרמאַכט, האָבן פונדעסטוועגן אַרויסגעוויזן אַ לאַנגן פאַס ליכט דורך דער גאַנצער לענג פונם שפּאַלט אין דער טיר, וואָס האָט באַדייט, אַז זיי זענען נאָך אויך נישט פאַרלאָזט פון געזעלשאַפט, און מסתם פאַרענדיקן נאָך דאָרט די הויפּישע דינסטן און באַדינערס זייערע שמועסן און רעדערייען, אַריינברענגענדיק דערווייל זייערע באַלעבאַטים אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט מכּוח דעם, וווּ זיי קענען זיך דאָס איצט געפינען.

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש איז זיך געגאַנגען אין אַ פריילעכער שטימונג, ער האָט אַפילו פּלוצלינג אָנגעהויבן נאָכלויפן, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, נאָך עפּעס אַ דאַמע, וועלכע איז פאַר אים פאַרביי ווי אַ בליץ און בײַ וועלכער יעדער טייל פון קערפּער איז איבערגעפולט געווען מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער רירעוודיקייט. נאָר פונדעסטוועגן האָט ער זיך באַלד אָפּגעשטעלט און ווידער אָנגעהויבן גיין זייער פּאַמעלעך ווי פריִער, זיך אַליין אַפילו וווּנדערנדיק, פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ פליגקייט.

באַלד האָבן זיך פאַר אים אָנגעהויבן ציִען יענע פוסטע גאַסן, וועלכע זענען אַפילו באַטאָג אויך נישט אַזוי באַלעבט און בפרט נאָך באַנאַכט. איצט זענען זיי געוואָרן נאָך שטילער און איינזאַמער: עס האָט זיך זעלטענער אָנגעהויבן באַווייזן אַ לאַמטער, ווייזט אויס, מ'האָט שוין דאָ ווייניקער נאַפט צוגעטיילט; עס האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען הילצערנע הייזער, פלויטן, אין ערגעץ איז נישט געווען צו זען קיין לעבעדיק נפש; דער שניי אַליין האָט נאָר געבלאַנקט איבער די גאַסן און טרויעריק האָבן זיך געשוואַרצט מיט די פאַרמאַכטע לאָדנס די איינגעשלאָפענע נידעריקע שטיבעלעך.

ער איז צוגעקומען צו דעם אָרט, וווּ די גאַס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַן אומגעהויערן שטח, מיט הייזער קוים אָנזעעוודיק אויף יענער זייט פלאַץ, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ שרעקלעכע מדבר.

ערגעץ ווייט, גאָט ווייסט ווו, האָט געצאַנקט אַ פייערל אין אַ בודקע, וועלכע האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געשטאַנען אויף יענעם עק וועלט. אַקאַקי אַקאַקיעוויטשס פריילעכקייט האָט זיך דאָ עפעס באַדייטנד פאַרקלענערט.

ער איז אַרויס אויפן פלאַץ מיט אַ מין אומבאַוווסטזיניקער מורא, פונקט ווי זיין האַרץ וואָלט פאָרגעפילט עפעס נישט קיין גוטס. ער האָט זיך אומגעקוקט צוריק און אויף אַלע זייטן, אַ וואַרער ים אַרום אים. — „ניין, גלייכער גאָרנישט צו קוקן" — האָט ער אַ טראַכט געטון און ווייטער געגאַנגען, צומאַכנדיק די אויגן, און ווען ער האָט זיי אויפגעעפנט, כדי צו זען, צי עס איז שוין נאָנט דער אַנדערער עק פלאַץ, האָט ער פלוצלינג דערזען, אַז לעבן אים, כמעט פאַר דער נאָז שטייען עפעס מענטשן מיט וואָנסעס, וואָסערע אייגנטלעך, דאָס האָט ער שוין אַפילו נישט געקענט זען, ס'איז אים פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן און דאָס האַרץ האָט זיך אין אים אָנגעהויבן וואַרפן.

— אָט דער שינעל איז דאָך מיין! — האָט געזאָגט איינער פון זיי מיט אַ דינערנדיקער שטימע, אָנכאַפנדיק אים באַם קאָלנער.

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט שוין אַפילו געוואָלט אַ געשריי טון: „געוואַלט", נאָר דער צווייטער האָט אים צוגעשטעלט צום מויל צו אַ פויסט אַזוי גרויס ווי אַ באַאַמטנס אַ קאָפּ אַ זאָג טוענדיק:

— נו, פּרוּוו נאָך אַ געשריי טון!

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט נאָר געפילט, ווי מ'האָט פון אים אַראָפּגענומען דעם שינעל, געגעבן אים אַ זעץ מיט אַ קני, ער איז געפאַלן מיטן פנים אין שניי אַריין און שוין מער גאָרנישט געפילט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער געקומען צו זיך און זיך אויפגעהויבן, נאָר עס איז שוין קיינער נישט געווען. ער האָט געפילט, אַז אין פעלד איז קאַלט און דער שינעל איז נישטאָ, ער האָט אָנגעהויבן שרייען; נאָר דעם קול איז, ווייזט אויס, אַפילו נישט איינגעפאַלן צוצוקומען ביז די עקן פון פּלאַץ. אַ פאַרצווייפלטער, נישט אויפהערנדיק צו שרייען, האָט ער זיך געלאָזט לויפן איבערן פּלאַץ, גלייך צו דער בודקע צו, לעבן וועלכער עס איז געשטאַנען אַ זעלנער, און אָנלענענדיק זיך אויף זיין אַלעבאַרדע האָט ער, ווייזט אויס, געקוקט מיט נייגעריקייט, וועלנדיק וויסן, צו אַלדע טייוול, וואָס לויפט צו אים פונדערווייטנס אַ מענטש און שרייט.

צולויפנדיק צו אים, האָט אַקאַקי אַקאַקעוויטש אָנגעהויבן מיט אַ פאַרשטיקט קול צו שרייען, אַז ער שלאָפט, טוט אויף גאָרנישט אַכטונג, זעט נישט, ווי מען באַראַבעוועט אַ מענטש. דער זעלנער האָט געענטפערט, אַז ער האָט גאָרנישט געזען, אַז ער האָט געזען, ווי עפעס צוויי מענטשן האָבן אים אָפּגעשטעלט אינמיטן פּלאַץ, האָט ער געמיינט, אַז דאָס זענען געווען חברים זיינע; און אָב-

שטאָט אומזיסט צו זידלען, זאָל ער בעסער מאָרגן אַריבערגיין צום אויפזעער, וועט שוין דער אויפזעער אויסגעפינען, ווער ס׳האָט גענומען דעם שינעל.

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש איז געקומען צולויפן אַהיים אין אַ פולשטענדיקער אומאָרדנונג: די האָר, וואָס האָבן זיך נאָך באַ אים אויפגעהאַלטן אין אַ קליינער צאָל אויף די שלייפן און אויף דער פּאַטילניצע, האָבן זיך אים פולשטענדיק צעפלאָשעט; די זייט און די ברוסט און די גאַנצע הויזן זענען געווען בלויז שניי. די אַלטע, די באַלעבאָסטע פון זיין דירה, דערהערנדיק דאָס שרעקלעכע קלאַפּן אין דער טיר, איז שנעל אַרויסגעשפּרונגען פון בעט אַרויס, און מיט איין שוך אויף אַ פוס איז זי געלאָפן עפענען די טיר, צודעקנדיק פאַר באַשיידנקייט איר ברוסט מיטן העמד; נאָר אויפעפענענדיק, איז זי אָפּגעטרעטן צוריק, דערזעענדיק אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן אין אַזאַ באַשטאַנד.

ווען ער האָט איר דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען, האָט זי אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און געזאָגט, אַז מ׳דאַרף גיין צום פּריסטאַוו, אַז דער רעווירנאָווע וועט אָפּנאַרן, ער וועט צוזאָגן און אָנהייבן אָפּשלעפּן, נאָר דאָס בעסטע איז גלייך צו גיין צום פּריסטאַוו, אַז זי קען אים אפילו, דערפאַר ווייל אַננאַ, די טשוכאָנקע, וועלכע האָט פריִער געדינט באַ איר אַלס קעכין, האָט זיך איצט אָנגעדונגען צום פּריסטאַוו פאַר אַן אַם, אַז זייער אָפט זעט זי טאַקע אים אַליין, ווי ער פאָרט פאַרביי זייער הויז און אַז ער קומט אויך יעדן זונטיק אין קלויסטער אַריין גאָט בעטן, און אין דער זעלבער צייט קוקט ער פריילעך אויף אַלעמען, און, הייסט עס, אַז ס׳איז פון אַלעם צו זען, אַז ער איז מחויב צו זיין אַ גוטער מענטש.

אויסהערנדיק אַזאַ באַשלוס, האָט זיך אַקאַקי אַקאַקיעוויטש אַ טרויעריקער אַריינגעשלעפּט אין זיין שטוב אַריין, און ווי ער איז

דאָרט דורכגעקומען די נאַכט — ווערט איבערגעגעבן זיך פאַרצו־שטעלן דעם, ווער עס קען זיך כאָטש עטוואָס פאָרשטעלן יענעמס לאַגע.

צומאָרגנס אינדערפרי איז ער אַוועקגעגאַנגען צום פריסטאַוו; נאָר מ׳האָט געזאָגט, אַז ער שלאָפט; איז ער געקומען צען אַ זייגער — האָט מען נאָכאַמאָל געזאָגט: „ער שלאָפט״; איז ער גע־קומען עלף אַ זייגער — האָט מען געזאָגט: „דער פריסטאַוו איז נישטאָ אינדערהיים״; איז ער געקומען מיטאָג־צייט — האָבן איבער די שרייבערס אין פאָדערשטוב נישט געוואָלט אריינלאָזן און געהאָלט דווקא געוויר ווערן, מיט וואָס פאַר אַן ענין און וואָס פאַר אַ באַדערפעניש האָט אים אַהערגעברענגט און וואָס אַזעלכעס ס׳איז פאָרגעקומען; אַזוי, אַז אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט עגדלעך איינמאָל אין זיין לעבן געוואָלט אַרויסווייזן כאַראַקטער און אַנטשיידן גע־זאָגט, אַז ער דאַרף זיך פערזענלעך זען מיטן פריסטאַוו אַליין, אַז זיי וועלן נישט וואַגן אים נישט אַריינצולאָזן, אַז ער איז גע־קומען פון דעפאַרטאַמענט וועגן אַ רעגירונגס־ענין, און אַז אַט, קויב באַקלאָגט ער זיך אויף זיי, וועלן זיי שוין דאַמאָלס זען. קעגן דעם האָבן די שרייבערס גאָרנישט געוואַגט צו זאָגן און איינער פון זיי איז געגאַנגען אַרויסרופן דעם פריסטאַוו.

דער פריסטאַוו האָט עפעס זייער מאָדנע אויפגענומען די מעשה וועגן אַוועקרויבן דעם שינעל. אָנשטאָט צו לייגן אַכט אויף דעם הויפט־פונקט פון דער זאַך, האָט ער אָנגעהויבן אויסצופרעגן אַקאַקאַקי אַקאַקיעוויטשן: פאַרוואָס אַ שטייגער איז ער אַזוי שפעט אַהיים געגאַנגען? צי האָט ער אַ שטייגער נישט אָפּגעטרעטן אין אַמאָל נישט געווען אין וועלכן אומאָרנטלעכן הויז? אַזוי אַז אַקאַ־קי אַקאַקיעוויטש האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן, און איז פון אים אַוועקגעגאַנגען, נישט וויסנדיק אַליין, צי וועט דער ענין וועגן שינעל באַקומען די געהעריקע ווענדונג, צי ניין.

דעם דאָזיקן גאַנצן טאָג איז ער נישט געווען אין דעפּאַרטאַמענט (דער איינציקער פאַל אין זיין לעבן).

אויפן צווייטן טאָג האָט ער זיך באַוויזן, אינגאַנצן אַ בלאַסער, אין דער אַלטער קאַפּאָטע זיינער, וועלכע איז געוואָרן נאָך נעבעכדיקער. די דערציילונג וועגן אַוועקרויבן דעם שינעל, — נישט קוקנדיק דערויף, וואָס עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע באַאַמטע, וועלכע האָבן אפילו אַצינד נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט נישט אָפּצולאַכן פון אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן, — האָט פונדעסטוועגן אַ סך פון זיי גערירט. מ'האָט אויפן אָרט באַשלאָסן, צוזאַמענצולייגן זיך פאַר זיינעטוועגן, נאָר זיי האָבן צונויפגענומען עפּעס אַ נאַרישקייט, ווייל די באַאַמטע האָבן זיך שוין אָן דעם אויך געהאַט אויסגעליידיקט, באַשטייערנדיק זיך אויפן דירעקטאָרס פּאָרטרעט און אויף עפּעס אַ בוך, לויטן פאָרשלאַג פון אָפּטיילונגס-שעף, וועלכער איז געווען דעם פערפאַסערס אַ גוטער פריינט; און אַזוי האָט זיך די סומע אַרויסגעוויזן אַ זייער נישטיקע.

אייבער, עפּעס גערירט פון מיטגעפיל, האָט זיך באַשלאָסן צו העלפן אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן כאָטש מיט אַ גוטער עצה, זאָגנדיק, אַז ער זאָל נישט גיין צום רעוויראָווע, ווייל כאָטש עס קען געמאָלט זיין, אַז דער רעוויראָווע, ווילנדיק פאַרדינען אַן אויסצייכנונג פון דער מאַכט, וועט אויף עפּעס אַן אופן אויסזוכן דעם שינעל, אָבער דער שינעל וועט פאָרט בלייבן אין דער פּאָליציי, אויב ער וועט נישט פאַרלייגן קיין רעכטלעכע באַווייזן, אַז דער שינעל געהערט צו אים; נאָר דאָס בעסטע וואָלט געווען, אַז ער זאָל זיך ווענדן צו איינער אַ *וויכטיקער פּערזענלעכקייט*; אַז די *וויכטיקע פּערזענלעכקייט*, איבערשרייבנדיק זיך און פאַרבינדנדיק זיך מיט וועמען מען באַדאַרף, קען באַוועגן, אַז דער ענין זאָל אַוועק מיט מער דערפאָלג.

פאַרפאַלן, אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט זיך באַשלאָסן צו גיין

צו דער וויכטיקער פערזענלעכקייט. וואָס אייגנטלעך פאַר אַן אמת און אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער אמת פון דער וויכטיקער פערזענלעכקייט, דאָס איז ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן אומבאַוווסט.

מען דאַרף וויסן, אַז איין וויכטיקע פערזענלעכקייט איז ערשט נישט לאַנג געוואָרן אַ וויכטיקע פערזענלעכקייט, און ביז דער צייט איז ער געווען אַ נישט-וויכטיקע פערזענלעכקייט. איבעריקנס, האָט זיין אמת זיך אפילו איצט אויך נישט גערעכנט פאַר קיין וויכטיקן אין פאַרגלייך מיט אַנדערע נאָך מער וויכטיקערע. נאָר ס'געפינט זיך שוין שטענדיק אַזאַ קרייז מענטשן, באַ וועלכע דאָס נישט-וויכטיקע, אין אַנדערעס אויגן, איז שוין וויכטיק. איבעריקנס, האָט ער זיך באַמיט צו פאַרגרעסערן זיין וויכטיקייט מיט אַ סך אַנדערע מיטלען, נעמלעך: ער האָט איינגעפירט, אַז ווען ער פלעגט קומען אַמטירן, זאָלן די קלענערע באַאַמטע אים אויפנעמען נאָך אויף די שטיגן; אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן גלייך אַריינצוקומען, נאָר אַלץ זאָל צוגיין מיט דער שטרענגסטער אָרדנונג: דער קאָלעזשסקי רעגיסטראַטאָר זאָל מעלדן דעם גובערניע-סעקרעטאַר, דער גובערניע-סעקרעטאַר דעם טיטולאַרישן אָדער אַן אַנדערן, וועמען ס'קומט דאָרט אויס, און אַז אויף אַזאַ אופן זאָל דער ענין ערשט דערגיין צו אים. אַזוי איז שוין אַלץ אין הייליקן רוסלאַנד אָנגעשטעקט מיט נאָכטון יענעם: יעדער איינער קאָפּירט און מאַכט פון זיך נאָך זיין אייגענעם נאַטשאַלניק.

מען זאָגט אפילו, אַז איין טיטולאַראַט, ווען מ'האָט אים געמאַכט פאַר אַן אָנפירער פון אַ באַזונדערער קליינער קאַנצעלאַריע, האָט באַלד פאַר זיך אָפּגעטיילט אַ באַזונדערע שטוב, אָנרופנדיק זי „זיצונגס-שטוב" — און אַוועקגעשטעלט פאַר דער טיר עפּעס קאַפּעלדינערס מיט רויטע קעלנער, מיט קנעפּ, וועלכע פלעגן אָננעמען באַ דעם טיר-הענטל און פלעגן עפענען יעדן באַזוכער, כאָטש אין

דער „זיצונגס־שטוב״ האָט קוים מיט צרות געקענט אַריין א געוויינטלעכער שרייב־טיש.

די באַנעמונג און די זיטן פֿון דער וויכטיקער פּערזענלעכקייט זענען געווען סאָלידע, מאַיעסטעטישע, אָבער נישט קיין פּילאַרטיקע. דער גרונד־פּרינציפּ פֿון זיין סיסטעם איז געווען שטרענגקייט, „שטרענגקייט, שטרענגקייט און שטרענגקייט״, פֿלעגט ער געוויינטלעך זאָגן, און באַם לעצטן וואָרט רליזשי יר געוויינטלעך זייער פּילבאַדייטנט קוקן אין פּנים אַריין יענעם. ווען ער האָט עס געזאָגט, כאָטש ער האָט דערצו קיין שום אורזאַך נישט געהאַט. דער צענדליק באַאַמטע, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם גאַנצן רעגירונגס־אַפּאַראַט פֿון דער קאַנצעלאַריע, איז אָן דעם אויך געווען אין דער געהעריקער מורא: דערזעענדיק אים פֿונדערווייטנס, האָט תּיכּף דער גאַנצער אַפּאַראַט אַוועקגעלייגט די אַרבעט און אָפּגעוואַרט, שטייענדיק אויס־עצויגן, ביז וואַנען דער באַטשאַלניק וועט אַדורכגיין דורך דער שטוב.

דאָס געוויינטלעכע רעדן זיינס מיט קלענערע פֿון זיך האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שטרענגקייט און איז באַשטאַנען כּמעט נאָר פֿון די דריי פֿראַזן: „ווי וואַגט איר? צי ווייסט איר, מיט וועמען איר רעדט? צי באַגרייפֿט איר, ווער עס שטייט דאָ פֿאַר אייך?״ איבעריקנס, איז ער אין דער נשמה געווען אַ גאַנץ גוטער מענטש, גוט מיט די חברים, גרייט צו דינסט; נאָר דער ראַנג גענעראַל האָט אים אינגאַנצן אַרויסגעבראַכט פֿון גלייכגעוויכט.

באַקומענדיק דעם ראַנג גענעראַל, איז ער עפּעס ווי צעמישט געוואָרען, אַראָפּ פֿון וועג און פֿולשטענדיק נישט געוווּסט, ווי אַזוי צו האַלטן זיך. ווען עס פֿלעגט זיך אים אויסקומען צו טרעפֿן מיט זיינס גלייכן, איז ער נאָך געווען אַ מענטש ווי עס באַדאַרף צו זיין, — אַ מענטש זייער אַן אָנשטענדיקער, אין טייל הינזיכטן אַפֿילו נישט קיין נאַרישער מענטש; נאָר אויב איז אים

אויסגעקומען צו זיין אין אַ געזעלשאַפט, ווו עס זענען געווען מענטשן כאָטש מיט איין ראַנג קלענער פון אים, איז ער פשוט געווען נישט צו דערליידן: ער פלעגט שווייגן, און זיין לאַגע פלעגט אַרויסרופן רחמנות, נאָך מער דערפאַר, ווייל ער אַליין האָט אַפילו געפילט, אַז ער וואָלט געקענט פאַרברענגען די צייט אַ סך בעסער.

אין זיינע אויגן האָט מען טיילמאָל געקענט באַמערקן אַ שטאַרקן ווילן אָנטייל צו נעמען אין וועלכן עס איז אינטערעסאַנטן געשפרעך, אין אַ קרייז, נאָר עס פלעגט אים אָפשטעלן דער געדאַנק: צי וועט דאָס אַמאָל נישט זיין שוין צופיל פון זיין זייט, צי וועט עס נישט אויסקומען צופיל נאָנט, און צי וועט ער נישט קלענער מאַכן דורך דעם די באַדייטונג זיינע? און צוליב די דאָזיקע געדאַנקען איז ער אייביק געבליבן אין איינער און דער זעלבער שווייגנדיקער לאַגע, אַרויסברענגענדיק נאָר טיילמאָל עפעס אַזעלכע איינזילביקע קלאַנגען, און אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך געשאַפן אַ שם פון דעם מרה־שחורהדיקסטן מענטש.

אָט צו אַזאַ מין ו י כ ט י ק ע ר פ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט איז געקומען אונדזער אַקאַקי אַקאַקיעוויטש, און געקומען איז ער אין דער סאַמע נישט־צוגעפאַסטער צייט, זייער נישט גינסטיק פאַר זיינעטוועגן, כאָטש איבעריקנס זייער גינסטיק פאַר דער וויכטיקער פערזענלעכקייט.

די וויכטיקע פערזענלעכקייט האָט זיך געפונען באַ זיך אין קאַבינעט און האָט זיך זייער, זייער פריילעך אויסגעשמועסט מיט זיינס אַן אַלטן באַקאַנטן, אַ יוגנט־פריינט, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געקומען צו פאָרן, און מיט וועלכן ער האָט זיך שוין עטלעכע יאָר נישט געזען. אין דער זעלבער צייט האָט מען אים געמאָלדן, אַז עס איז געקומען עפעס איינער, באַשמאַטשקין.

ער האָט קורץ אַ פרעג געטון:

— ווער אַזעלכער?

מען האָט אים געענטפערט:

— עפּעס אַ באַאַמטער.

— אַ! ער קען צוואַרטן, נישטאָ איצט קיין צייט, — האָט דער וויכטיקער מענטש געזאָגט.

דאָ דאַרף מען זאָגן, אַז דער וויכטיקער מענטש האָט געזאָגט אַ פולשטענדיקע ליגנט: ער האָט יאָ געהאַט צייט; ער מיט זיין פריינט האָבן שוין פון לאַנג אַלץ געהאַט דורכגערעדט, און שוין לאַנג דורכגעפלאָכטן דאָס געשפּרעך מיט גאַנץ לאַנגע שטיל־שווייגענישן, בלויז לייכט פאַטשנדיק איינער דעם צווייטן איבער די קני, צוזאָגנדיק:

— אָט אַזוי, איוואַן אַבראַמאָוויטש!

— אַזוי, אַזוי, סטעפּאַן וואַרלאַמאָוויטש!

נאָר נאָך דעם אַלעם האָט ער פונדעסטוועגן געהייסן, דער באַאַמטער זאָל צוואַרטן, כדי צו ווייזן זיין פריינט, אַ מענטש, וואָס איז שוין לאַנג נישט געווען אויף קיין אַמט און וואָס איז פאַרזעסן געווען בא זיך אין דאָרף, וויפיל צייט די באַאַמטע וואַרטן אָפּ בא אים אין פאַדער־צימער.

ענדלעך, אָנרעדנדיק זיך און נאָך מער אָנשווייגנדיק זיך צו דער זעט און אויסרייכערנדיק אַ ציגאַר אין די זייער באַקוועמע פאָטעלן מיט די אויסגעבויגענע אָנלענען, האָט ער זיך ענדלעך אַזוי ווי פלוצלינג דערמאָנט און געזאָגט צום סעקרעטאַר, וואָס איז שטיין געבליבן בא דער טיר מיט די פאַפּירן צום ראַפּאָרט:

— יאָ, דאָרט שטייט דאַכט זיך אַ באַאַמטער; זאָגט אים, אַז ער קען אַריינגיין.

דערזעענדיק אַקאַקי אַקאַקיעוויטשס הכנעדיק אויסזען און זיין אַלט מונדירל, האָט ער זיך צו אים פלוצלינג אויסגעדרייט.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? — האָט ער אַ פרעג געטון מיט אַן אָפּגעהאַקטער, האַרטער שטימע, וועלכע ער האָט ספּעציעל פריִער איינגעשטודירט פאַרן שפּיגל, זיך אָפּזונדערנדיק באַ זיך אין דער היים נאָך אַ וואָך צייט פאַרן באַקומען דעם איצטיקן פּאָסטן זיינעם און דעם ראַנג גענעראַל.

אַקאַקי אַקאַקיעוויטש האָט שוין פריצייטיק דערפילט די גע- העריקע מורא, ער איז אַ ביסל צעמישט געוואָרן, און ווי ער האָט נאָר געקענט, אויף וויפיל עס האָט אים נאָר געקענט דערלויבן די פרייקייט פון זיין שפּראַך, האָט ער אויסגעווירקט, צולייגנדיק אַפילו אָפטער ווי אַן אַנדערש מאָל דאָס וואָרט „דאָס", — אַז דער שינעל, האָט ער געזאָגט, איז געווען אינגאַנצן ניי, און איצט איז ער באַ- רויבט אויף אַן אוממענטשלעכן אופן, און אַז ער ווענדט זיך צו אים, אַז ער זאָל מיט דער שתדלנות זיינער עפּעס אַזוי דאָס, איבער- שרייבן זיך מיטן ה' אויבערפּאָליצמייסטער אָדער מיט עמעצן אַנ- דערש און אויפזוכן דעם שינעל.

נישט צו וויסן פאַרוואָס, האָט דעם גענעראַל אַזאַ באַנעמונג עפּעס אויסגעוויזן פאַמיליאַר.

— וואָס איז דאָס, גנעדיקער הער, — האָט ער ווייטער גע- זאָגט אָפּגעהאַקט — איר קענט נישט די אָרדנונג? ווו זענט איר אַריין? איר ווייסט נישט, ווו אַזוי עס איז איינגעפירט? וועגן דעם וואָלט איר פריִער געדאַרפט אָנגעבן אַ ביטע אין קאַנצעליאַריע, זי וואָלט אָנגעקומען צום אָפּטיילונגס-שעף, צום נאַטשאַלניק פון דער אָפּטיילונג, דערנאָך וואָלט זי איבערגעגעבן געוואָרן דעם סע- קרעטאַר, און דער סעקרעטאַר וואָלט זי שוין דערלאַנגט מיר...

— נאָר, אייער עקסעלענץ, — האָט אַקאַקי אַקאַקיעוויטש גע- זאָגט, באַמיִענדיק זיך צונויפצונעמען דאָס קליינטשיקע ביסעלע מוט, וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט און פילנדיק גלייכצייטיק, אַז ער איז מוראדיק פאַרשוויצט געוואָרן: — איך האָב מיך דערוועגט

אייער עקסעלענץ צו באַמיִען דערפֿאַר, ווייל די סעקרעטאַרן זענען דאָס... אַ פֿאַלש פֿאָלק...

— וואָס, וואָס, וואָס? — האָט די וויכטיקע פּערזענלעכקייט אַרויסגערעדט — פֿונוואַנען האָט איר זיך אָנגעזאַפּט מיט אַזאַ גייסט? פֿונוואַנען האָט איר זיך מיט אַזעלכע געדאַנקען אָנגעזאַפּט? וואָס פֿאַר אַ חוצפּה האָט זיך עפּעס פֿאַרשפּרייט צווישן די יונגע מענטשן קעגן די נאַטשאַלניקעס און די עלטסטע!

די וויכטיקע פּערזענלעכקייט האָט, ווייזט אויס, נישט באַמערקט, אַז אַקאַקי אַקאַקיעוויטש איז שוין געווען אַריבער פֿופֿציק, הייסט עס, אויב ער וואָלט אַפֿילו יאָ געקענט זיך אָנרופֿן אַ יונגער מענטש, איז נאָר פֿאַרהעלטנישמעסיק, דאָס הייסט, אין פֿאַרגלייך מיט אַזעלכע, וואָס איז שוין אַלט געווען זיבעציק.

— צי ווייסט איר, וועמען איר זאָגט דאָס? צי באַגרייפֿט איר ווער עס שטייט פֿאַר אייך? צי באַגרייפֿט איר דאָס? באַגרייפֿט איר דאָס? איך פֿרעג אייך.

דאָ האָט ער אַ טופּ געטאָן מיטן פֿוס, דערהייבנדיק דאָס קול ביז אַזאַ הויכן טאָן, אַז נישט נאָר אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן אַליין וואָלט באַפֿאַלן אַ שרעק. אַקאַקי אַקאַקיעוויטש איז דאָ ווי אָפּגעשטאָרבן, זיך אַ וויג געטאָן, אויפֿגעשוידערט מיטן גאַנצן קערפּער און בשום אופֿן נישט געקענט איינשטיין אויף די פֿיס: ווען די סטרוזשעס זאָלן נישט בעווען תּיכּף צולויפֿן דערכאַפּן אים, וואָלט ער געווען אַ פּאַך געטאָן אָן דער ערד. מען האָט אים אַרויסגעטראָגן אַ כּמעט אומבאַוועגלעכן.

און די וויכטיקע פּערזענלעכקייט, צופֿרידן דערפֿון, וואָס דער עפֿעקט איז איבערגעשטיגן אַפֿילו יעדע דערוואַרטונג, און אינגאַנצן פֿאַרשיכּורט פֿון געדאַנק, אַז דאָס וואָרט זיינס קען אַפֿילו ברענגען ביז חלשות, האָט זייטיק אַ בליק געטאָן אויף זיין פֿריינט, כּדי צו זען, ווי אַזוי ער קוקט דערויף, און מיט פֿאַרגעניגן דער-

ווען, אַז זיין פריינט האָט זיך געפינען אין אַ העכסט אומבאַשטימטן צושטאַנד און האָט אפילו פון זיין זייט שוין אַליין אָנגעהויבן פילן אַ מורא.

ווי אַזוי ער איז אַראָפּ פון די שטיגן און אַרויס אויף דער גאַס, — דאָס האָט אַקאַקי אַקאַקיעוויטש באָרנישט געדענקט. ער האָט גאָרנישט געפילט, נישט די הענט, נישט די פיס: ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהאַט אַזאַ שטאַרקן אָפּשניט פון קיין גענעראַל און בפרט פון אַ פרעמדן. ער איז געגאַנגען אין דער זאַווערוכע, וואָס האָט געפייפט אין די גאַסן, מיט אַן אויפגעריסן מויל, אַראָפּקריכנדיק פון די טראָטואַרן; דער ווינט האָט, לויטן פעטערבורגער מנהג, געבלאָזן אויף אים פון אַלע פיר זייטן פון אַלע געסלעך אַרויס. אין איין רגע האָט עס אים אָנגעבלאָזן אין האַלדז אַריין אַ כריפּקע, און ער האָט זיך דערשלעפּט אַהיים נישט זייענדיק בכּוח אַרויסצורעדן קיין איין וואָרט; ער איז אינגאַנצן געשוואָלן געוואָרן און געבליבן ליגן צו בעט.

אַזוי שטאַרק ווירקט אַמאָל אַ געהעריקער אָפּשניט!

דער אַנדערן טאָג האָט ער באַקומען אַ שטאַרקן פיבער. אַ דאַנק דער גרויסמוטיקער מיטהילף פון פעטערבורגער קלימאַט, איז די קרענק אַוועק שנעלער, ווי מ'האָט געקענט דערוואַרטן, און ווען ס'איז געקומען אַ דאָקטאָר, האָט ער פרווונדיק דעם דופּק, שוין גאָרנישט געהאַט וואָס צו טון, נאָר ווי צו באַשטימען אַ קאָמפּרעס, און דאָס נאָר אויך צוליב דעם, כּדי דער קראַנקער זאָל נישט בלייבן אָן דער נויטווענדיקער הילף פון דער מעדיצין; און גלייכצייטיק האָט ער אים באַלד טאַקע אָנגעזאָגט, אַז במשך פון אַנדערהאַלבן מעת-לעת וועט ער אומבאַדינגט זיין קאַפּוט, נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צו דער באַלעבאָסטע און געזאָגט:

— און איר, מומעשי, פאַרליערט אויך נישט אומזיסט קיין

צייט, באַשטעלט אים טאַקע שוין אַ סאָסנאָווע טרומנע, ווייל אַ דעמבענע וועט פאַר אים זיין צו טייער.

צי האָט אַקאַקי אַקאַקיעוויטש געהערט די דאָזיקע אַרויסגעזאָגטע שרעקלעכע ווערטער, און אויב ער האָט אַפילו געהערט, צי האָבן זיי אויף אים געהאַט די שוידערלעכע ווירקונג, צי האָט ער באַדויערט דאָס אומגליקלעכע לעבן זיינס, — דאָס אַלץ איז נישט באַוווסט, ווייל ער איז די גאַנצע צייט געלעגן פאַרטראָגן און אין היץ.

פאַרשטעלונגען, איינע וווּנדערלעכער פון דער אַנדערער, האָבן זיך אים כסדר געוויזן: אָט האָט ער געזען פּעטראָוויטשן און באַשטעלט באַ אים צו מאכן אַ שינעל מיט פּולאַפּקעס פאַר גנבים, וועלכע האָבן זיך אים אַלץ איינגעבילדעט צו זיין אונטערן בעט, און יעדע מינוט האָט ער גערופן צו זיך די באַלעבאָסטע, זי זאָל איין גנב אַפילו אַרויסשלעפּן באַ אים פון אונטער דער קאָלדרע אַפער; אָט האָט ער געפרעגט צוואָס העגנט עס פאַר אים זיין אַלטע קאַפּאָטע, אַז ער האָט אַ נייעם שינעל; אָט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער שטייט פאַרן גענעראַל אויסהערנדיק דעם געהעריקן צאַפּשניט, און זאָגט כסדר: „כ'בין שולדיק, אייער עקסעלענץ”! אָט האָט ער אַפילו ענדלעך גערעדט מיאוסבאַליידיקנדיקע רייד, אַרויסברענגענדיק די שרעקלעכסטע ווערטער, אַזוי אַז די אַלטע באַלעבאָסטע האָט זיך אַפילו געצלמט, ווייל זי האָט צייט זי לעבט נאָך נישט געהערט פון אים עפּעס ענלעכס, נאָך מער דערפאַר, ווייל די דאָזיקע ווערטער זענען געגאַנגען באַלד נאָכן וואָרט „אייער עקסעלענץ”. דערנאָך האָט ער שוין גערעדט אינגאַנצן עפּעס אומפאַרשטענדלעכס, אַזוי אַז עס איז גאָרנישט מעגלעך געווען צו פאַרשטיין; מען האָט נאָר געקענט זען, אַז די צעמישטע רייד האָבן זיך אַלץ אַרום געדרייט אַרום דעם שינעל. ענדלעך האָט אַקאַקי אַקאַקיעוויטש אויסגעהויכט די נשמה.

מען האָט נישט פאַרחתמעט נישט די שטוב, נישט די זאַכן זײַנע, דערפאַר, ווייל ערשטנס זענען קיין יורשים נישט געווען, און צווייטנס, איז געבליבן זייער ווייניק ירושה, נעמלעך אַ בינטל גענדזענע פעדערן, אַ ווייסע ליבערע רעגירונגס-פאַפּיר, דריי פאָר שקאַרפעטקעס, צוויי, דריי קנעפלעך, וואָס האָבן זיך אים אָפּגעריסן פון די הויזן, און די קאַפּאָטע, וואָס איז שוין דעם לעזער באַקענט.

ווער עס האָט דאָס אַלץ געירשנט, ווייסט איין גאָט: וועגן דעם, בין איך מיך מודה, האָט זיך דער דערציילער פון דער דאָזיקער געשיכטע אויך נישט אינטערעסירט.

אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן האָט מען אָוועקגעפירט און באַגראָבן.

און פעטערבורג איז געבליבן אָן אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן, פונקט ווי ער וואָלט דאָרט גאָר קיינמאָל נישט געווען.

עס איז נעלם געוואָרן און פאַרשוווּנדן אַ באַשעפעניש, פון קיינעם נישט באַשיצט, פאַר קיינעם נישט קיין טייערס, פאַר קיינעם נישט אינטערעסאַנט, וועלכעס האָט אפילו נישט געווענדט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם נאַטורפאָרשער, וואָס לאָזט נישט דורך אפילו קיין געוויינטלעכע פליג, ער זאָל זי נישט אַרויפזעצן אויף אַ שפּילקע און זי באַטראַכטן דורך אַ פאַרגרעסער-גלאָז, — אַ באַשעפעניש, וואָס האָט הכנעהדיק אַריבערגעטראָגן דאָס קאַנצעלאַרישע חוזק-מאַכן און וואָס איז אָן אַ שום אויסערגעוויינטלעכער טאַט אַראָפּ אין קבר אַרײַן, נאָר פאַר וועלכן עס האָט פונדעסטוועגן, כאָטש פאַרן סאַמע סוף פונם לעבן דאָך אויפגעשיינט אַ ליכטיקער נאַסט אין געשטאַלט פון אַ שינעל און דאָס אָרימע לעבן כאָטש אויף איין רגע לעבעדיקער געמאַכט; אויף וועלכן עס האָט זיך דערנאָך אויך אַזוי אומדערטרעגלעך אַראָפּגעלאָזט דאָס אומגליק, פונקט אַזוי ווי עס לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קעפּ פון די גדולים פון דער וועלט!...

עטלעכע טעג נאָך זיין טויט, האָט מען צו אים אַהיים געשיקט פון דעפּאַרטאַמענט אַ סטרוזש מיט אַ באַפעל זיך תיכף צו מעלדן: דער נאַטשאַלניק, הייסט עס, פאָדערט אים; נאָר דער סטרוזש האָט געמוזט צוריקקומען מיט גאָרנישט, אָפּגעבנדיק אַ ראַפּאָרט, אַז ער קען מער נישט קומען, און אויף דער פראַגע: „פאַרוואָס?", האָט ער זיך אויסגעדריקט מיט די ווערטער: „ווייל אַזוי: ער איז שוין געשטאָרבן, שוין דעם פערטן טאָג באַגראָבן".

אַזוי אַרום איז מען געוואויר געוואָרן וועגן אַקאַקי אַקאַקיעוויטשעס טויט, און אויפן אַנדערן טאָג איז שוין אויף זיין אָרט געזעסן אַ נייער באַאַמטער, אַ סך אַ העכערער לויט דער וווּקס, וועלכער האָט געשריבן די אותיות שוין נישט מיט אַזאַ גלייכער האַנטשריפט, נאָר אַ סך אָנגעבויגענער און קרומער.

נאָר ווער וואָלט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז נאָך נישט אַלץ וועגן אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן, אַז עס איז אים באַשערט געוואָרן נאָכן טויט רויִשיק דורכצולעבן עטלעכע טעג, פּונקט ווי אַלס באַלוינונג פאַר זיין דורך קיינעם נישט באַמערקטן לעבן? נאָר אַזוי איז עס געשען, און אונדזער געשיכטע באַקומט אומדערוואַרטעט אַ פאַנטאַסטישן סוף.

איבער פעטערבורג האָבן זיך צעטראָגן קלאַנגען, אַז בײַ דער קאַלינקינער בריק און אַ סך ווייטער האָט זיך באַנאַכט אָנגעהויבן באַווייזן אַ טויטער אין געשטאַלט פון אַ באַאַמטן, וועלכער זוכט עפּעס אַ געגנבעטן שינעל, און אונטער דער אויסרייד פונם געגנבעטן שינעל, ציט ער אַראָפּ פון יעדן איינעם, נישט אונטערשיידנדיק קיין טיטול און קיין ראַנג, אַלערליי שינעלן: קעצענע, ביבערנע, וואַטענע, טכויערנע, פוקסענע, בערענע פעלצן, — מיט איין וואָרט, אַלערליי מינים פוטערס און פעלן, וואָס מענטשן האָבן נאָר אויסגעטראַכט צום פאַרדעקן זייער אייגענע.

איינער פון די דעפּאַרטאַמענט-באַאַמטע האָט מיט זיינע איי-

בענע אויגן געזען דעם טויטן און האָט באַלד אין אים דערקענט אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן; נאָר דאָס האָט פונדעסטוועגן אויף אים אָנגעיאָגט אַזאַ שרעק, אַז ער האָט זיך מיט אַלע כּוחות געלאָזט לויפן און דעריבער אים נישט געקענט גוט באַטראַכטן, און ער האָט בלויז נאָר געזען, ווי יענער האָט צו אים פונדערווייטנס געדראָט מיטן פינגער.

פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן כּסדר אָנצוקומען אָנקלאַגעס, אַז די פּלייצעס מיט די אַקסלען, וואָלט כאָטש געווען פון בלויז טיטול־ראַטן, נאָר אפילו אויך פון הויף־ראַטן זענען אויסגעשטעלט פולשטענדיק פאַרקילט צו ווערן, צוליב דער סיבה פונם אָפטן אַראָפּציִען די שינעלן.

אין פּאָליציי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדנונג צו כאַפּן דעם טויטן, ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן, און באַשטראָפן אים, אַלס ביישפּיל פאַר די איבעריקע, אויפן שטרענגסטן אופן, און דאָס האָט זיך שיעור נישט געהאַט איינגעגעבן. נעמלעך, דער זעלבער פון איין רעוויר עפּעס, אין קירושקינער געסל, האָט שוין שיִער נישט געהאַט געכאַפּט דעם טויטן באַם קאָלנער, אויפן אָרט פון דער רויבעריי גופא, באַם פּרווו אַראָפּצוכאַפּן אַ פרעזענעם שינעל באַ עפּעס אַ דימיסיאָנירטן מוזיקאַנט, וואָס האָט אַמאָל אין זיין צייט געפייפט אויף אַ פלייט. אָנכאַפּנדיק אים באַם קאָלנער, האָט ער מיט זיין שרייען אַרויסגערופן אַנדערע צוויי חברים זיינע, און איבערגעגעבן זיי צו האַלטן אים, און אַליין איז נאָר ער אויף איין מינוט אַריינגעקראָכן מיט דער האַנט אין דער כאָליעווע אַריין, כּדי אַרויסצוציִען פון דאָרט דאָס שקעטעלע מיטן טאַבעק און דערפרישן אויף אַ וויילע די נאָז זיינע, וואָס איז אין זיין לעבן אַ זעקס מאָל אָפּגעפרווירן געוואָרן; נאָר דער טאַבעק איז געווען פון אַזאַ מין סאָרט, וועלכן דער טויטער אפילו האָט נישט געקענט פאַרטראָגן. דער זעלבער האָט נישט באַ־

וויזן, צוהאַלטנדיק מיטן פינגער דאָס רעכטע נאָז־לאָך זיינס, אַ צי טאָן מיטן לינקן אַ האַלבע פויסט טאַבעק, דער טויטער טאָן צו טאַרן האָט אַ ביס געטאָן אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיי אַלע דריי געגעבן אַ פאַרשפּריץ די אויגן. אַזוי ווי זיי האָבן נאָר צוגעטראָגן די פויסט צו זיך אויסצווישן די אויגן, איז דער טויטער פאַרשוווּנדן געוואָרן, אַז זיי האָבן אפילו נישט געוווּסט, צי איז ער טאַקע באמת געווען אין זייערע הענט.

פון דאַמאָלס אָן איז אויף די זעלבער אַנגעפאַלן אַזאַ מורא פאַר טויטע, אַז זיי פלעגן זיך אפילו שרעקן צו כאַפּן לעבעדיקע און פלעגן נאָר פונדערווייטנס שרייען: „היי, דו, גיי דיר דיין וועג!“ און דער טויטער באַאַמטער האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן אפילו נאָך דער קאַלינקינער בריק, אָנטאָגנדיק אַ גרויסע מורא אויף אַלע שרעקעדיקע מענטשן.

נאָר מיר האָבן דערווייל איינגאַנצן פאַרגעסן אָן דער וויכטיקער פּערזענלעכקייט, וועלכע איז אין דער אמתן כמעט ווי געווען די סיבה פון דער פאַנטאַסטישער ריכטונג פון דער געשיכטע, וואָס איז אגב איינגאַנצן אַן אמתדיקע.

פאַר אַלעם, מוז מען זאָגן, ווי עס פאָדערט דאָס געוויסן, אַז די איינע וויכטיקע פּערזענלעכקייט האָט באַלד נאָכן אַוועקגיין פונם אָרימען אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן, וואָס איז דורך אים געמאַכט געוואָרן צו שטויב, דערפילט עפּעס ענלעכס צו רחמנות, מיטגעפיל איז אים נישט פרעמד געווען; צו זיין האַרץ זענען צוגענגלעך געווען אַ סך גוטע געפילן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיין ראַנג האָט זייער אָפט געשטערט זיי זיך אַרויסצווייזן.

ווי נאָר דער צוגערייזטער פריינט זיינער איז אַרויסגעגאַנגען פון קאַבינעט, האָט ער זיך אפילו פאַרטראַכט וועגן אָרימען אַקאַקי אַקאַקיעוויטש און פון דאַמאָלס אָן האָט זיך אים כמעט יעדער טאָג פאָרגעשטעלט דער אָרימער אַקאַקי אַקאַקיעוויטש, וואָס האָט נישט

געקענט אויסהאַלטן דעם אַמטלעכן סילוק. דער געדאַנק וועגן אים האָט אים אויף אַזוי ווייט באַאומרויִקט, אַז אין א וואָך אַרום האָט ער אפילו באַשלאָסן צו שיקן צו אים אַ באַאַמטן געוויר ווערן, וואָס איז מיט אים און ווי אַזוי, און צי איז אים נישט מעגלעך באמת אַקעגנצוקומען מיט עפּעס; און ווען מען האָט אים געמאָלדן, אַז אַקאַקי אַקאַקיעוויטש איז פּלוצלינג געשטאַרבן אין היץ, איז ער אפילו געבליבן דערשיטערט, ער האָט געהאַט געוויסנסביסן און איז אַ גאַנצן טאָג געווען שלעכט געשטימט. ווילנדיק זיך אַ ביסל צעשטרייען און פאַרגעסן דעם אומאָנגענעמען איינדרוק, איז ער אַוועק אויף אַן אָוונט צו איינעם פון זיינע פריינט, בּאַ וועמען ער האָט געטראָפן אַ היפּשע געזעלשאַפט, און וואָס ס׳איז נאָך בעסער, אַלע זענען דאָרט געווען כּמעט פון איינעם און דעם זעלבן ראַנג, אַזוי אַז ער האָט לחלוטין מיט גאָרנישט געדאַרפט זיין געבונדן. דאָס האָט געהאַט אַ וווּנדערלעכע ווירקונג אויף זיין שטימונג. ער איז אויפגעהייטערט געוואָרן, פריינטלעך געוואָרן אין געשפּרעך, ליבלעך, — מיט איין וואָרט, ער האָט פאַרבראַכט דעם אָוונט זייער אָנגענעם.

באַם נאַכט-מאָל האָט ער אויסגעטרונקען אַ צוויי גלעזער שאַמפּאַנער, — אַ מיטל, וואָס ווירקט, ווי עס איז באַוווּסט, נישט שלעכט אין דער הינזיכט פון פריילעכקייט. דער שאַמפּאַנער האָט אים פאַרשאַפט אַ שטימונג צו פאַרשידענע עקסטרעמקייטן, און נעמלעך: ער האָט באַשלאָסן נישט צו פאָרן דערווייל אַהיים, נאָר צו פאָרן צו איין באַקאַנטע דאַמע, קאַראָלינאַ איוואַנאָוונאַ, אַ דאַמע, דאַכט זיך, פון דייטשישער אָפּשטאַמונג, מיט וועלכער ער פלעגט האָבן פולשטענדיק פריינטשאַפטלעכע באַציִונגען.

זאָגן מוז מען, אַז די וויכטיקע פּערזענלעכקייט איז געווען שוין נישט קיין יונגער מענטש, אַ גוטער מאַן, אַ בכּבודיקער פאַמיליען-פאָטער. צוויי זון, פון וועלכע איינער האָט שוין געדינט אין אַ קאַנצעלאַריע, און אַ חנעוודיקע, זעכצניעריקע טאָכטער מיט אַן

עטוואָס אויסגעבויגן, נאָר גאַנץ שיין נעזל, פלעגן אַריינקומען יעדן טאָג אים קושן די האַנט, צוזאָגנדיק: „Bonjour papa“ (גוט מאָרגן פּאַפּאַ). די פרוי זיינע, אַ פרוי נאָך אַ גאַנץ פרישע, און אפילו גאָר־נישט קיין מיאוסע, פלעגט אים פריִער דערלאַנגען איר האַנט צום קושן און דערנאָך, איבערדרייענדיק זי אויף דער אַנדערער זייט, פלעגט זי אַ קוש טון זיין האַנט.

נאָר די וויכטיקע פערזענלעכקייט, זייענדיק אגב גאָר צופרידן פון די היימישע פאַמיליען־צערטלעכקייטן, האָט געהאַלטן פאַר אָנשטענדיק צו האָבן אויף חברישע באַציִונגען אַ פריינדין אין אַנדערן עק שטאָט. די דאָזיקע פריינדין איז קיין האָר נישט שענער און נישט יינגער געווען פון זיין פרוי; נאָר אַזעלכע רעטענישן זענען שוין פאַראַן אויף דער וועלט, און משפטן וועגן זיי איז נישט אונדזער זאַך.

און אַזוי איז די וויכטיקע פערזענלעכקייט אַראָפּגעגאַנגען פון די שטיגן, אַריינגעזעצן אין שליטן און אַ זאָג געטון צום קוטשער:

— צו קאַראָלינאַ איוואַנאָוונאַ!

און אַליין, אַרומהילנדיק זיך גאַנץ בהרחבֿהדיק מיט זיין וואַרעמען שינעל, איז ער פאַרבליבן אין יענער אָנגענעמער לאַגע, פון וועלכער מען קען שוין גאָר קיין בעסערס נישט אויסטראַכטן פאַר קיין רוסישן מענטש, דאָס הייסט, ווען דו אַליין קלערסט וועגן נאָרנישט, און דערווייל קריכן זיך די געדאַנקען אַליין אין קאָפּ אַריין, איינער אָנגענעמער פאַרן צווייטן, נישט אָנטועענדיק אים אפילו קיין מי זיך צו יאָגן נאָך זיי און צו זוכן זיי.

פול מיט פאַרגעניגן, האָט ער זיך צו ביסלעך דערמאַנט אַלע פריילעכע מאָמענטן פון דעם פאַרברענגטן אָוונט, אַלע ווערטער, וועלכע האָבן געצוווּנגען צו לאַכן די קליינע געזעלשאַפט; טייל פון זיי האָט ער אפילו איבערגעחזרט און האָט איינגעפונען, אַז זיי זענען נאָך אַלץ אַזוי לאַכעדיק ווי פריִער, און דעריבער איז גאָר

קיין ווונדער נישט, וואָס ער אַליין האָט זיך האַרציק אונטערגעלאַכט. פון צייט־צו־צייט האָט אים כּונדעסטוועגן געשטערט דער פּלוצימדיקער ווינט, וועלכער האָט זיך ראַפּטום אָפּגעריסן, גאָט ווייסט פונוואַנען, און נישט צו וויסן פאַרוואָס, און אַזוי אים געריסן אין פּנים, אַריינוואַרפנדיק אים אַהין שטיקער שניי, אַריבערוואַרפנדיק אים דעם קאָלנער פון שינעל ווי אַ שיף־זעגל, אָדער פּלוצלינג אַרויפוואַרפנדיק אים אויפן קאָפּ אַרויף מיט אַן אומנאַטירלעכער קראַפט און פאַרשאַפנדיק אים אַזוי אַרום כּסדרדיקע צרות מיטן אַרויספּלאָנטערן זיך פון אים.

פּלוצלינג האָט די וויכטיקע פּערזענלעכקייט דערפילט, אַז עמעץ האָט אים גאַנץ פעסט אָנגעכאַפּט באַם קאָלנער. אויסדרייענדיק זיך האָט ער דערזען אַ מענטש פון קליינעם וווקס אין אַן אַלטן אָפּגעטראָגענעם וויצע־מונדיר און מיט שרעק דערקענט אין אים אַקאַקי אַקאַקיעוויטשן. דעם באַאַמטנס פּנים איז געווען ווייס ווי שניי און ער האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער טויטער. נאָר די שרעק פון דער וויכטיקער פּערזענלעכקייט איז איבערגעשטיגן אַלע גרענעצן, ווען ער האָט דערזען, אַז דעם טויטנס מויל האָט זיך פאַרקרומט און שרעקלעך אַ הויך טועַנדיק אויף אים מיטן ריח פון קבר, האָט ער אַרויסגעברענגט אַזעלכע רייד:

— אַ, אָט ביסטו ענדלעך דאָ ענדלעך האָב איך דיך דאָס אָנגעקרוגן באַם קאָלנער! דיין שינעל אָט דאַרף איך טאַקע! האָסט דיך נישט באַמיט וועגן מיינעם, מיר דערצו נאָך אָנגעסילוקט — גיב־זשע אַהער אַצינד דיינעם!

די אָרימע וויכטיקע פּערזענלעכקייט איז שיִער נישט געשטאָרבן. ווי פול מיט כאַראַקטער ער איז נישט געווען אין קאַנצעלאַריע און בכלל קעגן קלענערע פון זיך, און כאָטש אַ קוקטועַנדיק בלויז אויף זיין מענישן אויסזען און זיין פיגור פלעגט יעדערער זאָגן: „אַך, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער!" נאָר דאָ האָט ער־

פונקט ווי אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן אַ העלדישע פיגור, דערפילט אזא מורא, אַז נישט אָן אַ סיבה, האָט ער זיך אפילו אָנגעהויבן שרעקן פאַר עפעס א פלוצימדיקן קרענק-אָנפאַל. ער האָט אפילו אליין וואָס שנעלער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שינעל זיינעם און א געשריי געטון צום קוטשער נישט מיט זיין קול:

— שנעל, מיט איין אָטעם אַהיים!

דער קוטשער דערהערנדיק דאָס קול, וועלכעס ווערט אַרויס-געברענגט אין אַנטשיידענע מינוטן און ווערט אפילו באַגלייט מיט עפעס נאָך מער ווירקנדיקס, האָט אויף יעדן פאַל באַהאַלטן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, אַ פּאָך געטון מיט די בייטש און זיך אַ טראָג גע־ון פייל פון בויגן. אין אַ מינוט זעקס אַרום מיט עפעס איז די וויכטיקע פערזענלעכקייט געווען פאַרן צופאַר פון זיין הויז.

בלאַס, דערשראָקן און אָן דעם שינעל איז ער אָנשטאָט צו קאַראָלינאַ איוואַנאָוונאַ געקומען צו זיך אַהיים, זיך קוים דער-שלעפט צו זיך אין צימער אַריין און פאַרברענגט די נאַכט אין אַ זייער גרויסן אומאָרדנונג, אַזוי אַז צומאָרגנס אינדערפרי בּאַ דער טיי האָט אים די טאָכטער גלייך אַ זאָג געטון: „דו ביסט היינט אינגאַנצן בלאַס, פּאַפּאַ". נאָר דער פּאַפּאַ האָט געשוויגן און קיינעם קיין וואָרט נישט געזאָגט, וואָס מיט אים איז געשען, און ווו ער איז געווען, און וווהין ער האָט געוואָלט פאָרן.

די דאָזיקע געשעעניש האָט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט אפילו אַ סך זעלטענער אָנגעהויבן צו זאָגן צו זיינע אונטערטעניקע: „ווי וואַגט איר? באַגרייפט איר, וועמען איר האָט פאַר זיך?" אויב ער פלעגט עס יאָ אַרויסברענגען, איז שוין נישט, ווי אויסהערנדיק צוערשט, אין וואָס עס האַנדלט זיך.

נאָר נאָך מערקווירדיקער איז דאָס, וואָס פון יענער צייט אָן האָט זיך פולשטענדיק אויפגעהערט צו באַווייזן דער טויטער

באַאמטער: ווייזט אויס, אַז דעם גענעראַלס שינעל איז אים פּונקט געווען צו דער מאָס: אַלנפאַלס איז שוין אין ערגעץ נישט געווען צו הערן פון אַזעלכע פאַלן, אַז מ׳זאָל פון וועמען אַראָפּרייסן שינעלן. איבעריקנס האָבן זיך נאָך אַ סך פּאַרטועגע און פאַרזאָרגטע מענטשן בשום אופן נישט געוואָלט באַרויקן און פלעגן אַלץ איינעם רעדן, אַז אין די ווייטסטע טיילן פון שטאָט באַווייזט זיך נאָך אַלץ דער טויטער באַאמטער.

און באמת טאַקע, איין קאָלאָמנער זעלנער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, ווי פון הינטער איין הויז אַפּער האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ געשטאַלט; נאָר זייענדיק פון דער נאַטור אַ ביסל שוואַכלעך, אַזוי אַז איינמאָל האָט אַן איינפאַך דערוואַקסן חזרל, אַרויסלאָזנדיק זיך פון עפּעס אַ פּריוואַט הויז, אים אומגעוואָרפן אויף דער ערד צום גרעסטן געלעכטער פון אַלע פורמאַנעס, וואָס זענען געשטאַנען אַרום, פון וועלכע ער האָט אויפגעפאָדערט צו גראָשן אויף טאַבעק פאַרן דאָזיקן אָפּשפּעטן, — און אַזוי זייענדיק שוואַך, האָט ער זיך נישט דערוועגט עס אָפּצושטעלן, נאָר גלאַט אַזוי נאָכגעגאַנגען אין דער פינסטער אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דאָס געשטאַלט האָט זיך פּלוצלינג אומגעקוקט און, אָפּשטעלנדיק זיך, אַ פרעג געטון:

— און דו וואָס פאַרלאַנגסט?

און עס האָט זיך באַוויזן אַזאַ פויסט, וואָס מ׳קען אפילו בא קיין לעבעדיקע נישט געפינען.

דער זעלנער האָט געענטפערט: „גאָרנישט“, און האָט זיך באַלד אויסגעדרייט צוריק. דאָס געשטאַלט איז פונדעסטוועגן שוין געווען אַ סך העכער לויט דעם וווקס, האָט געטראָגן אומגעהייער גרויסע וואָנסעס, און שטעלנדיק דעם טריט, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, צו דער אָבוכאָווער בריק, איז עס פאַרשוווּנדן אין דער באַנאַכטיקער פינסטערניש.

די שרעקלעכע נקמה

I

עס רוישט, עס קאָכט די פאָרשטאָט פון קיעוו: עסאַול*) האָראָבעץ פייערט די חתונה פון זיין זון.

אַ סך מענטשן זענען זיך צונויפגעפאָרן צום עסאַול צו גאַסט. אַמאָליקע צייטן האָט מען ליב געהאַט גוט אַן עס צו טון, נאָך בעסער האָט מען ליב געהאַט אַ טרונק צו טון און נאָך בעסער האָט מען ליב געהאַט אַ הוליע צו טון. עס איז אויך געקומען צו רייטן דער זאַפּאָראָזשעץ מיקיטקאַ אויף זיין גניאַדע פערד גלייך פון אַ פריילעכער הולייקע אין פערעשליי-פעלד, וווּ ער האָט זיבן טעג און זיבן נעכט געפּאָיעט די קעניגלעכע שלאַכטשיצעס מיט רויט-וויין.

געקומען איז אויך דעם עסאַולס גוטער-ברודער דאַנילאָ בורולבאַש פון יענער זייט דניעפּר, וווּ זיין פּאַלחאַרק געפינט זיך צווישן צוויי בערג, מיט זיין יונג ווייב פּאַני קאַטערינאַ און זיין איינציקן זון.

די געסט האָבן באַוווּנדערט דאָס ליכטיקע פּנים פון דער פּאַני קאַטערינאַ, די שוואַרצע ברעמען ווי דייטשער סאַמעט, דאָס פּרעכטיקע קלייד, די ספּודניצע פון בלויען זיידנס, די שטיוועלעך

---

*) אַ קאָזאַקישער קאַפּיטאַן.

מיט די זילבערנע פּאָדקאָווקעס; אָבער נאָך מער האָט מען זיך געוואונדערט, וואָס דער אַלטער פּאָטער איז נישט געקומען צוזאַמען מיט איר. איינאײנציק יאָר האָט ער בלויז געוווינט אויף יענער זייט דניעפּר, און אויף איינאונצוואַנציק יאָר איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אָן אַ שום שפּאָר. ער איז צוריקגעקומען צו זיין טאָכטער ערשט דאַמאָלס, ווען זי האָט שוין געהאַט חתונה געהאַט און געבוירן אַ זון. ער וואָלט זיך געוויס אַנדערציילט אַ סך ווונדער, — און ווי דערציילט מען דאָס נישט, אָפּזייענדיק אַזוי לאַנג אין אַ פרעמד לאַנד! אַלץ איז דאָרט אַנדערש: די מענטשן זענען נישט די זעלבע, און קיין קריסטלעכע קלויסטערס איז נישט פאַרהאַן... נאָר ער איז נישט געקומען.

די געסט האָט מען צוגעטראָגן איינגעמאַכטס פון ראָזשענקעס מיט פלוימען און אַ קוכן אויף אַ היפּשן פּולמיסעק. די מוזיקאַנטן האָבן זיך אַ נעם געטון צו זיין אונטערשטער טייל, וואָס איז אָפּגעבאַקן געוואָרן מיטן געלט אינאיינעם, און בלייבנדיק אויף אַ ווײלע שטיל, האָבן זיי אַנידערגעלייגט לעבן זיך די צימבלען, די פידלען און די פייקלעך. דערווייל זענען די ווייבלעך און די מיידלעך, ווישנדיק די פּנימער מיט די אויסגענייטע טיכלעך, ווידער אַרויסגעטרעטן פון זייערע רייען; און די יונגען האָבן זיך, אַ כאַפּ טוענדיק באַ די באָקעס, שטאָלץ אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און גרייט געווען זיך אַ לאָז צו טון זיי אַנטקעגן, — אָבער דאָ האָט דער אַלטער עסאַול אַרויסגעטראָגן צוויי הייליקע בילדער צום בענטשן דאָס יונגע פּאָר.

די דאָזיקע בילדער זענען צו אים אָנגעקומען פונם הייליקן נזיר, דעם זקן באַרטאָלאָמעי. נישט רייך איז אויף זיי די באַקליידונג, עס בלאַנקט נישט קיין גאָלד, נישט קיין זילבער, נאָר קיין שום פינסטערע כּוחות וועלן נישט דערוועגן זיך צוצורירן צו יענעם, אין וועמענס הויז זיי געפינען זיך.

אויפהייבנדיק די בילדער אין דער הויך, האָט זיך דער עסאַול געגרייט צו זאָגן אַ קורצע תפילה... ווי עס האָבן פלוצלינג אַ געשריי געטון די איבערגעשראָקענע קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויף דער ערד, און באַלד נאָך זיי האָט זיך דער עולם אַ רוק געטון אויף צוריק און אַלע האָבן מיט שרעק געטייטלט מיט די פינגער אויף דעם קאָזאַק, וואָס איז געשטאַנען אינדערמיטן.

ווער ער איז אַזעלכער, האָט קיינער נישט געוווּסט. נאָר ער האָט שוין אָבער אָפּגעטאַנצט אַ העלדיש קאָזאַקל, און שוין באַוויזן פריילעך צו מאַכן דעם עולם, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט.

נאָר ווען דער עסאַול האָט אויפגעהויבן די הייליקע בילדער, האָט זיך פלוצלינג דעם קאָזאַקס גאַנצע פּנים פאַרענדערט: די נאָז איז אויסגעוואַקסן און זיך פאַרבויגן אין דער זייט, אַנשטאָט בלויע האָבן באַ אים אָנגעהויבן שפּרינגען גרינע אייגלעך, די ליפּן זענען בלוי געוואָרן, די גאָמבע האָט אָנגעהויבן ציטערן און זיך פאַרשפּיצט ווי אַ פּיקע, פון מויל האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שפּיציקער צאָן, פון הינטערן קאָפּ אַפּער האָט זיך אויפגעהויבן אַ הויקער, און פון קאָזאַק איז געוואָרן אַ זקן.

— דאָס איז ער! דאָס איז ער! — האָט מען געשריגן צווישן עולם, זיך ענג צודריקנדיק איינער צום אַנדערן.

— דער מכשף האָט זיך ווידער באַוויזן! — האָבן מוטערס געשריגן, אָנכאַפּנדיק באַ די הענט זייערע קינדער.

מאַיעסטעטיש און ווירדיק איז דער עסאַול אַרויסגעטרעטן פאָרויס און געזאָגט מיט אַ הויכער שטימע, אויפשטעלנדיק אַקעגן אים די הייליקע בילדער:

— פאַרשווינד, דו אָפּבילד פון שטן! נישט דאָ איז דיין אָרט! שיפּענדיק און אַ קריץ טוענדיק מיט די ציין ווי אַ וואָלף, איז פאַרשוווּנדן דער ווּנדערלעכער זקן.

און עס האָבן זיך אָנגעהייבן און אויפגערוישט ווי דער ים אין אַ געוויטער, גערעדערייען און מעשיות צווישן עולם.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מכשף? — האָבן יונגע, נישט־געניטע מענטשן געפרעגט.

— אַן אומגליק וועט זיין, — האָבן אַלטע געזאָגט שאָקלענדיק מיט די קעפּ.

און אומעטום איבער דער גאַנצער ברייט פונעם הויף האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצונעמען קופּקעלעך, אויסצוהערן די געשיכטעס וועגן דעם ווונדערלעכן מכשף, נאָר כמעט אַלע האָבן דערציילט פאַרשידן און עפּעס זיכערס וועגן אים האָט קיינער נישט געקענט דערציילן.

מען האָט אַרויסגעקאָליערט אויפן הויף אַ פעסל מעד און אַ שפּאָר ביסל עמערס גריכישן ווין האָט מען אויך געשטעלט. עס איז ווידער אַלץ פריילעך געוואָרן. די מוזיקאַנטן האָבן אויפגעשפּילט; מיידלעך, ווייבלעך, דאָס העלדישע קאָזאַקנטום אין די העלע זשופּאַנעס האָבן זיך אַ טראָג געטון. דאָס ניינציק־יעריקע און הונדערט־יעריקע אַלטוואַרג האָט זיך בגלופינדיק פאַר זיך אויך אַ לאָז געטון כאַפּן אַ טענצל, דערמאַנענדיק די יאָרן זייערע, וואָס זענען נישט פאַרלוירן געגאַנגען אומזיסט. מ'האָט געהוליעט ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין, און געהוליעט אַזוי, ווי היינט הוליעט מען שוין נישט.

די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין, נאָר גאָר ווייניק האָבן זיך אַהיימגעשלעפּט: אַ סך זענען געבליבן נעכטיקן באַם עסאַול אויפן ברייטן הויף; נאָר נאָך מער פון דעם קאָזאַקנטום זענען אַליין אומגעבעטן איינגעשלאָפן אונטער די בענק, אויף דער פּאַדלאָגע, לעבן דעם פערד, באַ דער חזיר־שטאַל, וווּ עס איז נאָר אַ פאַל געטון דער שיכורער קאָזאַקישער קאָפּ, דאָרט ליגט ער און שנאָרכט אויף גאַנץ קיעוו.

II

שטיל שײַנט איבער דער גאַנצער װעלט, דאָס האָט זיך די לבנה באַװיזן פון הינטערן באַרג אַפער. פונקט װי מיט אַ דמשקער טײַערער, שניי־װײַסער װאַל האָט זי באַדעקט דעם באַרגיקן ברעג פון דניעפער, און דער שאָטן אין אַװעק נאָך װײַטער אין געדיכטן סאָסנע־װאַלד אַרײַן.

אינמיטן דניעפער שװימט אַ שיפל, עס זיצן פון פאָרנס צװײ יונגען: די שװאַרצע קאָזאַקישע היטלען אויף אַ זײַט, און פון אונטער די װעסלעס, פונקט װי פון שטאָל די פונקען, פליִען שפריצן אין אַלע זײַטן.

פאַרװאָס זינגען נישט די קאָזאַקן? אָדער רעדן נישט, װעגן דעם װי ס׳גײען שוין אַרום די קשיאָנדזעס איבער אוקראַיִנע און שמדן אויס דאָס קאָזאַקישע פאָלק אויף קאַטאָליקן, נישט װעגן דעם, װי די טאָטערן האָבן זיך צװײ טעג געשלאָגן בײַ דער געװאַלצענער אָזיערע?

װי זאָלן זײ באַזינגען, װי זאָלן זײ דערצײלן װעגן די העלדישע טאַטן? זײער פריץ דאַנילאָ האָט זיך פאַרטראַכט און דער אַרבל פון זײַן קאַרמעזינענעם זשופאַן האָט זיך אַראָפגעלאָזט פון שיפל און שעפט דאָס װאַסער; זײער פריצע קאַטערינאַ װיגט שטיל

דאָס קינד און לאָזט פֿון אים קיין אויג נישט אַראָפּ, און אויף איר פּרעכטיקן קלייד, וואָס איז נישט פּאַרדעקט מיט דער לייוונט, לייגט זיך דאָס וואַסער ווי אַ גרויער שטויב.

ליב איז צו קוקן פֿון מיטן דניעפּר אויף די הויכע בערג, אויף די ברייטע לאָנקעס, אויף די גרינע וועלדער! די בערג זענען קיין בערג נישט, קיין אָנהייב האָבן זיי נישט, פֿון אונטן ווי־אויך פֿון אויבן אַ שפּיציקער קאָפּ, און אונטער זיי און איבער זיי אַ הויכער הימל. די וועלדער, וואָס שטייען אויף די בערגלעך, זענען קיין וועלדער נישט; דאָס זענען די האָר, וואָס זענען אָנגעוואַקסן אויפֿן צעפּלאָשעטן קאָפּ פֿונם וואַלד־זיידן; אונטער אים וואַשט זיך אין וואַסער די באָרד און אונטער דער באָרד און איבער די האָר אַ הויכער הימל. די לאָנקעס זענען קיין לאָנקעס נישט; דאָס איז אַ גרינער גאַרטל, וואָס האָט אין דערמיטן אַרומגעגאַרטלט דעם קײַלעכדיקן הימל; און אין דער אייבערשטער העלפֿט און אין דער אונטערשטער העלפֿט שפּאַצירט אַ לבנה.

פּאַן דאַנילאָ קוקט נישט אין די זייטן, ער קוקט אויף דעם יונגן ווײַב זײַנעם.

— וואָס האָסטו דיך, מײַן יונג ווײַבל, מײַן גאָלדענע קאַטערינאַ, אַרײַנגעלאָזט אין טרויער.

— נישט אין קיין טרויער, האָב איך מיך אַרײַנגעלאָזט, פּאַן מײַנער דאַנילאָ! מיך האָבן אָנגעשראָקן די וווּנדערלעכע מעשׂיות וועגן מכשף. מ׳זאָגט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אַזאַ שרעקלעכער... און קיין שום קינד האָט פֿון קליינווײַז אָן נישט געוואָלט זיך שפּילן מיט אים. הער נאָר, פּאַן דאַנילאָ, ווי שרעקלעך מ׳דערציילט: אַז עס זאָל זיך אים אַלץ האָבן אויסגעדאַכט, אַז אַלע לאַכן פֿון אים. טרעפֿט ער זיך אַמאָל אין אַ טונקעלן אָוונט מיט אַ מענטש, און באַלד דאַכט זיך אים אויס, אַז יענער עפֿנט דאָס מויל און שטשירעט די ציין, און אויפֿן אַנדערן טאָג פֿלעגט מען געפֿינען

יענעם מענטש אַ טויטן. ס'איז מיר ווונדערלעך, ס'איז מיר שרעקלעך געווען, ווען כ'האָב די דאָזיקע מעשיות געהערט, — האָט געזאָגט קאַטערינאַ, אַרויסנעמענדיק דאָס טיכל, און אָפּווישנדיק דערמיט דאָס פּנים פונם קינד, וואָס איז געשלאָפן אויף דער האַנט.

אויפן טיכל זענען מיט רויטן זייד געווען אויסגענייט בלעטער און יאַגאָדעס.

פּאַן דאַנילאָ האָט קיין וואָרט נישט גערעדט, און זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו דער פינסטערער זייט, וווּ ס'האָט זיך ווייט פון הינטערן וואַלד אָפּגעשוואַרצט אַן ערד־וואַל, פון הינטערן וואַל אָפּער האָט זיך אויפגעהויבן אַן אַלטער שלאָס. איבער זיינע ברעמען האָבן זיך מיט אַ מאָל אויסגעשניטן דריי קנייטשן, און די לינקע האַנט האָט געגלעט די העלדישע וואָנסעס.

— נישט אַזוי שרעקלעך איז דאָס, וואָס ער איז אַ מכשף — האָט ער געזאָגט: — ווי עס איז שרעקלעך דאָס, וואָס ער איז נישט קיין גוטער גאַסט. וואָס איז אים עפּעס איינגעפאַלן זיך דאָ אַהערצושלעפּן? איך האָב געהערט, אַז די ליאַכעס ווילן בויען עפּעס אַ פעסטונג, כדי אונדז אָפּצושניידן דעם וועג צו די זאַפּאָראָזשצעס. זאָל עס נאָר אמת זיין... אַ תל וועל איך אים מאַכן פון זיין טייוואָלאַנישער נעסט, אויב ס'וועט זיך נאָר דערהערן אַ שאָרך, אַז ער האַלט אויף עפּעס אַ קנייפּיע. פאַרברענען וועל איך אים, דעם אַלטן מכשף, אַזוי, אַז פאַר די קראָען וועט אפילו גאָרנישט איבערבלייבן. איך מיין נאָך אַלעמען, אַז ער מוז האָבן גאָלד און אַנדערע גוטע זאַכן. אָט ווי ער וווינט, דער דאָזיקער טייוול! קוים געפינט זיך בא אים גאָלד... מיר וועלן באַלד פאַרביישווימען לעבן צלמים — דאָרט איז אַ צמענטער. דאָרט פוילן די פאַרשאָלטענע זיידעס זיינע. מ'זאָגט, אַז זיי זענען אַלע גרייט געווען צו פאַרקויפן זיך דעם טייוול פאַר אַ גראָשן מיט די נשמות און מיט

די אָפּגעריסענע זשופּאַנעס אינאײנעם. אויב האָט ער טאַקע באמת גאָלד, טאָר מען איצט נישט פאַרלירן קיין צייט. נישט שטענדיק געלינגט אָנצוקריגן אויף דער מלחמה...

— איך ווייס וואָס דו פּלאַנסט: דײַן באַגעגענען זיך מיט אים, זאָגט מיר נישט פאָר קיין גוטס. נאָר דו אָטעמסט אַזוי שווער, דו קוקסט אַזוי שטרענג, די ברעמען דײַנע האָבן זיך אַזוי שווער אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן...

— שווייג, באַבע! — האָט דאַנילאָ אַ זאָג געטון מיט האַרץ — ווער ס'האָט מיט אײַך צו טון, ווערט אַליין אויך אַ באַבע. יי נגל, גיב מיר אַהער פייער אין דער לולקע אַרײַן!

דאָ האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אײנעם פון די שיפערס, וועלכער האָט אַרויסגעקלאַפּט פון זײַן לולקע אַ פונק פייער און אים געגומען אַריבערלייגן אין זײַן פריצס לולקע אַרײַן.

— שרעקט מיך מיטן מכשף! — האָט פאַן דאַנילאָ ווייטער גערעדט: — אַ קאָזאַק האָט, דאַנקען גאָט, פאַר קיין טײַוולאָנים און פאַר קיין קשיאָנדזעס קיין מורא נישט. אַ סך וואָלט מען דאָס אויפגעטון, אויב מען וואָלט אָנגעהויבן האָרכן די ווייבער. נישט אַזוי, יונגען! דאָס ווייב אונדזערס איז די לולקע און די שאַרפע שווערט!

קאַטערינאַ איז שטיל געבליבן און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן אין שלאָפנדיקן וואַסער אַרײַן; און דער ווינט האָט אַלע-מאָל אַ יאָג געטון, געררונצלט דאָס וואַסער, און דער גאַנצער דניעפּר האָט זיך געזילבער ווי אַ וואָלפישע פעל אינמיטן דער נאַכט.

דאָס שיפל האָט זיך אָנגעדרייט און זיך גענומען האַלטן אָן װאַלדיקן ברעג. אויפן ברעג האָט זיך געזען אַ צמענטער. אַלטע צלמים זענען געשטאַנען צונויפגעפאַקט אין אַ קופּע. קיין קאַלינע

יג

פאַן דאַנילאָס פאָלוואַרק געפינט זיך צווישן צוויי בערג אין אַ שמאָלן טאָל, וואָס גייט אַראָפּ צום דניעפּר. די באַוווינונג זיינע איז נישט קיין הויכע; דאָס הייזל איז לויטן אויסזען ווי בײַ אַלע פּשוטע קאָזאַקן, און דאָרט געפינט זיך נאָר איין שטוב, נאָר דאָרט איז פאַרהאַן גענוג אָרט אי פאַר אים, אי פאַר זיין ווייב, אי פאַר דער אַלטער באַדינערין, אי פאַר די צען געקליבענע יונגען.

אַרום די ווענט אין דער הייך ציען זיך דעמבענע פּאָלקעס, אויף זיי שטייען געדיכט אָנגעשטעלט שיסלען און טעפּ אויף די מאָלצייטן. עס געפינען זיך אויך צווישן זיי זילבערנע בעכערס און טשאַרקעלעך באַצירט מיט גאָלד, געשאָנקענע און דערוואָרבענע אין קריג. אַ ביסל נידעריקער הענגען טייערע מושקעטן, שווערדן, ביקסן, פּיקעס; מיט גוטן און מיט בייזן זענען זיי איבערגעגאַנגען פון טאָטערן, טערקן און ליאַכעס; זיי זענען דערפאַר נישט ווייניק אויסגעשטשערבעט. קוקנדיק אויף זיי, פלעגט זיך פאַן דאַנילאָ לויט די סימנים דערמאַנען אָן זיינע שלאַכטן. אונטן בײַ דער וואַנט זענען דאָ גלאַט-אָפּגעהיבלעוועטע, דעמבענע בענק; לעבן זיי, פאַר דער שלאָפבאַנק, הענגט אַ וויגל אויף שטריק, וועלכע זענען דורכגעצויגן דורך אַ רינג, וואָס איז אַריינגעשרויפט אין באַלקן.

אין דער גאַנצער שטוב איז די פּאָדלאָגע גלייך אויסגעקלאַפּט און אָפּגעשמירט מיט ליים. אויף די בענק שלאָפט פאַן דאַנילאָ מיטן ווייב; אויף דער שלאָפבאַנק די אַלטע באַדינערין; אין וויגל פאַרשפּילט זיך און שלעפט זיך איין דאָס קליינע קינד; אויף דער ערד צונויפגעפּרעסט שלאָפן די יונגען.

נאָר פאַר אַ קאָזאַק איז בעסער צו שלאָפן אויף דער גאָלער ערד, אונטערן פרייען הימל; ער דאַרף קיין אונטערבעט, קיין איבערבעט נישט. ער לייגט זיך אונטער אונטערן קאָפּ פריש היי און ציט זיך פריי אויס אויפן גראָז. אים איז פריילעך, אויפכאַפּנדיק זיך אינמיטן דער נאַכט, אַ קוק צו טון אויפן הויכן אויסגעשטערנטן הימל און אַ ציטער צו טון פון דער נאַכטיקער קעלט, וואָס ברענגט אַריין אַ פרישקייט אין די קאָזאַקישע ביינדעלעך; אויסציענדיק זיך און ברומענדיק פון שלאָף, פאַררייכערט ער די ליולקע און וויקלט זיך פעסטער איין אין וואַרימען פעלץ.

נישט גאָר פרי האָט זיך בורולבאַש אויפגעכאַפּט נאָך דער נעכטיקער שמחה און אויפשטייענדיק, האָט ער זיך געזעצט אין ווינקל אויף אַ באַנק און אָנגעהויבן אָנשאַרפן די נייע אויסגעביטענע טערקישע שווערט; און פאַני קאַטערינאַ האָט זיך גענומען אויסנייען אַ זיידן האַנטוך מיט גאָלד.

פּלוצלינג איז אַריינגעקומען קאַטערינאַס פאָטער, אַ בייזער, אַן אָנגעברוגזטער, מיט אַן אויסלענדישער ליולקע צווישן די ציין, ער איז צוגעגאַנגען צו דער טאָכטער און האָט זי אָנגעהויבן שטרענג אויסצופרעגן: וואָס איז די סיבה דערפון, וואָס זי איז אַזוי שפּעט אַהיימגעקומען.

— וועגן די דאָזיקע זאַכן, שווער, פרעגט מען נישט זי, נאָר מיך! נישט דאָס ווייב, נאָר דער מאַן איז פאַראַנטוואָרטלעך. בא אונדז, זיי מיר מוחל, פירט זיך שוין אַזוי! — האָט דאַנילאָ

געזאָגט, נישט אָװעקלײגנדיק זײַן אַרבעט: — קען זײַן, אין אַנדערע אומגלויביקע לענדער איז נישט אַזוי, — איך װײס נישט.

אַ רויטקײט איז אַרויסגעטרעטן אויפֿן שװערס שטרענגן פּנים און די אויגן האָבן װילד אַ בליאַסק געטון.

— װער־זשע דען, אויב נישט דער פֿאָטער זאָל אָפּהיטן די שאָכטער זײַנע! — האָט ער געבורמעט צו זיך.

— נו, פֿרעג איך זשע דיך, װו האָסטו זיך אַרומגעשלעפּט ביז שפּעט אין דער נאַכט?

— אָ, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש, טײַערער שװער! אויף דעם װעל איך דיר ענטפֿערן, אַז איך בין שוין לאַנג אַרויס פֿון די װיקעלעך, איך װײס, װי אַזוי צו זיצן אויף אַ פֿערד, איך קען אויך האַלטן אין דער האַנט אַ שװערט אַ שאַרפֿע, און נאָך עפּעס קען איך... איך קען אויך קײנעם נישט אָפּגעבן קײן חשבון פֿון דעם, װאָס איך טו.

— איך זע, דאַנילאָ, איך װײס, דו װילסט קריג! װער עס באַהאַלט אין זיך, דער האָט געװיס אויפֿן געדאַנק עפּעס נישט קײן גוטס.

— קלער דיר, װי דו װילסט, — האָט דאַנילאָ געזאָגט: — און איך קלער מיר אויך. איך בין נאָך דאַנקען גאָט, אין קײן אײן אומערלעך געשעפֿט נישט פֿאַרמישט געװען, איך האָב שטענדיק פֿאַרטײדיקט דאָס פּראַװאָסלאַװנע גלויבן און דאָס פֿאָטערלאַנד, נישט אַזוי װי אַנדערע שלעפּערס, װאָס װאַלגערן זיך אַרום, גאָט װײסט װו; בשעת װען די גלויביקע שלאָגן זיך ביז צום טויט, קומען זײ דערנאָך אַראָפּנעמען די תּבֿואה, װאָס נישט זײ האָבן געזײעט. זײ זענען אפֿילו צו די אוניאַטן נישט ענלעך. קומען אפֿילו אין הײליקן קלויסטער נישט אַרײַן. אָט די דאָזיקע װאָלט מען געדאַרפֿט נאָכפֿרעגן װי ס'געהערט צו זײַן, װו זײ שלעפּן זיך ערגעץ אַרום.

— העי, קאָזאַק! צי ווייסטו... איך שיס שלעכט; קוים אויף הונדערט קלאַפטער די ווייט לעכערט דורך די קויל מיינע אַ האַרץ; איך האָב מיט דער שווערט אויך נישט איבעריק גוט: פון אַ מענטש בלייבן שטיקלעך קלענערע ווי די גרויפּן, פון וועלכע מען קאָכט קאַשע.

— איך בין גרייט, — האָט פּאַן דאַנילאָ אַ זאָג געטון, דרייסט דורכשניידנדיק די לופט מיט דער שווערט, פונקט ווי ער וואָלט געוווּסט, צו וואָס ער האָט זי אויסגעשאַרפט.

— דאַנילאָ! — האָט קאַטערינאַ אַ געשריי געטון, אָנכאַפּנ־דיק אים בײַ דער האַנט און אָנהעגענדיק זיך אָן איר: — באַטראַכט דיך, ביסט פון זין אַראָפּ, גיב אַ קוק, אויף וועמען הייבסטו אויף אַ האַנט! טאַטע, דיינע האָר זענען ווייס ווי דער שניי און דו האָסט זיך צעהיצט ווי אַ נאַריש יינגל!

— ווייב! — האָט פּאַן דאַנילאָ אַ בייזן געשריי געטון: — דו ווייסט, איך האָב נישט ליב אַזעלכעס; פאַרנעם דיך מיט דיינע ווייבערישע זאַכן!

די שווערטן האָבן שרעקלעך אַ קלונג געטון; אייזן האָט גע־האַקט אייזן, און מיט פונקען ווי מיט שטויב האָבן זיך די קאָזאַקן באַשאָטן. מיט אַ געוויין איז קאַטערינאַ אַריין אין אַ באַזונדערע שטוב, זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעט און פאַרשטאָפּט די אויערן, כּדי נישט צו הערן דאָס קלאַפּן פון די שווערטן.

נאָר נישט אַזוי שלעכט האָבן זיך די קאָזאַקן געשלאָגן, אַז מען זאָל קענען פאַרטויבן זייערע קלעפּ. איר האַרץ האָט זיך גע־וואָלט צעררייסן אויף שטיקער; איבערן גאַנצן לייב האָט זי געהערט, ווי עס זענען איר דורכגעגאַנגען די קלעפּ: טוק, טוק.

— ניין, כ׳וועל נישט איבערהאַלטן, כ׳וועל עס נישט איבער־האַלטן... עס קען זיין, אַז דאָרט פליסט שוין ווי אַ קוואַל דאָס

בלוט פון זיין ווייסן קערפּער; עס קען זיין, אַז איצט גייט דאָרט אויס מיין ליבער און איך ליג דאָ!

און אינגאַנצן אַ בלייכע, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, איז זי אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין.

רעגלמעסיק און שרעקלעך האָבן זיך געשלאָגן די קאָזאַקן; גיִשט דער, נישט דער נעמט קיין איבערמאַכט. אָט גרייפט אָן קאַטערינאַס פאָטער — פּאַן דאַנילאָ טרעט אָפּ; גרייפט אָן פּאַן דאַנילאָ — דער שטרענגער פאָטער טרעט אָפּ, — און ווידער אויף גלייך. זיי זעבען אויפגעקאָכט. זיך פאַרמאָסטן... אוי! די שווערטן קליַנגען... און מיט אַ געקלאַנג זענען די שאַרפן אַוועקגעפלויגן אין אַ זייט.

— איך דאַנק דיר, גאָט! — האָט קאַטערינאַ אַ זאָג געטון און ווידער אויסגעשריגן, דערזעענדיק, אַז די קאָזאַקן נעמען זיך צו די מושקעטן. האָבן אָנגעשטעלט די שלעסער, אָנגעצויגן די צינגלעך.

פּאַן דאַנילאָ האָט אויסגעשאָסן — נישט געטראָפן. דער פאָטער האָט זיך אָנגעצילט... ער איז אַלט, ער זעט נישט אַזוי שאַרף ווי אַ יונגער, פונדעסטוועגן ציטערט נישט די האַנט זיינע.

אַ שאָס האָט אַ קנאַל געטון... פּאַן דאַנילאָ האָט זיך אַ וויג געטון; דאָס רויטע בלוט האָט אָפּגעפאַרבט דעם לינקן אַרבל פון קאָזאַקישן זשופּאַן.

— ניין! — האָט ער אַ געשריי געטון: — נישט אַזוי ביליק וועל איך מיך פאַרקויפן, נישט די לינקע האַנט, נאָר די רעכטע רעגירט. העַנגט דאָ בײַ מיר אויף דער וואַנט אַ טערקישער פּיסטאָלעט: קיין איין מאָל אין מיין לעבן האָט ער מיך נאָך נישט פאַראַטן. קום אַראָפּ פון דער וואַנט, אַלטער חבר! דין אָפּ דיין פריינט מיט אַ טובה!

דאַנילאָ האָט אויסגעשטרעקט די האַנט.

— דאַנילאָ! — האָט קאַטערינאַ אויסגעשריגן אין פאַרצווייפלונג, אָנכאַפּנדיק אים בײַ די הענט און וואַרפנדיק זיך אים צו די פיס: — נישט פאַר מיר בעט איך, פאַר מיר בלײַבט נאָר איין סוף. נישטיק איז דאָס ווײַב, וועלכע לעבט נאָך איר מאַן: דער דניעפּר, דער קאַלטער דניעפּר וועט מײַן קבר זײַן. נאָר אויפן זון גיב אַ קוק דאַנילאָ! גיב אַ קוק אויפן זון! ווער וועט דאָס אומגליקלעכע קינד אָנוואַרעמען? ווער וועט עס צערטלען? ווער וועט אים אויסלערנען פליִען אויפן קאַרע פערד, קעמפן פאַר פרײַהייט, פאַרן גלויבן, טרינקען און הוליען ווי אַ קאָזאַק? גיי אויס, מײַן זון! גיי אויס! דײַן טאַטע וויל דיך נישט קענען! זע, ווי ער דרייט אַוועק זײַן פּנים. אָ, איצט קען איך דיך שוין! דו ביסט אַ חיה, נישט קיין מענטש, אַ האַרץ האָסטו פון אַ וואָלף, און אַ געדאַנק פון אַ כיטרער שלאַנג. איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט אַ פונק רחמנות אין דיר, אַז אין דײַן שטיינערנעם קערפּער טליִעט אַ מענטשלעך געפיל. מיאוס האָב איך מיך אָבער אָפּגענאַרט. דיר וועט עס פאַרשאַפן אַ פרייד, דײַנע ביינער וועלן אין קבר פאַר תענוג טאַנצן, ווען זיי וועלן דערהערן, אַז די פאַרשאָלטענע חיות, די ליאַכן, וואַרפן דײַן זון אין פײַער אַרײַן, ווען דער זון דײַנער וועט שרײַען אונטער די מעסערס. אָ, איך קען דיך! דו וואָלסט מיט פאַרגעניגן פון קבר אויפגעשטאַנען און מיטן היטל צעבלאָזן דאָס פײַער, וואָס וועט זיך צעפלאַקערן אונטער אים.

— שטיי, קאַטערינאַ! קום אַהער, מײַן טײַערע איוואַן, איך וועל דיר אַ קוש טון! ניין, קינד מײַנס, קיינער וועט נישט אָנרירן קיין הערעלע דײַנס. וועסט אויסוואַקסן צום רום פאַרן פאָטערלאַנד; ווי אַ ווינט וועסטו פליִען פאָרויס פאַר די קאָזאַקן מיט אַ סאַמעטן היטעלע אויפן קאָפּ, מיט אַ שאַרפער שווערט אין דער האַנט. גיב, טאַטע, די האַנט! לאָמיר פאַרגעסן, וואָס געווען צווישן אונדז. קום האָב איך איצט קעגן דיר עפעס נישט ערלעך געהאַנדלט,

וואַקסט נישט צווישן זיי, עס גרינט קיין גראָז נישט, נאָר די לבנה וואַרעמט זיי פון דער הימלישע הייך.

— צי הערט איר, יונגען, געשרייען? עמעץ רופט אונדז צוהילף! — האָט פאַן דאַנילאָ אַ זאָג געטון, זיך אויסדרייענדיק צו זיינע שיפערס.

— מיר הערן געשרייען, און דאַכט זיך אַז פון יענער זייט, — האָבן די יונגען מיט אַמאָל אַ זאָג געטון, אָנווייזנדיק צום צמענטער צו.

נאָר אַלץ איז אנטשוויגן געוואָרן. דאָס שיפל האָט זיך אויסגעדרייט און אָנגעהויבן אויסמייען דעם אַרויסגעשטאַרטן ברעג.

פלוצלינג האָבן די שיפערס נאָכגעלאָזט די וועסלעס און אומבאַוועגלעך אָנגעשטעלט די אויגן. פאַן דאַנילאָ האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. אַ שרעק און אַ קעלט האָט זיך אַריינגעשניטן אין די קאָזאַקישע אָדערן.

אויף אַ קבר האָט זיך אַ צלם אַ שאָקל געטון און שטיל האָט זיך פון דאָרט אויפגעהויבן אַן אויסגעדאַרטער מת. די באָרד ביזן גאַרטל, אויף די פינגער לאַנגע נעגל, נאָך לענגער פון די פינגער אַליין. שטיל האָט ער אויפגעהויבן די הענט אין דער הייך, דאָס גאַנצע פנים זיינס האָט אָנגעהויבן ציטערן און זיך אויסגעקרומט. ער האָט, ווייזט אויס, שרעקלעכע פּיין געליטן.

— ענג איז מיר, ענג! — האָט ער מיט אַ ווילדער אוממענטשלעכער שטימע אַרויסגעקרעכצט.

זיין קול האָט ווי מיט אַ מעסער געשניטן דאָס האַרץ, און דער מת איז פלוצלינג אַריין אין דער ערד אריין.

אַ צווייטער צלם האָט זיך אַ שאָקל געטון און עס איז ווידער אַרויס אַ מת, נאָך שרעקלעכער, נאָך העכער ווי דער פריערדיקער: איינגאַנצן באַוואַקסן; די באָרד ביז איבער די קניען, נאָך לענגער

די בײנערדיקע נעגל. נאָך װילדער האָט ער אַ געשרײ געטון:

— ענג איז מיר! — און איז אַרײַן אין דער ערד אַרײַן.

אַ דריטער צלם האָט זיך אַ שאָקל געטון, אַ דריטער מת האָט זיך אױפגעהױבן. ס'האָט אױסגעװיזן, װי בלױזע בײנער װאָלטן זיך אױפגעהױבן הױך איבער דער ערד. די באָרד איבער די סאַמע פּיס, די פינגער מיט די לאַנגע נעגל האָבן זיך אַרײנגעגראָבן אין דער ערד אַרײַן. ער האָט מוראדיק אױסגעשטרעקט די הענט אין דער הײך, װי ער װאָלט געװאָלט אָנכאַפּן די לבנה און אַ געשרײ געטון אַזױ, װי עמעצער װאָלט אים גענומען זעגן זײנע געלע בײנער...

דאָס קינד, װאָס איז געשלאָפן בײַ קאַטערינאַן אױף די הענט, האָט אַ געשרײ געטון און זיך אױפגעכאַפּט; די פּאַני אַלײן האָט אַ געשרײ געטון; די שיפערס האָבן פאַרלױרן די היטלען אין דניעפּר אַרײַן; דער פּאַן אפילו האָט אַ ציטער געטון.

אַלץ איז פּלוצלינג פאַרשװוּנדן געװאָרן, װי עס װאָלט קײנמאָל גאָרנישט געװען. פונדעסטװעגן, האָבן לאַנג די יונגען זיך נישט גענומען צו די װעסלעס. בורולבאַש האָט פאַרזאָרגט אַ קוק געטון אױפן יונגן װײב זײנעם, װעלכע האָט אין פּחד געשאָקלט אױף די הענט דאָס שרײַענדיקע קינד, ער האָט זי צוגעדריקט צום האַרץ און אַ קוש געטון אין שטערן.

— שרעק דיך נישט, קאַטערינאַ! זע, ס'איז גאָרנישט דאָ, — האָט ער אַ זאָג געטון, אָנװײַזנדיק אױף אַלע זײַטן. — דאָס װיל דער מכשף אָנשרעקן מענטשן, כּדי קײנער זאָל זיך נישט צוקריכן צו דער פאַרשאָלטענער נעסט זײַנער. נאָר בײַ װעמען װעט ער דערמיט אָפּשרעקן. גיב מיר אַהער דעם זון אױף דער האַנט!

בײַ די װערטער האָט פּאַן דאַנילאָ אױפגעהױבן דעם זון זײַנעם אין דערהײך און אים צוגעטראָגן צו די ליפּן.

— נו, איװאַן, דו האָסט נישט קײן מורא פאַר קײן מכשפים? —

זײַ מוחל. וואָס־זשע גיסטו נישט די האַנט? — האָט דאַנילאָ געזאָגט צו קאַטערינאַס פֿאָטער, וועלכער איז געשטאַנען אויף איין אָרט, נישט אויסדריקנדיק אויפֿן פּנים נישט קיין בייזקייט, נישט קיין שלום.

— פֿאָטער! — האָט אויסגעשריגן קאַטערינאַ אים אַרומנעמענדיק און געבנדיק אים אַ קוש — זײַ נישט אַזוי האַרט, זײַ מוחל דאַנילאָן, ער וועט דיך שוין מער נישט דערצערנען!

— נאָר צוליב דיר, טאָכטער מײַנע בין איך אים מוחל! — האָט ער געענטפֿערט, איר אַ קוש טוענדיק און מאַכנדיק אַ בליאַסק געבנדיק מיט די אויגן.

קאַטערינאַ האָט עטוואָס אַ ציטער געטון: וווּנדערלעך האָט איר אויסגעוויזן אי דער קוש, אי דער מאָדנער בליאַסק פֿון די אויגן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפֿן טיש, וווּ פּאַן דאַנילאָ האָט פֿאַרבונדן די פֿאַרוווּנדעטע האַנט זײַנע, באַקלערנדיק זיך, אַז ער האָט שלעכט און נישט קאָזאַקיש־מעסיק געטון, בעטנדיק מען זאָל אים מוחל זײַן, בשעת ער איז מיט גאָרנישט שולדיק געווען.

IV

אויפגעשיינט האָט אַ טאָג, נאָר נישט קיין זוניקער: דער הימל האָט זיך געוואָלקנט און אַ דראָבנע רעגנדל האָט זיך געשפּרייט אויף די פעלדער, אויף די וועלדער, אויפן ברייטן דניעפּר. אויפגעכאַפּט האָט זיך פאַני קאַטערינאַ, נאָר נישט קיין פריילעכע: אויגן פאַרוויינטע, אינגאַנצן אַ טרויעריקע און אַן אומרויִקע:

— ליבער מאַן מיינער, טייערער מאַן! אַ וווּנדערלעכער חלום האָט זיך מיר געחלומט!

— וואָס פאַר אַ חלום, מיין ליבענקע פאַני קאַטערינאַ?

— געחלומט האָט זיך מיר עפּעס אַזוי וווּנדערלעך און אַזוי לעבעדיק, פּונקט ווי אויף דער וואָר, ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז דער פאָטער מיינער איז דאָס זעלבע פאַרזעעניש, וואָס מיר האָבן געזען באַם עסאַול. נאָר איך בעט דיך, גלייב נישט אין דעם חלום, וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן עס חלומען זיך אַלץ! אַזוי ווי איך וואָלט געשטאַנען פאַר אים, געציטערט אינגאַנצן, מורא געהאַט, און פון יעדן וואָרט זיינעם האָבן די אָדערן מיינע געקרעכצט. ווען דו וואָלסט געהערט. וואָס ער האָט גערעדט...

— וואָס האָט ער געזאָגט, מיין גאָלדענע קאַטערינאַ?

— ער האָט געזאָגט: „גיב נאָר אַ בליק אויף מיר, קאַטערינאַ,

איך בין שיין! אומזיסט זאָגן מענטשן, אַז איך בין מיאוס. איך וועל זיין אַ טייערער מאַן פאַר דיר. גיב נאָר אַ בליק, ווי איך קוק מיט די אויגן!" — דערביי האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע פייערדיקע אויגן, איך האָב אַ געשריי געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט.

— יאָ, חלומות זאָגן אָפּטמאָל דער אמת. איבעריקנס, צי ווייסטו, אַז אויף יענער זייט באַרג איז נישט אַזוי רויִק? עפּעס אַזוי ווי די ליאַכעס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן צו באַווייזן. האָראַבעץ האָט מיר געשיקט זאָגן, אַז כ'זאָל נישט שלאָפן; ער זאָרגט זיך אָבער אומזיסט, איך שלאָף אַזוי אויך נישט. די נאַכט האָבן די יונגען מיינע אויפגעשטעלט צוועלף שוץ־ווענט. דאָס פּאָספּאָליטע חיל וועלן מיר מכבד זיין מיט בלייערנע פלוימען, און די שליאַכטע וועט נאָך אַ ביסל טאַנצן אונטער די קאַנטשוקעס אויך.

— און דער טאַטע ווייסט וועגן דעם?

— ער זיצט באַ מיר אויפן קאַרק, דער טאַטע דיינער! ביז איצט קען איך אים נאָך נישט דערגיין. ער האָט געוויס אַ סך עבירות אָפּגעטאָן אין דער פרעמד. וואָס איז דאָס פאַר אַ רעטעניש אין דער אמתן: וווינט שוין דאָ כמעט אַ חודש צייט, און ער זאָל כאָטש איינמאָל אַ הוליע טון ווי אַ לייטישער קאָזאַק! ער האָט נישט געוואָלט אויסטרינקען קיין מעד! הערסט קאַטערינאַ, ער האָט נישט געוואָלט אויסטרינקען קיין מעד, דעם זעלבן, וואָס איך האָב אַרויסגעקרוגן באַ די בריסקער ייִדלעך. העי, ייִנגל! — האָט דאַנילאָ אַ געשריי געטאָן: — גיב נאָר, קליינער, אַ לויף אַראָפּ אין קעלער אַריין און ברענג נאָר אַרויף דעם ייִדישן מעד! קיין בראָנפן אַפילו טרינקט ער נישט! צו אַלדע טייוול! פאַני קאַטערינאַ, מיר דאַכט זיך, אַז ער גלייבט אַפילו אין קריסטוסן נישט! האַ? ווי דאַכט זיך דיר?

— גאָט ווייסט, וואָס דו רעדסט אַזוינס, פאַן דאַנילאָ!

— עס איז מאָדנע, פאַני! — האָט דאַנילאָ ווייטער גערעדט,

צונעמענדיק פונם קאָזאַק דאָס לײמערנע קריגל: — אפילו די אומגלויביקע קאַטאָליקן זענען בעלנים אויף בראָנפן; בלויז די טערקן אַליין טרינקן נישט. נו, סטעצקאָ, האָסט אין קעלער עפּעס אַ פעסטן זופּ געטון פונם מעד?

— כ'האָב נאָר פאַרזוכט, פריץ!

— לײקנסט, הינטישער זון! זעסט, ווי די פליגן זענען אים באַפאַלן די וואָנסעס! אָן די אויגן דערקען איך, אַז דו האָסט אַרײנגעכאַפּט אַקעגן אַ האַלבן עמער. אַך, קאָזאַקן! וואָס פאַר אַ העלדיש פאָלק! אַלץ איז ער גרײט דעם חבר אַוועקצוגעבן, נאָר די כוסה מאַכט ער אַלײן. איך בין שוין עפּעס, פאַני קאַטערינאַ, לאַנג נישט שיכור געווען, אַ?

— אָט, נישט לאַנג, און ערשט אַנימלט...

— שרעק דיך נישט, שרעק דיך נישט, מער ווי אַ קריגל וועל איך נישט אויסטרינקען. אָט, קריכט שוין דער טערקישער גלח — האָט ער אַרויסגערעדט צווישן די צײן, דערזעענדיק דעם שווער, וועלכער האָט זיך אָנגעבויגן, כדי אַדורכצוגײן דורך דער טיר.

— וואָס איז דאָס עפּעס, טאָכטער מײנע! — האָט דער פאָטער געזאָגט, זיך אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל פון קאָפּ און פאַריכטנדיק אויף זיך דעם פאַסעק, אויף וועלכן ס'איז געהאָנגען אַ שווערט באַצירט מיט טײערע שטײנער — די זון שטײט שוין הויך און דו האָסט נאָך דאָס מיטאָג נישט פאַרטיק.

— דאָס מיטאָג איז שוין פאַרטיק, פאַן פאָטער, מ'וועט באַלד דערלאַנגען! נעם אַרויס דאָס טעפּל מיט די האַלושקעס, — האָט פאַני קאַטערינאַ אַ זאָג געטון צו דער אַלטער באַדינערין, וועלכע האָט אויסגעווישט דאָס הילצערנע געפעס: — וואַרט נאָר, איך וועל שוין אַלײן אַרויסנעמען, — האָט קאַטערינאַ ווײטער געזאָגט: — און דו רוף אַרײן די יונגען.

אַלע האָבן זיך געזעצט אויף דער ערד אין אַ ראָד, אויבן-אָן דער פֿאַן פֿאָטער, באַ דער לינקער האַנט פֿאַן דאַנילאָ, באַ דער רעכטער האַנט פֿאַני קאַטערינאַ און די צען געטרייסטע יונגען אין בלויע און אין געלע זשופּאַנעס.

— איך האָב נישט ליב די דאָזיקע האַלעשקעס! — האָט דער פֿאָטער געזאָגט, פֿאַרזוכנדיק אַ ביסל, און אַוועקלייגנדיק דעם לעפֿל: — קיין שום טעם האָבן זיי נישט!

— „איך ווייס אַז דיר שמעקן בעסער יידישע לאָקשן", — האָט דאַנעלאָ פֿאַר זיך אַ טראַכט געטון.

— פֿאַרוואָס-זשע, שווער, — האָט ער געזאָגט אויפֿן קול: — זאָגסטו עפּעס, אַז די האַלעשקעס האָבן קיין טעם נישט? זיי זענען דען שלעכט געמאַכט? מיין קאַטערינאַ מאַכט דאָך האַלעשקעס, אַז אפילו דעם העטמאַן קומט זעלטן אויס אַזעלכע צו עסן. און וואַרפֿן זיך מיט זיי איז נישטאָ וואָס, דאָס איז אַ קריסטלעך מאכל, אַלע הייליקע און אַלע געטלעכע מענטשן האָבן געגעסן האַלעשקעס.

קיין איין וואָרט האָט דער פֿאָטער נישט געזאָגט, פֿאַן דאַנילאָ איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן.

מ'האָט דערלאַנגט אַ געבראָטן חזיר מיט קרויט און מיט פֿלוימען.

— איך האָב נישט ליב קיין חזיר-פֿלייש! — האָט קאַטערינאַס פֿאָטער געזאָגט, אַרויסקראַצנדיק מיטן לעפֿל דאָס קרויט.

— פֿאַרוואָס זאָל מען דאָס נישט ליב האָבן קיין חזיר-פֿלייש? — האָט דאַנילאַ געזאָגט: — נאָר טערקן און יידן עסן נישט קיין חזיר-פֿלייש.

נאָך שטרענגער האָט זיך דער פֿאָטער אָנגעברוגזט. נאָר לעמעשקעס מיט מילך האָט דער אַלטער געגעסן און אָנשטאָט בראָנפֿן האָט ער אַ זופּ געטון עפּעס אַ שוואַרץ וואַסער פֿונם פֿלעשל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין בוזים.

נאָכן מיטאָג איז דאַנילאָ איינגעשלאָפן מיט אַ העלדישן שלאָף און זיך אויפגעכאַפּט ערשט פאַרנאַכט צו. ער האָט זיך געזעצט שרייבן בריוו אין קאַזאַקישן מיליטער אַריין; און פאַני קאַטערינאַ האָט, זיצנדיק אויף דער שלאָפבאַנק, גענומען שאָקלען מיטן פוס דאָס וויגל.

זיצט פאַן דאַנילאָ, מיטן לינקן אויג קוקט ער אויפן שרייבעכץ און מיטן רעכטן אין פענסטער אַריין. און ווייט אונטערן פענסטער גלאַנצן די בערג מיטן דניעפּר. נאָכן דניעפּר גרינען זיך די וועלדער, פון אויבן פינקלט דער אויסגעלייטערטער, באַנאַכטיקער הימל. נאָר נישט אויפן וייטן הימל, נישט אויפן בלויען וואַלד קוקט פאַן דאַנילאָ: ער קוקט אויפן אַרויסגעשטאַרטן האַלבאינדזל, ווו עס שוואַרצט זיך דער אַלטער שלאָס. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי אין שמאָלן פענסטערל וואָלט אַ פייערל אַ בלישטש געטון. נאָר אַלץ איז שטיל; עס האָט זיך אים, ווייזט אויס, געדאַכט. עס הערט זיך נאָר אונטן דאָס טויבע רוישן פון דניעפּר, און פון דריי זייטן שלאָגן זיך איינער נאָכן אַנדערן אָפּ די קלעפּ פון די פלוצלינג־אויפגעוואַכטע כוואַליעס. ער בונטעוועט זיך נישט; ווי אַן אַלטער ברומט ער און בייזערט זיך; אַלץ איז אים נישט ליב; אַלץ אַרום אים איז פאַרענדערט געוואָרן; שטיל קריגט ער זיך מיט די בערג, מיט די וועלדער, מיט די לאָנקעס לעבן ברעג, און טראָגט אויף זיי די טענות זיינע צום שוואַרצן ים אַוועק.

אָט האָט זיך אויפןברייטן דניעפּר אָנגעהויבן שוואַרצן אַ שיפל, און אין שלאָס האָט ווידער עפּעס אַ בליאַסק געטון. שטיל האָט דאַנילאָ אַ פייף געטון און אויפן פייף איז אָנגעלאָפן אַ געטרייער יונג.

— נעם שנעל, סטעצקאָ, אַ שאַרפע שווערט און אַ ביקס און קום נאָך מיר!

— דו גייסט? — האָט פאַני קאַטערינאַ אַ פרעג געטון.

— איך גיי, מיין ווייב, מען דאַרף אַרומקוקן אַלע ערטער, צי אַלץ איז אין אָרדנונג.

— איך האָב דאָך אָבער מורא צו בלייבן אַליין. עס נייגט מיך אַזוי צום שלאָף; און קום וועט זיך מיר ווייטער חלומען דאָס עלבע? איך בין אפילו נישט זיכער, צי איז דאָס באמת אַ חלום געווען, — עס אין עפעס אַזוי לעבעדיק פאָרגעקומען.

— די אַלטע בלייבט דאָ מיט דיר; אין פאָדערהויז און אויפן הויף שלאָפן די קאָזאַקן!

— די אַלטע שלאָפט שוין און צו די קאָזאַקן איז עפעס קיין צוטרוי נישטאָ. הער נאָר, פאַן דאַנילאָ: פאַרשליס מיך אין שטוב און דעם שליסל נעם צו דיר. דאַמאָלס וועל איך שוין אַזוי שטאַרק קיין מורא נישט האָבן, און די קאָזאַקן זאָלן זיך לייגן פאַר דער טיר.

— זאָל זיין אַזוי! — האָט דאַנילאָ געזאָגט, אָפּווישנדיק דעם שטויב פון דער ביקס און אָנשיטנדיק פולווער אין דער מאַגאַ-זינקע אַריין.

דער טרייער סטעצקאָ איז שוין געשטאַנען אָנגעטון אין גאַנצן קאָזאַקישן געשפאַן. דאַנילאָ האָט אָנגעטון דאָס שמוישענע היטל, פאַרמאַכט דאָס פענסטער, פאַריגלט די טיר אויף די ריג-לען, פאַרשלאָסן און דורך זיינע שלאָפנדיקע קאָזאַקן שטיל אַרויס-געגאַנגען פון הויף אין די בערג אַריין.

דער הימל האָט זיך כמעט אינגאַנצן אויסגעלייטערט. אַ פריש ווינטל האָט קוים-קוים געבלאָזן פון דניעפּר. ווען ס'זאָל זיך נישט הערן פון דערווייטן דאָס קרעכצן פון דער טשייקע, וואָלט אַלץ אויסגעזען ווי פאַרשטומט. נאָר פלוצלינג האָט זיך עפעס דערהערט אַ שאָרך... בורולבאַש מיטן טרייען דינער האָבן זיך שטיל באַ-

האַלטן אונטער אַ קושאַק, וואָס האָט פאַרשטעלט אַן אויפגעשטעלטע שויך-וואַנט.

עפּעס עמעץ אין אַ רויטן זשופּאַן מיט צוויי פּיסטאָלעטן און אַ שווערט באַ דער זייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון באַרג.

— דאָס איז דער שווער! — האָט פאַן דאַנילאָ אַרויסגערעדט, באַטראַכטנדיק אים פון הינטער דעם קושאַק אַפּער: — נאָך וואָס און וווהין האָט ער עפּעס צו גיין אין דער צייט? סטעצקאָ, שלאָף נישט, קוק מיטביידע אויגן, וווהין דער פאַן פאָטער וועט נעמען וועג.

דער מענטש אין רויטן זשופּאַן איז אַראָפּגעגאַנגען ביז צום ברעג און גענומען גיין צום אַרויסשטאַרנדיקן האַלבאינדזל.

— אַ! אָט וווהין! — האָט פאַן דאַנילאָ אַ זאָג געטון — זאָג נאָר, סטעצקאָ, ער האָט זיך דאָך אַוועקגעשלעפּט פּונקט צום מכשף אין דער נעסט אַריין?

— יאָ, געוויס נישט אין קיין אַנדער אָרט, פאַן דאַנילאָ, אַנדערש, וואָלטן מיר דאָך אים געזען אויף דער אַנדערער זייט, ער איז אָבער פאַרשוווּנדן געוואָרן לעבן שלאָס.

— וואַרט-זשע, לאָמיר אַרויסקריכן און אים נאָכשפּירן, דאָ איז עפּעס נישט אַזוי פּראָסט. ניין, קאַטערינאַ, איך האָב דיר געזאָגט, אַז דער פאָטער דיינער איז נישט קיין גוטער מענטש. ער טוט עפּעס אַלץ נישט אַזוי ווי אַ פּראַוואָסלאַוונער.

פאַן דאַנילאָ מיט זיין טרייען יונג האָבן זיך שוין באַוויזן אויפן אַרויסגעשטאַרטן ברעג. אָט זעט מען זיי שוין נישט; דער טיפער וואַלד, וואָס האָט אַרומגענומען דעם שלאָס, האָט זיי באַהאַלטן. דאָס אייבערשטע פענסטערל האָט שטיל אויפגעלויכטן; פון אונטן שטייען די קאָזאַקן און טראַכטן, ווי אַזוי אַרויפצוקריכן. מען זעט נישט קיין טויער, נישט קיין טיר; פון הויף איז געוויס

דאָ אַן איינגאַנג; ווי אַזוי גייט מען אָבער אַהין אַריין? פון דער חייטנס הערט מען, ווי קייטן קלינגען און הינט לויפן אַרום.

— וואָס קלער איך דאָ לאַנג? — האָט פאַן דאַנילאָ אַ זאָג געטאָן, דערזעענדיק פאַרן פענסטער אַ הויכן דעמב — שטיי דאָ, קלייבער! איך וועל אַרויפקריכן אויפן דעמב: פון דאָרט קען מען גלייך אַריינקוקן אין פענסטער אַריין.

דאָ האָט ער אַראָפגענומען פון זיך דעם פאַסעק, אַראָפגעוואָרפן די שווערט, זי זאָל נישט קלינגען, און אָנכאַפנדיק זיך אָן אַ צווייג, אַרויפגעקראָכן אין דערהייך.

דאָס פענסטערל האָט זיך נאָך אַלץ געלויכטן. אַנידערזעצנדיק זיך אויף אַ צווייג לעבן סאַמע פענסטער, האָט ער זיך אָנגעכאַפט מיט דער האַנט אָן בוים און געקוקט: אין שטוב איז קיין ליכט נישטאָ און עס לייכט זיך. אַרום אויף די ווענט מאָדנע צייכנס, עס הענגט געווער, נאָר אַלץ אַזאַ מאָדנע: אַזאַ געווער האָבן נישט קיין טערקן, נישט קיין קרימער, נישט קיין ליאַכעס, נישט קיין קריסטן, נישט דאָס באַרימטע שוועדישע פאָלק. אונטערן סופיט שוועבן אַרום אַהין און צוריק פלעדערמייז, און דער שאָטן זייערער שוועבט אַרום אויף די ווענט, אויף די טירן, אויף דער פאָדלאָגע.

אָט, האָט זיך אָן אַ שאָרך די טיר געעפנט. עמעץ אין אַ רויטן זשופאַן קומט אַריין און גייט גלייך צו צום טיש, וואָס איז באַדעקט מיט אַ ווייס טישטוך.

„דאָס איז ער, דאָס איז דער שווער!“

פאַן דאַנילאָ האָט זיך אַראָפגעלאָזט עטוואָס נידעריקער, און זיך פעסטער צוגעדריקט צום בוים.

דער שווער האָט אָבער קיין צייט נישט צו זען, צי קוקט ווער אין פענסטער אַריין, צי נישט. ער איז געקומען אָנגעכמורעט, שלעכט געשטימט. ער האָט אַראָפגעריסן דאָס טישטוך פון טיש. —

און פֿלוצלינג האָט זיך איבער דער גאַנצער שטוב שטיל צעגאָסן אַ דורכזיכטיק-בלויע ליכטיקייט; נאָר די נישט צוזאַמענגעמישטע כוואַליעס פֿון דער פֿריערדיקער בלאַס-גאָלדענער ליכטיקייט האָבן זיך דורכגעגאָסן, געטונקט ווי אין אַ בלאַס-בלויען ים און געצויגן זיך שיכטנווייז ווי אויף מאַרמאָר. דאָ האָט ער אויפֿן טיש אַנידערגעשטעלט אַ טעפּל און אָנגעהויבן אַריינוואַרפֿן אַהין פֿאַרשידענע קרייטעכצער.

פֿאַן דאַנילאָ האָט זיך אָנגעהויבן איינצוקוקן און שוין נישט באַמערקט אויף אים דעם רויטן זשופּאַן; אָנשטאָט דעם האָבן זיך אויף אים באַוויזן אַ פּאָר ברייטע הויזן, ווי עס טראָגן די טערקן; פּיסטאָלעטן הינטערן גאַרטל; אויפֿן קאָפּ עפּעס אַ מאָדנע היטל, אינגאַנצן באַשריבן מיט אַ שריפֿט נישט קיין רוסישער און נישט קיין פּוילישער. ער האָט אים אַ קוק געטון אין פּנים אַריין — און דאָס פּנים האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרענדערן: די נאָז האָט זיך אויסגעצויגן און געבליבן הענגען איבער די ליפּן, אין איין מינוט האָט זיך דאָס מויל צעשפּרייט ביז די אויערן, אַ צאָן האָט זיך אַ וויַיז אַרויס געטון פֿון מויל אַרויס און פֿאַרבויגן זיך אָן אַ זייט, און ס'איז פֿאַר אים שטיין געבליבן דער זעלבער מכשף, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער חתונה באַם עסאַול.

דער מכשף האָט אָנגעהויבן אַרומצוגיין אַרום דעם טיש, די צייכנס אויף די ווענט האָבן זיך שנעלער אָנגעהויבן צו בייטן, און די פֿלעדערמייז האָבן שטאַרקער אָנגעהויבן צו פֿליִען אַראָפּ און אַרויף, אַהין און צוריק. די בלויע ליכטיקייט איז אַלץ שיטערער, שיטערער געוואָרן און כמעט ווי אינגאַנצן אויסגעגאַנגען. און דאָס צימער האָט זיך שוין באַלויכטן מיט אַן איידעלער, ראָזער ליכטיקייט. געדאַכט האָט זיך, ווי די וווּנדערלעכע ליכטיקייט צעגיסט זיך איבער אַלע ווינקעלעך מיט אַ שטילן געקלאַנג — פּלוצלינג איז זי פֿאַרשוווּנדן און עס איז פֿינסטער געוואָרן. געהערט האָט זיך

נאָר אַ גערויש, ווי דער ווינט וואָלט געשפּילט אין דער צייט פֿון שטילן אָוונט, קרײַזלענדיק איבערן וואַסער־שפּיגל, אײַנבייגנדיק נאָך נידעריקער אין וואַסער אַרײַן די זילבערנע ווײַדע־ביימער.

און פּאַן דאַנילאָן דאַכט זיך אויס, אַז אין צימער שײַנט אַ לבֿנה, שטערן גייען אַרום, אומדײַטלעך שימערט דער טונקל־בלויער הימל און אַפֿילו די קילקייט פֿון דער באַנאַכטיקער לופֿט האָט אים אַ שמעק געטון אין פּנים אַרײַן.

און פּאַן דאַנילאָן דאַכט זיך, (דאָ האָט ער זיך אָנגעהויבן טאַפּן בײַ די וואָנסעס, צי שלאָפֿט ער נישט) אַז אין צימער געפֿינט זיך שוין איצט קיין הימל נישט, נאָר זײַן אייגן שלאָף־חדר: אויף די ווענט הענגען זײַנע טערקישע און טאָטערישע שווערטן; אַרום די ווענט די פּאָלקעס, אויף די פּאָלקעס דאָס הויז־געשיר און דאָס געפֿעס; אויפֿן טיש ברויט מיט זאַלץ; ס׳וויגל הענגט... נאָר אויפֿן אָרט פֿון די הייליקע בילדער קוקן שרעקלעכע פּנימער אַרויס; אויף דער שלאָפֿבאַנק... נאָר דער געדיכט געוואָרענער נעפּל האָט אַלץ פֿאַרדעקט, און ווידער איז פֿינסטער געוואָרן.

און ווידער האָט זיך דאָס גאַנצע צימער מיט אַ וווּנדערלעכן געקלאַנג באַלויכטן מיט דער ראָזער ליכטיקייט, און ווידער שטייט אומבאַוועגלעך דער מכשף אין זײַן וווּנדערלעכער טשאַלמע.

די קלאַנגען זענען געוואָרן שטאַרקער, געדיכטער, דער אײַדעלער ראָזער שײַן איז געוואָרן העלער, און עפּעס ווײַסעס, עפּעס ווי [illegible]־וואָלקן, האָט זיך געטראָגן אינמיטן דער שטוב; און עס דאַכט זיך פּאַן דאַנילאָן, אַז דער וואָלקן, איז קיין וואָלקן נישט; אַז דאָס שטייט עפּעס אַ פֿרוי, נאָר פֿון וואָס איז זי דאָס: צי פֿון לופֿט איז זי אויסגעוועבט? פֿאַרוואָס שטייט זי עפּעס און רירט די ערד נישט אָן און איז אויף גאָרנישט אָנגעשפּאַרט, און דורך איר לײַכט זיך דורך דער ראָזער שײַן און די צייכנס פֿינטלען אויף דער וואַנט?

דאָ האָט זי עפּעס ווי אַ ריר געטון מיטן דורכזיכטיקן קאָפּ: שטיל לייכטן זיך אירע בלאָס-בלויע אויגן, די האָר וויקלען זיך און פאַלן איר איבער די אַקסלען, ווי אַ העל-גרויער נעפּל; בלאַס רויטלען זיך די ליפּן, עס גיסט זיך ווי דורכן ווייס-דורכזיכטיקן מאָרגן-הימל דער קוים-באַמערקבאַר-רויטער מאָרגן-שיין; שוואַך טונקלען זיך די ברעמען... אַך! דאָס איז קאַטערינאַ!

דאָ האָט דאַנילאָ דערפילט, אַז זיינע גלידער זענען אים צוגעשמידט געוואָרן; ער האָט זיך געשטאַרקט עפּעס צו זאָגן, נאָר די ליפּן האָבן זיך אים באַוועגט אָן אַ שום קלאַנג. אומבאַוועגלעך איז דער מכשף געשטאַנען אויף זיין אָרט.

— ווו ביסטו געוועזן? — האָט ער אַ פרעג געטון; און די, וואָס איז געשטאַנען אַקעגן אים, האָט אויפגעציטערט.

— אָ! פאַרוואָס האָסטו מיך אַרויסגערופן? — האָט זי שטיל אַרויסגעזיפצט — מיר איז אַזוי לייטזעליק געווען. איך בין אויפן זעלבן אָרט געווען, ווו איך בין געבוירן געוואָרן און פופצן יאָר אָפּגעלעבט. אָ, ווי גוט דאָרט איז! ווי גרין און שמעקעדיק איז יענע לאָנקע, ווו איך האָב מיך אין מיין קינדהייט געשפּילט! און די פעלד-בלימלעך זענען די זעלבע, און אונזער שטוב, און דער גאָרטן! אָ, ווי די גוטע מאַמע מיינע האָט מיך אַרומגענומען! וואָס פאַר אַ ליבע זי האָט אין די אויגן! געצערטלט האָט זי מיך, געקושט אין די ליפּן, אין די באַקן, צעקעמט מיט אַ געדיכטער קאַם מיין בלאָנדענעם צאָפּ... טאַטע! — דאָ האָט זי איינגעגראָבן אירע בלאַסע אויגן אין דעם מכשף — פאַרוואָס האָסטו מיין מאַמען געשאָכטן?

דער מכשף האָט צו איר שטרענג געדראָט מיטן פינגער.

— איך האָב דיך דען געבעטן, דו זאָלסט רעדן וועגן דעם? — און די לופטיקע שיינהייט האָט אויפגעציטערט — ווו איז איצט די פּאַני דיינע?

— די פּאַני מײַנע, קאַטערינאַ, איז איצט אײַנגעשלאָפן, און איך האָב מיך דערפֿרײט דערמיט, איך האָב מיך אויפֿגעהויבן און אַוועקגעפֿלויגן. מיר האָט זיך שוין לאַנג געוואָלט די מאַמען זען. איך בין פּלוצלינג פֿופֿצען יאָר אַלט געוואָרן, בין אינגאַנצן לײַכט געוואָרן, ווי אַ פֿײגעלע. צו וואָס האָסטו מיך אַרויסגערופֿן?

— געדענקסטו דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב דיר נעכטן געזאָגט? — האָט דער מכשף אַזוי שטיל געפֿרעגט, אַז מ׳האָט קוים געקענט דערהערן.

— איך געדענק, איך געדענק; נאָר וואָס וואָלט איך דען נישט אַוועקגעגעבן, איך זאָל דאָס נאָר קענען פֿאַרגעסן. אָרימע קאַטערינאַ! זי ווייסט אַ סך נישט דערפֿון, וואָס די נשמה אירע ווייסט.

„דאָס איז קאַטערינאַס נשמה", — האָט פּאַן דאַנילאָ אַ טראַכט געטון, נאָר ער האָט זיך אַלץ נאָך נישט דערוועגט אַ ריר צו טון.

— טו תשובה, טאַטע! צי איז דען נישט שרעקלעך, וואָס נאָך יעדער רציחה דײַנער, הייבן זיך מתים פֿון די קברים אַרויס.

— דו נעמסט דיך ווייטער צום אַלטן! — האָט איר שטרענג דער מכשף איבערגעריסן — איך וועל מײַנס אויספֿירן, איך וועל דיך צווינגען צו טון דאָס, וואָס מיר ווילט זיך. קאַטערינאַ וועט מיך ליב באַקומען!...

— אָ, אַ חיה ביסטו, נישט קיין פֿאָטער מײַנס! — האָט זי אַרויסגעזיפֿצט — ניין, עס וועט נישט זײַן, ווי דו ווילסט! אמת, דו האָסט מיט דײַן שוואַרצן כּישוף באַקומען די מאַכט מײַן נשמה אַרויסצורופֿן און פּײַניקן זי; אָבער נאָר איין גאָט קען זי ברייטן צו טון דאָס, וואָס אים איז ליב. ניין, קיינמאָל, ווי לאַנג איך וועל מיך האַלטן אין איר גוף, וועט זיך קאַטערינאַ נישט באַשליסן אויף קיין זינדיקן טאַט. טאַטע! נאָנט איז דער שרעקלעכער יום-הדין! ווען דו זאָלסט אַפֿילו נישט זײַן מײַנס קיין פֿאָטער, וואָלסטו מיך

דאַמאָלס אַפילו אויך נישט געקענט נייטן צו פאַראַטן מיין ליבן געטרייען מאַן. ווען מיין מאַן זאָל מיר אַפילו נישט זיין אַזוי ליב און געטריי, וואָלט איך אַפילו דאַמאָלס אים אויך נישט פאַראַטן, דערפאַר ווייל גאָט האָט נישט ליב קיין פאַרעטערישע און פאַלשע נשמות.

דאָ האָט זי אויפגעהויבן די בלאַסע אויגן אירע צום פענסטער, אונטער וועלכן פאַן דאַנילאָ איז געזעסן, און אירע אויגן האָבן זיך אומבאַוועגלעך אָפּגעשטעלט. . .

— וווהין קוקסטו? וועמען זעסטו דאָרט? — האָט דער מכשף אַ געשריי געטון.

די לופטיקע קאַטערינאַ האָט אויפגעציטערט, נאָר פאַן דאַנילאָ איז שוין פון לאַנג געווען אויף דער ערד און מיט זיין געטרייען סטעצקאָ געגאַנגען אין זיינע בערג אַריין.

„שרעקלעך, שרעקלעך!" — האָט ער גערעדט צו זיך, דערפילנדיק אין זיין קאָזאַקיש האַרץ עפעס אַ מין פחד, און באַלד איז ער דורכגעגאַנגען דעם הויף זיינעם, אויף וועלכן ס'זענען נאָך פונקט אַזוי פעסט געשלאָפן די קאָזאַקן, אַ חוץ איינעם, וואָס איז געזעסן אויף דער וואַך און גערייכערט אַ לולקע.

דער גאַנצער הימל איז באַזייעט געווען מיט שטערן.

ע

— ווי גוט דו האָסט געטון, וואָס האָסט מיך אויפגעוועקט ! — האָט קאַטערינאַ געזאָגט, אויסווישנדיק די אויגן מיטן אויסגענייטן אַרבל פון העמד, באַטראַכטנדיק איר מאַן, וועלכער איז געשטאַנען פאַר איר, פון קאָפּ ביז די פיס — וואָס פאַר אַ שרעקלעכן חלום איך האָב געזען ! ווי שווער מיין ברוסט האָט געאָטעמט אַך !... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שטאַרב...

— וואָס פאַר אַ חלום ? צי נישט דער אַמאָל ? — און בורולבאַש האָט אָנגעהויבן דערציילן זיין ווייב אַלץ, וואָס ער האָט געזען.

— ווי אַזוי ביסטו דאָס אַלץ געוווּיר געוואָרן, מיין מאַן — האָט קאַטערינאַ אַ דערשטוינטע געפרעגט. — אָבער ניין, אַ סך דערפון וואָס דו דערציילסט דאָ, ווייס איך נישט. ניין מיר האָט זיך נישט געחלומט, אַז דער פאָטער זאָל האָבן דערהרגעט מיין מוטער ; נישט קיין טויטע איך האָב גאָרנישט געזען, ניין, דאַנילאָ דו דערציילסט עפּעס נישט גוט. אַך, ווי שרעקלעך מיין פאָטער איז !

— און ס'איז קיין וווּנדער נישט, וואָס דו האָסט אַ סך נישט געזען. דו ווייסט אפילו קיין צענטהלק פון דעם, וואָס דיין נשמה

ווייסט. צי ווייסטו, אַז דיין פאָטער איז געווען אַן אַנטיקריסט? פאַראַיאָרן נאָך, בשעת איך האָב מיך צוזאַמען מיט די ליאַכעס פאַרנומען אויף די קרימער (דאַמאָלס האָב איך נאָך געהאַלטן איינס מיט דעם דאָזיקן פאַלשן פאָלק), האָט מיר דער ראש פון דעם בראַטסקער מאָנאַסטיר געזאָגט (ער איז, מיין ווייב, אַ הייליקער), אַז אַן אַנטיקריסט האָט די מאַכט אַרויסצורופן די נשמה פון יעדן מענטש; און בשעת דער מענטש שלאָפט, טראָגט זיך די נשמה אַרום, ווו זי וויל און צוזאַמען מיט די מלאכים פליט זי אַרום לעבן גאָטס היכל. מיר איז באַלד אין אָנהייב עפּעס נישט געפעלן געוואָרן דיין טאַטנס פּנים. ווען איך וואָלט געוווּסט, אַז דו האָסט אַזאַ טאַטן, וואָלט איך נישט געווען חתונה געהאַט מיט דיר; איך וואָלט דיך אַוועקגעוואָרפן און נישט גענומען קיין זינד אויף דער נשמה, פאַרבינדנדיק זיך מיטן אַנטיקריסטישן שורש.

— דאַנילאָ! — האָט געזאָגט קאַטערינאַ, פאַרדעקנדיק דאָס פּנים מיט די הענט און יאָמערנדיק — בין איך דען שולדיק אין עפּעס קעגן דיר? האָב איך דיך דען פאַראַטן, מיין ליבער מאַן? מיט וואָס-זשע האָב איך אַרויסגערופן אויף מיר דיין צאָרן? האָב איך דען נישט ערלעך געדינט דיר? האָב איך דיר דען געזאָגט אַמאָל אַ שלעכט וואָרט, ווען דו פלעגסט אַהיימקומען בגלופין פון אַ העלדישער סעודה? האָב איך דען דיר נישט געבוירן אַ שוואַרצברעמענדיקן זון?...

— וויין נישט, קאַטערינאַ; איצט קען איך דיך שוין און וועל דיך קיינמאָל נישט אַוועקוואַרפן! אַלע עבירות זענען אויפן פאָטער דיינעם.

— ניין, רוף אים נישט אָן מיינס קיין פאָטער! נישט מיין פאָטער איז ער. גאָט איז מיין עדות, איך זאָג מיך אָפּ פון אים, איך זאָג מיך אָפּ פון מיין פאָטער! ער איז אַן אַנטיקריסט, אַ גאָט-

אַפּטריניקער! זאָל ער אויסגיין, זאָל ער זיך טרינקען, וועל איך אים קיין האַנט נישט דערלאַנגען אים צו ראַטעווען; זאָל ער דאַרן פון געהיימע קרייטעכצער, — וועל איך אים קיין טרינק וואַסער נישט דערלאַנגען. דו ביסט בײַ מיר מײַן פאָטער!

אין דעם טיפן קעלער באַם פאַן דאַנילאָ הינטער דריי שלעסער זיצט דער מכשף געשמידט אין אייזערנע קייטן; פונדערווייטנס איבערן דניעפּר, ברענט זיין טייוולשער שלאָס, און די בלוטרויטע כוואַליעס פּליעסקען און זאַמלען זיך אַרום די אַלטפרענקישע ווענט.

נישט פאַר קיין כּישוף און נישט פאַר די זינדיקע מעשים זיצט דער מכשף אין טיפן קעלער: דערפאַר זאָל אים גאָט משפּטן; ער זיצט פאַרן געהיימען פאַראַטן, פאַרן אונטערהאַנדלען מיט די שונאים פון פּראַוואָסלאַוונעם רוסישן לאַנד — פאַר פאַרקויפן די קאַטאָליקן דאָס אוקריינישע פאָלק און פאַרברענען די קריסטלעכע קלויסטערס.

פּאַרוואָלקנט איז דער מכשף; אַ פינסטערע מחשבה ווי די נאַכט האָט ער אין מוח; אינגאַנצן נאָך איין טאָג בלייבט אים איבער צו לעבן; און מאָרגן איז שוין די צייט זיך צו געזעגענען מיט דער וועלט; מאָרגן דערוואַרט אים דער טויט. נישט גאָר קיין גרינגער טויט וואַרט אויף אים: מען וועט אים נאָך דערמיט אַ טובה טון, אויב מען וועט אים לעבעדיקערהייט אָפּקאָכן אין אַ קעסל, אָדער אים אָפּשינדן זיין זינדיקע הויט. פאַרוואָלקנט איז

דער מכשף, ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אפשר טוט ער שוין תשובה אין דער לעצטער שעה פֿאַרן טויט; נאָר ניט אַזעלכע זינד זענען זיינע, אַז גאָט זאָל זיי אים פֿאַרגעבן. אויבן, איבער אים, געפינט זיך אַ שמאָל פענסטערל, דורכגעפלאָכטן מיט אייזערנע שטאַבעס.

בראַזגנדיק מיט די קייטן האָט ער זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום פענסטער, אַ קוק צו טון, אפשר וועט פֿאַרבייגיין זיין טאָכטער. זי איז לייטזעליק, געדענקט ניט קיין שלעכטס ווי אַ טייבעלע: אפשר וועט זי זיך דערבאַרעמען איבערן פֿאָטער?...

נאָר קיינער איז נישטאָ. אונטן ציט זיך דער וועג; אויפֿן וועג גייט קיינער ניט. נידעריקער אַ ביסל טראָגט זיך דער דניעפּר; ער האָט צו קיינעם קיין עסק ניט: ער בושעוועט און טרויעריק איז פֿאַרן איינגעשלאָסענעם צו הערן זיין איינטאָניקן גערויש.

אָט האָט זיך עמעץ באַוויזן אויפֿן וועג — ס'איז אַ קאָזאַק! דער איינגעשלאָסענער האָט שווער אָפּגעזיפֿצט. ווידער איז אַלץ פּוסט. אָט לאָזט זיך פֿונדערווייטנס עמעץ אַראָפּ... ס'צעפֿליט זיך דער גרינער קונטוש... אויפֿן קאָפּ לייכט דאָס גאָלדענע שיפּעלע... זי איז עס! נאָך נענטער האָט ער זיך צוגעבויגן צום פענסטער. אָט, גייט זי שוין נענטער צו...

— קאַטערינאַ! טאָכטער! דערבאַרעם דיך, האָב רחמנות!...

זי איז שטום, זי וויל ניט הערן, זי ווענדט אפילו קיין בליק ניט צו דער תּפֿיסה, און שוין איז זי פֿאַרביי, און שוין איז זי פֿאַרשוווּנדן. פּוסט איז אויף דער גאַנצער וועלט; טרויעריק רוישט דער דניעפּר; אַן אומעט לייגט זיך אויפֿן האַרץ; נאָר צי פֿילט דער מכשף דעם דאָזיקן אומעט?

דער טאָג פֿאַרגייט שוין צו אָוונט; די זון האָט זיך שוין געזעצט; זי איז שוין נישטאָ. אָט איז שוין אָוונט; ס'איז פֿריש; ערגעץ שרייט אַן אָקס, פֿון ערגעץ-ווו קומען קלאַנגען צו שוועבן;

געווים גייען ערגעץ מענטשן פון דער אַרבעט און פרייען זיך; איבערן דניעפּר פינטלט אַ שיפל... וועמען אַרט דער געפאַנגענער? אויפן הימל האָט אויפגעשיינט אַ זילבערנער סערפּ; אָט, גייט עמעץ איבערן וועג אויף דער אַנדערער זייט; שווער אין דער פינסטער צו דערקענען; דאָס גייט קאַטערינאַ צוריק.

— טאָכטער, איך קריסטוסעס ווילן! אפילו די ווילדע וועלפעלך צערייסן נישט זייער אייגענע מוטער, — טאַכטער, גיב כאָטש אַ קוק אויפן פאַרברעכערישן פאָטער דיינעם!

זי הערט נישט, זי גייט.

— טאָכטער, צוליב דער אומגליקלעכער מוטער!...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— קום, צונעמען דאָס לעצטע וואָרט מיינס!

— צו וואָס רופסטו מיך, גאָט־אָפּטריניקער? רוף מיך נישט — טאָכטער! צווישן אונז איז קיין שום קרובהשאַפט נישטאָ. וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר אין נאָמען פון מיין אומגליקלעכער מאַמען?

— קאַטערינאַ, נאָנט איז מיין סוף; איך ווייס, דיין מאַן וויל מיך צובינדן צו אַ פערדס־ווידל און אַוועקלאָזן איבערן פעלד, און אפשר וועט ער נאָך אַ שרעקלעכערע שטראָף אויסטראַכטן...

— צי איז דען אויף דער וועלט פאַרהאַן אַ שטראָף גלייך צו דיינע עבירות? וואַרט אויף איר, קיינער וועט גאָרנישט בעטן פאַר דיר!

— קאַטערינאַ! נישט דער טויט שרעקט מיך. נאָר די פּיין אויף יענער וועלט... דו ביסט אומשולדיק, קאַטערינאַ, דיין נשמה וועט אַרומלויפן אין גן־עדן לעבן גאָט; און דיין זינדיקן פאָטערס נשמה וועט ברענען אויפן אייביקן פייער; און קיינמאָל וועט דאָס דאָזיקע פייער נישט אויסגעלאָשן ווערן: שטאַרקער און שטאַרקער וועט עס זיך צעפלאַקערן; קיין טראָפּן טוי וועט קיינער נישט אַראָפּלאָזן, קיין ווינטל וועט נישט קיין בלאָז טון...

— די שטראָף בין איך נישט בכּוח צו פאַרקלענערן, — האָט קאַטערינאַ געזאָגט, זיך אַוועקדרייענדיק.

— קאַטערינאַ, וואַרט נאָר, איין וואָרט: דו קענסט ראַטעווען מיין נשמה. דו ווייסט נאָך נישט, ווי גוט און דערבאַרמדיק גאָט איז. צי האָסטו געהערט וועגן אַפּאָסטאָל פּאַוועל, וואָס פאַר אַ זינדיקער מענטש ער איז געווען, נאָר שפּעטער האָט ער תּשובֿה געטון — און איז אַ הייליקער געוואָרן.

— וואָס קען איך דען טון, דיין נשמה צו ראַטעווען? — האָט קאַטערינאַ געזאָגט — צי קען איך, אַ שוואַכע פרוי, גאָר אַ טראַכט טון וועגן דעם?

— ווען מיר זאָל געלונגען אַרויסצוגיין פונדאַנען, וואָלט איך אַלץ אַוועקגעוואָרפן. כ׳וועל תּשובֿה טון, כ׳וועל מיך אַוועקלאָזן אין אַ הייל אַריין, וועל אָנטון אויפן לייב אַ האָריקן מאַנטל, טאָג און נאַכט וועל איך תּפֿילה טון צו גאָט. נישט נאָר קיין פליישיקס, אַפילו קיין פיש וועט אין מיין מויל אַריין נישט קומען! איך וועל מיר נישט אונטערשפּרייטן קיין קלייד, ווען כ׳וועל שלאָפן גיין! און וועל נאָר תּפֿילה טון, נאָר תּפֿילה טון! און אויב גאָטס גענאָד וועט נישט אַראָפּנעמען פון מיר כאָטש אַ הונדערטחלק פון מיינע זינד, וועל איך מיך ביזן האַלדז באַגראָבן אין דרערד אַריין, אָדער כ׳וועל מיך איינמויערן אין אַ שטיינערנער וואַנט אַריין; כ׳וועל נישט טועם זיין נישט קיין עסן, נישט קיין טרינקען, און וועל שטאַרבן; און מיין גאַנץ פאַרמעגן וועל איך מאַנאַכן אַוועקגעבן, זיי זאָלן פערציק טעג און פערציק נעכט פאַר מיין נשמה תּפֿילה טון.

קאַטערינאַ האָט זיך פאַרטראַכט.

— ווען איך זאָל דיר אַפילו עפענען, וועל איך דאָך דיר נישט קענען די קייטן אויפשמידן.

— איך האָב פאַר די קייטן קיין מורא נישט, — האָט ער

געזאָגט — דו זאָגסט, אַז זיי האָבן מיר געשמידט די הענט מיט די פיס? ניין, איך האָב זיי פאַרבלענדט די אויגן, און אָנשטאָט אַ האַנט האָב איך אויסגעשטרעקט אַ דאַר שטיק האָלץ. נאַ, זע: איך האָב אויף מיר איצט קיין איין קייט נישט! — האָט ער געזאָגט, זיך אַרויסרוקנדיק אין דער מיטן אַריין. — איך וואָלט אַפילו פאַר די דאָזיקע ווענט קיין מורא נישט געהאַט און וואָלט אַדורכגעגאַנגען דורך זיי; נאָר דיין מאַן ווייסט אַפילו נישט, וואָס פאַר אַ ווענט דאָס זענען: געבויט האָט זיי אַ הייליקער בזיר און קיין שום שוואַרצע כּוחות קענען דעם איינגעשלאָסענעם פונדאַנען נישט אַרויסנעמען, סיידן אויפצושליסן מיטן זעלבן שליסל, מיט וועלכן דער הייליקער האָט זיין הייל פאַרמאַכט. פּונקט אַזאַ הייל וועל איך, אומדערהערטער זינדיקער, מיר אויסגראָבן, ווען איך וועל אַרויס אויף דער פריי.

— הער; איך וועל דיך אַרויסלאָזן, נאָר קוים נאַרסטו מיך אָפּ? — האָט קאַטערינאַ געזאָגט, זיך אָפּשטעלנדיק באַ דער טיר — און אָנשטאָט תשובה צו טון, וועסטו צוריק ווערן גוטער ברודער מיטן טייוול?

— ניין, קאַטערינאַ, נישט לאַנג בלייבט מיר נאָך צו לעבן, אַפילו אָן דער שטראָף איז אויך נאָנט מיין סוף. צי גלייבסטו דען, אַז איך וועל מיך אַליין איבערגעבן אויף אייביקער פיין?

די שלעסער האָבן אַ בראַזג געטון.

— זיי געזעגנט! זאָל דיך דער דערבאַרמדיקער גאָט באַשיצן, קינד מיינס! — האָט געזאָגט דער מכשף קושנדיק איר אַ קוש.

— ריר דיך נישט צו צו מיר, אומדערהערטער זינדיקער; שנעל גיי אַוועק!.. — האָט קאַטערינאַ געזאָגט.

נאָר ער איז שוין נישט געווען.

— איך האָב אים אַרויסגעלאָזט, — האָט זי אַרויסגערעדט,

דערשרעקנדיק זיך און ווילד אַרומקוקנדיק די ווענט — וואָס וועל איך איצט קענען ענטפערן דעם מאַן? איך בין פאַרלוירן. עס בלייבט מיר איצט איבער לעבעדיקערהייט זיך צו באַגראָבן אין אַ קבר!

און אַרויסהײַנענדיק איז זי שיער נישט אַנידערגעפאַלן אויפן קלאָץ, אויף וועלכן דער איינגעשלאָסענער איז געזעסן.

— איך האָב אָבער אָפּגעראַטעוועט אַ נשמה, — האָט זי שטיל געזאָגט — איך האָב געטון אַ הייליקע זאַך; נאָר דער מאַן מײַנער... דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים אָפּגענאַרט. אָ, ווי שרעקלעך, ווי שווער וועט מיר זײַן צו זאָגן אים ליגנט! עמעץ גייט! דאָס איז ער! דער מאַן! — האָט זי אויסגעשריגן אין פאַרצווייפלונג און געפאַלן אויף דער ערד אין חלשות.

VII

— דאָס בין איך, מיין טייערע טאָכטער! דאָס בין איך, מיין הערצעלע! — האָט קאַטערינאַ דערהערט, קומענדיק צו זיך, און דערזען פאַר זיך די אַלטע באַדינערין. די אַלטע האָט זיך אָנגעבויגן, ווי עפּעס געשעפּטשעט און אויסשטרעקנדיק איבער איר די ביינערדיקע האַנט, האָט זי אויף איר געשפּריצט קאַלט וואַסער.

— וווּ בין איך? — האָט געזאָגט קאַטערינאַ, זיך אויפהייבנדיק און אַרומקוקנדיק זיך. — פאַר מיר רוישט דער דניעפּר, הינטער מיר בערג... וווּהין האָסטו מיך פאַרפירט, אַלטע?

— איך האָב דיך נישט פאַרפירט, נאָר אַרויסגעפירט; אַרויסגעטראָגן אויף מיינע הענט פון דעם דומפּיקן קעלער אַרויס; פאַרשלאָסן די טיר מיטן שליסעלע, אַז דו זאָלסט נישט כאַפּן קיין פּסק פון פאַן דאַנילאָ.

— וווּ-זשע איז דער שליסל? — האָט קאַטערינאַ געזאָגט אַ קוק טוענדיק אויפן פּאַסעק. — איך זע אים נישט.

— דיין מאַן האָט אים אָפּגעבונדן, אַ קוק צו טון אויפן מכשף, קינד מיינס.

— אַ קוק צו טון?... אַלטע, איך בין פאַרלוירן! — האָט קאַטערינאַ אויסגעשריגן.

— גאָט זאָל אונדז אָפּהיטן דערפאַר, קינד מיינס! דו שווייג נאָר, מיין פּאַנעלע, ס׳וועט זיך קיינער גאָרנישט דערוויסן.

— ער איז אַנטלאָפן דער פאַרשאָלטענער אַנטיקריסט! האָסט געהערט, קאַטערינאַ! ער איז אַנטלאָפן! — האָט פּאַן דאַנילאָ געזאָגט, צוקומענדיק צום ווייב. זיינע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פייער, די שווערט באַ זיין זייט האָט זיך געוואָרפן און געקלונגען. דאָס ווייב איז ווי אָפּגעשטאָרבן.

— ס׳האָט אים עמעץ אַרויסגעלאָזט, מיין ליבער מאַן? — האָט זי ציטערנדיק אַרויסגערעדט.

— אַרויסגעלאָזט, ביסט גערעכט, אָבער דער טייוול האָט אים אַרויסגעלאָזט. גיב אַ קוק, אַנשטאָט אים איז אַ קלאָץ געשמידט אין די קייטן. און גאָט האָט אַזוי געמאַכט, אַז דער טייוול האָט קיין מורא נישט פאַר קיין קאָזאַקישע לאַפּעס! ווען ס׳זאָל איינעם פון מיינע קאָזאַקן אפילו אַ געדאַנק אַזעלכער איינפאַלן אין קאָפּ אַריין און איך זאָל מיך דערוויסן... וואָלט איך פאַר זיינעטוועגן קיין טויט נישט געפונען!

— און ווען איך?... האָט קאַטערינאַ אומגערן אַרויסגערעדט און דערשראָקענערהייט אָפּגעהאַקט.

— ווען דיר וואָלט דאָס איינגעפאַלן, וואָלסטו מיינס קיין ווייב נישט געווען. איך וואָלט דיך אין אַ זאַק פאַרנייט און דערטרונקען אין דער מיטן פון דניעפּר!...

קאַטערינאַן האָט עס דעם אָטעם פאַרכאַפּט און עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז די האָר האָבן זיך איר אָנגעהויבן אָפּטיילן פון קאָפּ.

VIII

אויף דער גרענעץ האָבן זיך אין אַ קרעטשמע פאַרזאַמלט די ליאַכעס און הוליען שוין צוויי טעג. עפּעס נישט ווייניק זענען זיי, די חברה סוואָלאַטשעס, זיי זענען זיך געוויס צונויפגעקומען אויף עפּעס אַן אָנפאַל. טייל האָבן ביקסן אַפילו; ס׳קלאַפּן שפּאָרן, ס׳קלינגען שווערדן. די פּאַנעס הוליען און באַרימען זיך, דערציילן וועגן זייערע נישט-געשטויגענע מעשים, מאַכן חוזק פון פּראַוואָסלאַוונטום, רופן אָן דאָס אוקראַיינישע פאָלק פּאַראָבקעס זייערע און דרייען וואָנצעס און, פאַרייסנדיק וואַזשנע די קעפּ, צעלייגן זיי זיך אויף די בענק. אַ גלח איז אויך דאָ איינאיינעם מיט זיי; נאָר דער גלח זייערער איז אויך נישט בעסער פון זיי, און אַפילו לויטן אויסזען איז ער נישט ענלעך צו קיין קריסטלעכן פּאָפּ: טרינקט און הוליעט מיט זיי איינאיינעם און רעדט מיט זיין פאַרשאָלטענער צונג מיאוסע רייד.

די דינערשאַפט שטייט פון זיי אויך אויף קיין האָר נישט אָפּ: זיי האָבן פאַרוואָרפן אַרונטער די אַרבל פון זייערע אָפּגעריסענע זשופּאַנעס און גייען טריומפירנדיק, ווי עפּעס רעכטס, שפּילן אין קאָרטן, קלאַפּן איינס דאָס אַנדערע מיט די קאָרטן אי־

בער די בעז; האָבן מיט זיך איסגעשלעפּט פרעמדע ווייבער, אַ געשריי, אַ געשלעג!...

די פּאַנעס מאַכן זיך משוגע און באַווייזן קונצן: כאַפּן אַ ייִד בא דער באָרד און מאָלן אים אַ צלם אויף דעם פאַרשאָלטענעם שטערן; שיסן אויף ווייבער מיט לײדיקע קוילן און טאַנצן אַ קראַקאָוויאַק מיט זייער פאַרשאָלטענעם פּאָפּ.

אַזאַ מיאוּסקייט איז נאָך נישט פאָרגעקומען אויף דער רוּסישער ערד אפילו פאַר די טאָטערן. זעט אויס, אַז גאָט האָט איר באַשטימט פאַר די זינד אָפּצוקומען אַזאַ מין פאַרשווערוּנג! צווישן אַלגעמיינעם גערודער הערט מען, אַז מ'שמועסט וועגן פאַן דאַנילאָס פאָלוואַרק אויף יענער זייט דניעפּר, וועגן זיין ווייב, דער שיינהייט... נישט אויף קיין גוטס האָט זיך צונויפגענומען די דאָזיקע באַנדע!

IX

זיצט פאַן דאַנילאָ אין זיין צימער אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אויפן טיש און טראַכט. זיצט פאַני קאַטערינאַ אויף דער שלאָפבאַנק און זינגט אַ ליד.

— עפּעס איז מיר אומעטיק, מיין ווייב! — האָט פאַן דאַנילאָ געזאָגט — אי דער קאָפּ טוט מיר וויי, אי דאָס האַרץ טוט מיר וויי, עפּעס אַזוי שווער איז מיר. ווייזט אויס, אַז ערגעץ נישט וויט לויערט שוין מיין טויט.

— אָ, טייערער מאַן מיינער! טוליע דיך צו מיט דיין קאָפּ צו מיר! צו וואָס בעמסטו דו צו דיר אַזעלכע מרה־שחורהדיקע געדאַנקען, — האָט קאַטערינאַ אַ טראַכט געטון און נישט געוואַגט אַרויסצוזאָגן. ביטער איז איר געווען, דער שולדיקער נשמה, צוצונעמען דעם מאַנס צערטלעכקייטן.

— הער אויס, מיין ווייב! — האָט דאַנילאָ געזאָגט — פאַרלאָז נישט אונדזער זון, ווען איך וועל שוין נישט זיין. קיין וועסטו אים אַוועקוואַרפן, וועסטו קיין גליק נישט האָבן פון גאָט נישט אויף דער און נישט אויף יענער וועלט. מיינע ביינער וועט שווער זיין צו פוילן אין דר'ערד, און מיין נשמה וועט נאָך שווערער זיין!

— וואָס רעדסטו, מאַן מײנער. דו אַלײן האָסט דען נישט חוזק געמאַכט פון אונדז, שוואַכע פרויען? און איצט רעדסטו אַלײן װי אַ שוואַכע פרוי. דו דאַרפסט נאָך לאַנג לעבן.

— נײן, קאַטערינאַ, דאָס האַרץ פילט די נאָענטקייט פון טויט. עפּעס אומעטיק ווערט אויף דער וועלט; שלעכטע צייטן קומען אָן. אַך, איך געדענק, איך געדענק צייטן; זיי וועלן זיך שוין גע־ וויס נישט אומקערן, געלעבט האָט נאָך דאַמאָלס ער, דער רום און ליב פון אונדזער מיליטער, דער אַלטער קאָנאַשעוויטש! נאָך איצט גייען פאַרביי פאַר מײנע אויגן די קאָזאַקישע פּאָלקן. אַ גאָלדענע צייט איז געווען, קאַטערינאַ! דער אַלטער העטמאַן איז געזעסן אויפן קאַרע פערד; געבלאַנקט האָט אין זיין האַנט די בולאַווע; אַרום די אַדיוטאַנטען; און די זייטן האָט זיך באַוועגט אַ רויטער ים זאַפּאָראָזשצעס. האָט אָנגעהויבן דער העטמאַן רעדן — איז אַלץ געבליבן שטיין ווי אײנגעגראָבן. צעוויינט האָט זיך דער אַלטער, ווען ער האָט פאַר אונדז אָנגעהויבן דערמאָנען די געוועזענע מעשים און שלאַכטן. אַך, ווען דו זאָלסט וויסן, קאַטערינאַ, ווי מיר האָבן זיך דאַמאָלס געשניטן מיט די טערקן! ביזן היינטיקן טאָג זעט מען נאָך אָן אַ העפט אויף מיין קאָפּ. פיר קוילן זענען דורך מיר אויף פיר ערטער און קיין איינע כון די וונדן האָט זיך נישט אויסגעהיילט אינגאַנצן. וויפיל גאָלד האָבן מיר דאַמאָלס אָנגענומען! טייערע שטיינער האָבן קאָזאַקן געשעפּט מיט די היטלען. און וואָס פאַר אַ פערד! קאַטערינאַ, ווען דו זאָלסט וויסן, וואָס פאַר אַ פערד מיר האָבן דאַמאָלס אָפּגעשלאָגן! אַך, איך וועל שוין אַזוי נישט מלחמה האַלטן! דאַכט זיך, כ'בין נאָך נישט אַזוי אַלט, אין קער־ פער נאָך פעסט, אָבער די קאָזאַקישע שווערט פאַלט פון די הענט אַרויס! איך לעב מיט גאָרנישט, כ'ווייס אַלײן נישט, צו וואָס איך לעב. אין אוקריינע איז קיין אָרדנונג נישטאָ: די פּאָלקאָווניקעס און די עסאַולן בייסן זיך אַרום ווי די הינט; נישטאָ קיין קאָפּ

איבער אַלעמען. אונדזער אַדלטום האָט אַלץ געביטן אויפן פוילישן שטייגער, האָט איבערגענומען די כיטרעקייט... פאַרקויפט די נשמה, אָנגעמענדיק די אוניע. די ייִדן דריקן דאָס אָרימע פאָלק. אָ, צייט, צייט! פאַרגאַנגענע צייט! ווו זענט איר אַהינגעקומען, יאָרן מיינע? גיי אַראָפּ, קליינער, אין קעלער אַריין, ברענג מיר אַרויף אַ קריגל מעד! איך וועל אויסטרינקען פאַרן פריִערדיקן מזל און פאַר די אַמאָליקע יאָרן!

— פריץ, מיט וואָס וועלן מיר אויפנעמען די געסט? פון יענער זייט מיט די לאָנקעס קומען אָן די ליאַכעס! — האָט סטעצקאָ געזאָגט, אַריינקומענדיק אין שטוב אַריין.

— איך ווייס, נאָך וואָס זיי קומען, — האָט דאַנילאָ אַרויסגעזאָגט, אויפהייבנדיק זיך פון אָרט — טרייַע דינערס מיינע, זאָטלט די פערד! טוט אָן דאָס געווער! די שווערטן אַנטבלויזט! פאַרגעסט נישט מיטצונעמען קיין בלייערנע קאַשע: מען דאַרף די געסט באַגעגענען מיט כּבֿוד!

נאָר די קאָזאַקן האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן צו זעצן אויף די פערד און אָנצולאָדן די מושקעטן, ווי די ליאַכעס האָבן שוין באַזייעט די בערג, פּונקט ווי האַרבסט-צייט די בלעטער, וואָס פאַלן פון די ביימער אַראָפּ.

— אָ, דאָ איז דאָך דאָ זיך מיט וועמען צו פאַרמעסטן! — האָט דאַנילאָ געזאָגט, קוקנדיק אויף די אויסגעפּאַשעטע פּאַנעס, וואָס האָבן זיך פאָרויס שטאָלץ געוויגט אויף די פערד מיט די גאָלדענע באַצירונגען. — ווייזט אויס, אַז נאָך איינמאָל וועט אונדז באַשערט זיין לעבעדיק אַ הוליע צו טון! פרייזשע זיך אָן, קאָזאַקישע נשמה, צום לעצטן מאָל! הוליעט, יונגען: אונדזער יום-טובֿ איז אָנגעקומען!

און עס איז אַוועק אַ פרייד איבער די בערג, ס'האָט זיך אַ שמחה צעשפּילט: שווערטן הוליען, קוילן פליִען, פערד הירזשען,

און כופּען. דער קאָפּ ווערט משוגע פון געשריי, די אויגן בלענדן פון רויך. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט; נאָר ס'פילט דער קאָזאַק ווי אַ פריינט און ווו אַ פיינט; זשווּשעט דורך אַ קויל — פאַלט אַ העלדישער רייטער פון פערד; טוט אַ פייף אַ שווערט — קוילערט זיך אַ קאָפּ איבער דער ערד, מורמלענדיק מיט דער צונג אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

נאָר פון המון זעט מען אַרויס די רויטע דענקע פון פאַן דאַנילאָס קאָזאַקישן היטל; עס וואַרפט זיך אין די אויגן דער גאָלדענער פאַסעק אויפן בלויען זשופּאַן; ווי אַ וויכער צעפליט זיך די גזשיווע פינם קאַרע פערד. ווי אַ פויגל באַווייזט ער זיך דאָ און דאָרט; שרייט און פאָכט מיט דער דמשקער שווערט און האַקט אויף רעכטס און אויף לינקס.

שנייד, קאָזאַק! הוליע, קאָזאַק! קוויק אָן דיין העלדיש האַרץ; נאָר פאַרקוק דיך נישט אויף די גאָלדענע באַצירונגען און די זשופּאַנעס: טרעט מיט די פיס גאָלד און בריליאַנטן! שטעך, קאָזאַק! הוליע, קאָזאַק! נאָר קוק דיך אום צוריק: די פאַרשאָלטענע ליאַכעס צינדן שוין אונטער די שטובן און טרייבן אַוועק די צעשראָקענע בהמות.

און ווי אַ ווינט האָט זיך פאַן דאַנילאָ אומגעקערט צוריק, און דאָס היטל מיט דער רויטער דענקע ווייזט זיך שוין לעבן די שטובן און דער המון אַרום אים ווערט שיטערער.

נישט איין שעה, נישט צוויי שלאָגן זיך די ליאַכעס מיט די קאָזאַקן: ווייניק בלייבט פון די און פון יענע; נאָר פאַן דאַנילאָ שטייט נישט: האַקט אַראָפּ פון זאָטל מיט זיין לאַנגער פּיקע, טרעט מיט זיין העלדישן פערד די פוסגייערס. דער הויף רייניקט זיך שוין אָפּ, די ליאַכעס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו צעלויפן די קאָזאַקן רייסן שוין אַראָפּ פון די געהרגעטע די גאָלדענע זשופּאַנעס און די רייכע באַצירונגען; פאַן דאַנילאָ פאַרנעמט זיך שוין צום נאָכ-

יאָגן, און ער האָט געוואָרפן אַ בליק, כדי צונויפצורופן די זייניקע... און איז איינגאַנצן אויפגעקאָכט געוואָרן פון צאָרן: פאַר אים האָט זיך באַוויזן קאַטערינאַס פאָטער.

אָט שטייט ער אויפן באַרג און צילט אויף אים מיטן מושקעט. דאַנילאָ האָט אַ לאָז געטון דאָס פערד גלייך צו אים... קאַזאַק צום טויט גייסטו!... עס קנאַלט דער מושקעט — און דער מכשף איז פאַרשוווּנדן הינטערן באַרג. נאָר דער טרייער סטעצקאָ אַליין האָט געזען, ווי ס'האָט זיך אַ ווייז געטון דאָס רויטע מלבוש און דאָס וווּנדערלעכע היטל.

אַ וויג געטון האָט זיך דער קאָזאַק און אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד. האָט זיך אַ וואָרף געטון דער טרייער סטעצקאָ צום פּריץ זיינעם: ליגט דער פּריץ זיינער אויסגעצויגן אויף דער ערד, געשלאָסן זיינע ליכטיקע אויגן; זיין רויט בלוט האָט אויפגעריזלט אויף דער ברוסט. נאָר ער האָט מסתּם דערפילט דעם טרייען דינער זיינעם: שטיל האָט ער אויפגעהויבן די ברעמען און אַ בליאַסק געטון מיט די אויגן;

— זיי געזונט, סטעצקאָ! זאָג קאַטערינאַן, זי זאָל נישט פאַרלאָזן מיין זון! פאַרלאָזט איר אים אויך נישט, מיינע געטרייע דינערס! — און אַנטשוויגן געוואָרן. די קאָזאַקישע נשמה איז אַרויסגעפלויגן פון איידעלן קערפּער אַרויס, די ליפּן זענען בלוי געוואָרן, שלאָפט דער קאָזאַק נישט אויפצוּוועקן.

צעוויינט האָט זיך דער טרייער דינער און רופט מיט דע האַנט קאַטערינאַן;

— קום אַהער, פּאַני, קום אַהער: דיין פּאַן האָט אונטערגעהוליעט, ליגט שיכּורלעך אויף דער גאָלער ערד, ער וועט זיך שוין לאַנג ני ט אויסניכטערן!

האָט קאַטערינאַ אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און געפאַלן ווי אַ סנאָפּ אויפן טויטן קערפּער.

— מאַן מײַנער! דו ליגסט עס דאָ צוגעמאַכט די אויגען! שטיי אויף, מײַן טײַערער סאָקאָל, ציִ אויס דײַן הענטל! זעץ דיך אויף! גיב כאָטש אײַן קוק אויף דײַן קאַטערינאַן! גיב אַ ריר מיט די ליפּן, זאָג כאָטש אַרויס איינאיינציק וואָרט... נאָר דו שווייגסט, דו שווייגסט, מײַן ליכטיקער פריץ, דו ביסט בלוי געוואָרן ווי דער שוואַרצער ים. דײַן האַרץ קלאַפּט נישט! וואָס ביסטו קאַלט אַזוי, פריץ מײַנער! נישט געגוג הייס זענען מסתּם די טרערן מײַנע, נישט אומשטאַנד זענען זיי צו דערוואַרעמען דיך? נישט גענוג הויך איז מסתּם דאָס געוויין מײַנס, נישט אומשטאַנד איז עס אויפצוּוועקן דיך! ווער וועט-זשע איצט דײַנע פּאָלקן פירן? ווער-זשע וועט זיך איצט אַ טראָג טון אויף דײַן קאַרע פערדעלע, אַ הוק טון און אַ פּאָך טון פאַר די קאָזאַקן מיט דער שווערט? קאָזאַקן, קאָזאַקן! ווו איז אײַער ערע און רום? ליגט אײַער ערע און רום אויף דער גאָלער ערד מיט געשלאָסענע אויגן, באַגראָבט-זשע מיך, באַגראָבט מיך צוזאַמען מיט אים! פאַרשיט מיר די אויגן מיט ערד, דריקט מיר צו די קלאָנאָווע ברעטער צו דער ווײַסער ברוסט! וואָס דאַרף איך מער די שיינקייט מײַנע!

קאַטערינאַ וויינט און מאַכט זיך דעם טויט; און די ווײַטקייט באַדעקט זיך אינגאַנצן מיט שטויב; דאָס טראָגט זיך דער אַלטער עסאַול דאַראָבעץ צו הילף.

X

וווּנדערלעך איז דער דניעפּר אין אַ שטילן וועטער, ווען ער טרייבט פריי און זאַכט דורך וואַלד און באַרג די פולע וואַסערן זיינע. ער טוט קיין שאָרך, קיין פּליעסק נישט. קוקסט און דו ווייסט נישט, צי גייט זי, צי גייט זי נישט, די מאַיעסטעטישע ברייטקייט זיינע; און ס'דאַכט זיך, ווי ער וואָלט אינגאַנצן געווען אויסגעגאָסן פון גלאָז, און פּונקט ווי אַ בלויער שפּיגל־וועג אָן אַ מאָס אין דער ברייט, אָן אַ סוף אין דער לענג שוועבט ער און וויקלט זיך איבער דער גרינער וועלט. ליב איז אויך דער ברענענדיקער זון זיך אומצוקוקן פונדערהייך און איינצוטינקען די שטראַלן אין דער קילקייט פון די גלאָז־וואַסערן, און די ברעג־וועלדער זיך העל אין די וואַסערן אָפּצושפּיגלען. גרינלאָקיקע! זיי טוליען זיך איניינעם מיט די פעלד־בלומען צו די וואַסערן צו, און אָנגעבויגענע קוקן זיי און קענען זיך זאַט נישט אָנקוקן, און קענען זיך נישט אָנקוויקן מיט זייערע ליכטיגע אויגן, און שמייכלען צו אים, און באַגריסן אים, שאָקלענדיק מיט די צווייגן. אָבער אינמיטן דניעפּר וואַגן זיי נישט אַריינצוקוקן: קיינער אויסער זון און בלויען הימל קוקט נישט אַריין אין אים; זעלטן אַ פויגל זאָל דערפליען ביז דעם מיטן פון דניעפּר. פּרעכטיקער! נישטאָ קיין ענלעכער טייך אויף דער וועלט.

וווּנדערלעך איז אויך דער דניעפּר אין אַ וואַרעמער זומער־נאַכט, ווען אַלץ שלאָפט איין: מענטש, חיה, פויגל, נאָר גאָט אַליין קוקט אַרום מאַיעסטעטיש הימל און ערד און טרייסלט מאַיעסטעטיש זיין שטערן־מאַנטל. פונם מאַנטל שיינען זיך שטערן; די שטערן פינקלען און לייכטן איבער דער וועלט, און אַלע צוזאַמען שפּיגלען זיך אָפּ אין דניעפּר. אַלע האַלט זיי דער דניעפּר אין זיין טונקעלער שויס; קיין איינציקער ווערט פון אים נישט אַנטרונען — סיידן ער וועט פאַרלאָשן ווערן אין הימל. דער שוואַרצער וואַלד באַזעצט מיט שלאָפנדיקע קראָען, די פאַרצייטיש־איינגעבראָכענע בערג הענגען איבער אים אַריבער און באַמיִען זיך כאָטש מיט זייער לאַנגן שאָטן אים צוצודעקן — אומזיסט! נישטאָ אַזוינס אויף דער וועלט, וואָס זאָל קענען פאַרדעקן דעם דניעפּר... בלוי, בלוי, גייט ער מיט דעם רחבותדיקן צעגאָס סיי אינמיטן נאַכט, סיי אינמיטן טאָג; ער זעט זיך אָן אויף אַזוי פיל אין דער ווייט, אויף וויפיל עס דערזעט נאָר אַ מענטשלעך אויג. צערטלענדיק זיך און צוטוליענדיק זיך נענטער צו די ברעגעס פאַר דער נאַכטיקער קילקייט, לאָזט ער נאָך זיך איבער אַ זילבערנעם שטראָם און בליצט אויף ווי די קלינג פון אַ דמשקער שווערט; און ער, דער בלויער, איז ווידער איינגעשלאָפן. וווּנדערלעך איז אויך דעמאָלס דער דניעפּר, און עס איז נישטאָ קיין טייך גלייך צו אים אויף דער וועלט!

נאָר ווען ס'הייבן אָן צו גיין איבערן הימל ווי בערג בלויע וואָלקנס, דער שוואַרצער וואַלד טרייסלט זיך ביז די וואָרצלען, דעמבעס קנאַקן, און אַ בליץ ברעכט זיך דורך צווישן די וואָלקנס און באַלייכט מיט איין מאָל די גאַנצע וועלט — שרעקלעך איז דעמאָלס דער דניעפּר! וואַסער־בערג הילכן און שלאָגן זיך אָן אָן די בערג, און מיט אַ בליאַסקען און זיפצן לויפן זיי צוריק און וויינען און פאַרגייען זיך אין דער ווייטן. אַזוי דערהרגעט זיך אַן אַלטע מאַמע אַ קאָזאַקס, באַגלייטנדיק איר זון אין מיליטער

אַריין: אַ צעהוּליעטער, אַ הייטערער רייט ער אויפן קאַרע פערד, דרייסט און העלדיש פאַרבויגן דאָס היטל; און זי ווײַנט, לויפט אים נאָך, כאַפּט אים באַם רייט-אייזן, כאַפּט אָן דער צוים, און ברעכט איבער אים די הענט און באַגיסט זיך מיט ביטערע טרערן.

אויפן ארויסגעשאַרטן ברעג שוואַרצן זיך ווילד צווישן די ברויזנדע כוואַליעס אָפּגעבראָכענע שטאַמען און שטיינער. אַ צושווימענדיק שיפל שלאָגט זיך אָן אָנעם ברעג, זיך וויגנדיק אַרויף און אַראָפּ. ווער פון די קאָזאַקן האָט עס זיך דערוועגט צו שפּאַצירן אויף אַ שיפל אין דער צייט, ווען דער אַלטער דניעפּר האָט זיך צעביי‍זערט? ער ווייסט נישט מסתּם, אַז ער שלינגט מענטשן ווי פליגן?

דאָס שיפל איז צוגעקומען, און דער מכשף איז פון דאָרט אַרויס. נישט פריילעך איז ער: ס׳האָט אים נישט פאַרשמעקט די מאָלצייט, וואָס די קאָזאַקן האָבן געפּראַוועט לכּבוד דעם געהרגעטן פאַן זייערן. נישט ווייניק האָט עס די ליאַכעס אָפּגעקאָסט: פיר און פערציק פאַנעס מיטן גאַנצן אויסשטייער און מיט די זשופּאַנעס און דריי און דרייסיק כלאָפּעס זענען צעהאַקט געוואָרן אויף שטיקלעך; און די רעשט האָט מען צוזאַמען מיט די פערד גענומען אין געפאַנגענשאַפט צו די טאָטערן.

דורך די שטיינערנע טרעפּ האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט צווישן די אָפּגעבראָכענע שטאַמען, ווו ער האָט געהאַט אַ הייל, טיף אויסגעגראָבן אין דער ערד. שטיל איז ער אַריינגעגאַנגען, נישט טוּענדיק קיין סקריפּ מיט דער טיר, אַנידערגעשטעלט אַ טעפּל אויפן טיש, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אַ טישטוך, און אָנגעהויבן מיט זיינע לאַנגע הענט אַריינצוּוואַרפן אַהין עפּעס אַזעלכע אומבאַוווּסטע קרייטעכצער; ער האָט גענומען אַ בעכער, אויסגעאַרבעט פון

אַזאַ מין ווּנדערלעך האַלץ, האָט מיט אים אָנגעשעפּט וואַסער און געגנומען גיסן, באַוועגנדיק מיט די ליפּן און מאַכנדיק עפּעס אַזעלכע מינים השבעות.

אין דער הייל האָט זיך באַוויזן אַ ראָזער שײַן, און שרעקלעך איז דאַמאָלס געווען אים אַ קוק צו טון אין פּנים אַרײַן: עס האָט אויסגעזען בלוטיק, טיפע קנייטשן האָבן זיך נאָר געשוואַרצט דערויף, און זײַנע אויגן האָבן געברענט ווי אין פייער. פאַרשאָלטענער זינדיקער! אי די באָרד איז שוין פון לאַנג גרוי, אי דאָס פּנים איז צעאַקערט מיט קנייטשן, און אינגאַנצן איז ער אויסגעדאַרט, און דאָך טוט ער נאָך אַלץ די גאָטלעסטערנדיקע מעשים!

אײַנמיטן שטוב האָט אָנגעהויבן ווייען אַ ווייסער וואָלקן, און עפּעס ענלעכס צו אַ פרייד האָט אַ בליץ געטון אויף זײַן פּנים; נאָר פאַרוואָס איז ער עפּעס פּלוצלינג שטיין געבליבן אומבאַוועגלעך מיט אַן אויפגעריסן מויל, נישט וואַגנדיק זיך אַ ריר צו טון, און פאַרוואָס האָבן זיך בײַ אים אויפן קאָפּ די האָר אויפגעשטעלט קאַפּויר?

אַקעגן אים אין דעם וואָלקן האָט אויפגעשײַנט עפּעס אַ וווּנדערלעך פּנים. אומגעבעטן, אומגערופן איז עס צו אים צוגאַסט געקומען; וואָס ווײַטער, איז עס מער בולט געוואָרן און האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר אומבאַוועגלעכע אויגן. די שטריכן, די ברעמען, די אויגן, די ליפּן — אַלץ איז אים אומבאַקאַנט, קיינמאָל אין זײַן לעבן האָט ער עס נאָך נישט געזען. און דאַכט זיך, ס'איז דערין ווייניק שרעקלעכס פאַרהאַן, נאָר אַן אומבאַגרייפלעכער פּחד אין אים באַפאַלן. און דער אומבאַקאַנטער, ווּנדערלעכער קאָפּ האָט פּונקט אַזוי אומבאַוועגלעך געקוקט אויף אים פון וואָלקן אַרויס. דער וואָלקן איז שוין פאַרשוווּנדן, און די אומבאַקאַנטע שטריכן

האָבן זיך נאָך בולטער אַרויסגעוויזן און די שאַרפע אויגן האָבן זיך אַלץ נאָך נישט אָפּגעריסן פון אים.

דער מכשף איז אײַנגעבּצן ווייס געוואָרן ווי לייוונט; מיט אַ ווילד, פרעמד קול האָט ער אַ געשריי געטאָן, אומגעוואָרפן דאָס ...עפל... אַלץ איז פאַרשוווּנדן.

XI

— באַרויִק דיך, מיין טייערע שוועסטער! — האָט געזאָגט דער אַלטער עסאַול האָראָבעץ — חלומות זאָגן זעלטן דעם אמת.

— לייג דיך צו, שוועסטערלעבן! — האָט זיין יונגע שנור געזאָגט: — איך וועל רופן די אַלטע כישוף־מאַכערן: אַקעגן איר קען קיין שום כוח נישט בייסטיין: זי וועט פאַר דיר וואַקס אויסגיסן.

— האָב פאַר גאָרנישט קיין מורא! — האָט דער זון זיינער געזאָגט, זיך כאַפּנדיק פאַר דער שווערט: — קיינער וועט דיך נישט באַליידיקן.

מרה־שחורהדיק, מיט פאַרנעפּלטע אויגן האָט קאַטערינאַ אויף אַלעמען געקוקט און נישט געפונען קיין רייד.

— איך האָב מיר אַליין דאָס אומגליק פאַרשאַפט: איך האָב אים אַרויסגעלאָזט!

ענדלעך האָט זי געזאָגט:

— איך האָב פון אים קיין רו נישט! אָט בין איך שוין באַ אייך דאָ צען טעג אין קיעוו און די פּיין זענען אויף קיין האָר נישט געמינערט געוואָרן. איך האָב געטראַכט, איך וועל כאָטש דאָ אין דער שטיל אויפהאָדעווען דעם זון נקמה צו נעמען... שרעקלעך,

שרעקלעך האָט ער זיך מיר אין חלום באַוויזן! זאָל איך גאָט אָפּהיטן, אַז איר זאָלט אים זען אַזעלכן! מיין האַרץ וואַרפט זיך נאָך ביז איצט. — „איך וועל דיר דיין קינד צעשניידן, קאַטערינאַ, אויב דו וועסט מיט מיר נישט חתונה האָבן!...“ — האָט ער געשריגן — און אַרויסוויינענדיק האָט זי זיך אַ וואָרף געטון צום וויגל; און דאָס איבערגעשראָקענע קינד האָט אויסגעצויגן די הענטלעך און געשריגן.

דעם עסאַולס זון האָט געקאָכט און געפייערט פון כעס, הערנדיק אַזעלכע ווערטער.

דער עסאַול האָראָבעץ האָט זיך אַליין אויך צעפייערט:

— זאָל ער נאָר אַ פּרוּוו טון, דער פאַרשאָלטענער אַנטיקריסט, אַהער צו קומען: וועט ער פאַרזוכן, צי איז נאָך פאַרהאַן כוח באַ אַן אַלטן קאָזאַק אין די הענט. גאָט ווייסט דאָך, — האָט ער געזאָגט אויפהייבנדיק די ליכטיקע אויגן אין דער הייך: — צי בין איך דען נישט געפלויגן אויסצושטרעקן מיין האַנט דעם ברודער דאַנילאָ? גאָטס ווילן איז אַזוי! איך האָב אים שוין דערווישט אויפן קאַלטן געלעגער, וווּ ס'זענען געפאַלן אַ סך, אַ סך פון קאָזאַקישן פאָלק. צי איז אָבער דערפאַר נישט פּרעכטיק געווען דאָס מאָלצייט לכבוד אים? צי האָט מען כאָטש איין ליאַך אַרויסגעלאָזט אַ לעבעדיקן? באַרויִק-זשע דיך, קינד מיינס! קיינער וועט נישט וואַגן דיך צו באַליידיקן, סיידן נישט איך און נישט דער זון מיינער וועלן מער שוין נישט זיין.

ענדיקנדיק זיינע ווערטער, איז דער עסאַול צוגעגאַנגען צום וויגל, און דאָס קינד, דערזעענדיק אויף זיין פּאַסעק הענגען די רויטע לולקע געפּאַסט אין זילבער און די שנור מיטן בלאַסקעדיקן פייער-אייזן, האָט צו אים אויסגעצויגן די הענטלעך און אָנגעהויבן לאַכן.

— געראָטן אין פאָטער אַריין! — האָט דער אַלטער עסאַול

געזאָגט, אראָפּנעמענדיק די לולקע, און געבנדיק זי דעם קינד: —
זאָך פון וויגל נישט אַרויס, און וויל שוין אַ לולקע רייכערן!

שטיל האָט קאַטערינאַ אַ זיפץ געטון און אָנגעהויבן שאָקלען דאָס וויגל. מען האָט זיך אָפּגערעדט צוזאַמען דורכצוקומען די נאַכט און אין אַ ווײַלע ארום זענען אַלע אַנטשלאָפן געוואָרן; קאַטערינאַ איז אויך אנטשלאָפן געוואָרן.

אויפן הויף און אין שטוב איז אַלץ שטיל געווען; נאָר די קאָזאַקן, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, זענען נישט גע־שלאָפן. פּלוצלינג האָט קאַטערינאַ אַ געשריי געטון, זיך אויפגע־כאַפּט, און נאָך איר זענען אַלע אויפגעקומען.

— ער איז טויט, ער איז געשאָכטן! — האָט זי געשריגן און זיך אַ וואָרף געטון צום וויגל...

אַלע האָבן אַרומגערינגלט דאָס וויגל און זענען פאַרשטיינערט גע־בליבן פון שרעק, אַז אין וויגל ליגט אַ טויט קינד. קיינער פון זיי האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט, נישט וויסנ־דיק, וואָס צו טראַכטן וועגן דער אומדערהערטער רציחה.

XII.

ווייט פונם אוקראַיִנישן לאַנד, אַדורכפאָרנדיק פוילן, און אויסמיידנדיק די פילבאַפעלקערטע שטאָט לעמבערג, ציִען זיך רייענווייז הויכשפּיציקע בערג. באַרג נאָך באַרג וואַרפן זיי איבער די ערד אויף רעכטס און אויף לינקס פונקט ווי מיט שטיינערנע קייטן און שמידן זי אַרום מיט דער שטיינערנער דיק, כּדי דער רוישנדער, ברויזנרער ים זאָל זי נישט דורכשווענקען. די שטיינערנע קייטן ציִען זיך קיין וואַלאַכיי און זיבנבירגן און האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ פּאַדקאָווע צווישן גאַליציאַנישן און אונגאַרישן פאָלק. נישטאָ אַזעלכע בערג אין אונזערע קאַנטן. קיין אויג וואַגט זיי נישט אַרומצונעמען; און אויפן שפּיץ פון טייל בערג האָט נאָך קיין מענטשלעכער פוס נישט געטרעטן.

זייער אויסזען איז אויך וווּנדערלעך: צי איז נישט אַמאָל אַן עזותדיקער ים אַרויס אין אַ שטורם-צייט פון די ברייטע ברעגעס, פאַרוואָרפן די אָנגעשטאַלטיקע כוואַליעס ווי אַ וויכער און זיי זענען אומבאַוועגלעך פאַרשטיינערט געבליבן אין דערלופטן? צי האָבן זיך נישט אָפּגעריסן אַמאָל פון הימל שווערע וואָלקנס און פאַרפּולט מיט זיך די ערד? ווייל אויך זיי האָבן דעם זעלבן גרויען קאָליר און די ווייסע שפּיצן בלאַנקען און פינקלען קעגן דער זון. ביז צו-

די קאַרפּאַטישע בערג קענסטו נאָך הערן דאָס רוסישע לשון, און אפילו נאָך די בערג הערט זיך נאָך אויך ערגעץ־ווו עפּעס ענלעכס צו אַ היימיש וואָרט; און דאָרטן איז שוין אי דאָס גלויבן אַן אַנדערס, אי דאָס לשון אַן אַנדערס: דאָרט וווינט דאָס גרויסע אונגאַרישע פאָלק; עס רייט אויף פערד, שלאָגט זיך און טרינקט נישט ערגער פונם קאָזאַק; און אויף פערדס־געשפּאַנען, אויף טייערע קאַפּטאַנעס קאַרגט עס זיך נישט אַרויסצונעמען גאָלדשטיקלעך פון קעשענע אַרויס. ברייטע און גרויסע אָזיערעס זענען פאַראַן צווישן די בערג. ווי גלאָז אומבאַוועגלעך זענען זיי, און שלאָגן אָפּ אין זיך ווי אין אַ שפּיגל די גאָלע שפּיצן פון די בערג און זייערע גרינע שטאַמען.

נאָר ווער איז עס דער אינמיטן דער נאַכט, — צי פינקלען, צי פינקלען נישט די שטערן, — וואָס רייט דאָרט אויפן ריזיקן קאַרע פערד? וואָס פאַר אַ ריז פון אוממענטשלעכער וווּקס טראָגט זיך עס אונטער די בערג, איבער די אָזיערעס און שפּיגלט זיך אָפּ מיט זיין ריזיקן פערד אין די אומבאַוועגלעכע וואַסערן און זיין זינ־ענדלעכער שאָטן שוועבט שרעקלעך איבער די בערג? ס׳בלאַנקט דער געקאָוועסטער פאַנצער, אויף דער אַקסל די פּיקע, באַם זאָטל קלינגט די שווערט, די קאַסקע איז אָנגערוקט, די וואָנסעס שוואַרצן זיך, די אויגן צוגעמאַכט, די ברעמען אַראָפּגעלאָזט — ער שלאָפט און שלאָפנדיק האַלט ער די לייצן, און הינטער אים אויף דעם זעלבן פערד זיצט אַ ייִנגל־אַפּאַזש, און שלאָפט אויך און שלאָפנדיק האַלט ער זיך אָן באַם ריז.

ווער איז ער, וווהין, נאָכוואָס פאָרט ער? ווער ווייסט אים. נישט איין טאָג, נישט צוויי רייט ער איבער די בערג. שיינט אויף דער טאָג, באַווייזט זיך די זון, זעט מען אים נישט; זעלטן ווען פלעגן נאָר די בערג־לייט באַמערקן, אַז דורך די בערג שוועבט דורך עמעצנס אַ לאַנגער שאָטן, נאָר דער הימל איז ריין און קיין

וואָלקן גייט נישט איבער אים. נאָר ווי די נאַכט ברענגט נאָר די פינסטערניש, זעט מען אים ווידער און ער שפיגלט זיך אָפּ אין די אָזיערעס, און נאָך אים טראָגט זין ציטערנדיק דער שאָטן זיינער.

שוין אַ סך בערג איז ער דורכגעריטן און אַרויף אויפן קריוואַן. קיין העכערער פון דעם באַרג איז צווישן די קאַרפּאַטן נישטאָ; ווי אַ קעניג דערהייבט ער זיך איבער אַלע איבעריקע. דאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס פערד מיטן רייטער און נאָך טיפער פאַרזונקען אין שלאָף, און די וואָלקנס האָבן, זיך אַראָפּלאָזנדיק, צוגעדעקט אים.

XIII

— טס... שטילער, אַלטע! קלאַפּ נישט אַזוי; מיין קינד איז אַנטשלאָפן געוואָרן. לאַנג האָט געשריגן מיין זון. איצט שלאָפט ער. איך וועל אַוועק אין וואַלד אַריין, אַלטע! וואָס-זשע קוקסטו עפּעס אַזוי אויף מיר? דו ביסט שרעקלעך: פון דיינע אויגן ציִען זיך אַרויס אייזערנע צוואַנגען... אַך, וואָס פאַר אַ לאַנגע! און ווי פייער ברענען זיי! ביסט אוודאי אַ מכשפה! אָ, אויב דו ביסט אַ מכשפה, פאַרשווינד־זשע פונדאַנען! וועסט מיר צוגנבענען דעם זון. ווי גאַריש ער איז דער עסאַול: ער מיינט, מיר איז פרייִלעך צו וווינען אין קיִעוו; ניין, דאָ איז דער מאַן מיינער, דער זון, ווער וועט־זשע אַכטונג געבן אויף דער שטוב? איך בין אַזוי שטיל אַוועק, אַז קיין קאַץ, קיין הונט האָט אפילו נישט געהערט. אַלטע, ווילסט ווערן יונג? דאָס איז גאָרנישט שווער: מען דאַרף נאָר טאַנצן. קוק נאָר, ווי איך טאַנץ...

און אַרויסרעדנדיק די דאָזיקע אומקלאָרע רייד, האָט זיך קאַטערינאַ שוין געטראָגן, אַרומקוקנדיק זיך וואַנזיניק אויף אַלע זייטן און אונטערהאַלטנדיק זיך מיט די הענט בא די באָקעס. מיט אַ קוויטשען האָט זי צוגעטופּעט מיט די פיס; אָן אַ ריטם, אָן אַ טאַקט האָבן די זילבערנע פּאָדקאָווקעס געקלונגען. די צעפּלאָשעטע,

שוואַרצע צעפּ האָבן זיך געוואָרפן איבערן ווייסן נאַקן. נישט אָפּשטעלנדיק זיך, איז זי געפלויגן ווי אַ פויגל, פאָכנדיק מיט די הענט און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און, געדאַכט האָט זיך, אַז בלייבנדיק אָן כּוחות וועט זי אַ פאַל טון צו דער ערד, אָדער אַרויספליען פון דער וועלט.

טרויעריק איז געשטאַנען די אַלטע גיאַניע און אירע טיפּע קנייטשן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן; אַ שווערער שטיין איז געלעגן אויף די הערצער פון די געטרייע יונגען, בשעת זיי האָבן געקוקט אויף זייער פּריצה. זי איז שוין אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן און פויל געטופּעט מיט די פיס אויף איין אָרט, מיינענדיק, אַז זי טאַנצט אַ „טייבעלע".

— אָבער איך האָב אַ האַלדז-באַנד, יונגען! — האָט זי געזאָגט אָפּשטעלנדיק זיך ענדלעך — און איר האָט נישט!...

— ווו איז מיין מאַן? — האָט זי פּלוצלינג אַ געשריי געטון אַרויסכאַפּנדיק אַ טערקישן קינזשאַל פון הינטערן פּאַסעק אַפער. — אַ! דאָס איז נישט אַזאַ מעסער, ווי מען באַדאַרף, דערביי האָבן זיך טרערן און בעבקשאַפט באַוויזן אויף איר פּנים.

— מיין טאַטנס האַרץ איז ווייט, עס וועט דערצו נישט דערלאַנגען. זיין האַרץ איז פון אייזן אויסגעשמידט; אַ מכשפה האָט עס אים אויסגעשמידט אויפן גיהנום-פייער. — וואָס קומט עפּעס נישט דער טאַטע מיינער? חייסט ער דען נישט, אַז ס'איז שוין צייט אים צו דערשטעכן? ער וויל, ווייזט אויס, איך אַליין זאָל קומען... — און נישט פאַרענדיקנדיק, האָט זי מאָדנע אָנגעהויבן לאַכן.

— ס'איז מיר געקומען אויפן זין אַ לאַכעדיקע מעשה: איך האָב מיך דערמאַנט, ווי מען האָט באַגראָבן דעם מאַן מיינעם. מען האָט דאָך אים באַגראָבן לעבעדיקערהייט... וואָס פאַר אַ געלעכטער האָט מיך אָנגענומען!.. הערט, הערט! און אָנשטאָט ווערטער האָט זי אָנגעהויבן זינגען אַ ליד:

לויפט אַ פורעלע אַ בלוטיקס,
אויף דעם פורל ליגט אַ קאָזאַק,
דורכגעשאָסן, דורגעשניטן,
האַלט אין הענטעלע אַ פיקע,
פון דער פיקע פליסן בלוטן,
פליסט אַ בלוטיק, בלוטיק טייכל.
שטייט אַ יאַוואָר לעבן טייכל,
אויפן יאַוואָר שרייט אַ וואָראָנע,
נאָכן קאָזאַק וויינט אַ מאַמע.
וויין נישט מאַמע, האָב קיין צער נישט,
ווייל באַווייבט איז איצט דיין זון שוין.
האָט אַ פאַנעלע-אַ ווייבל:
אינם פעלד אַ קליינטשיק שטיבל,
אָן אַ טירל, אָן אַ פענסטער, —
און דאָס לידל נעמט אָן ענדע.
טאַנצט אַ פישל מיט אַ ראַקל;
ווער ס'וועט מיך נישט ליב באַקומען,
אַ רוח אים אין זיין מאַמען.

אַזוי האָבן זיך בײַ איר אויסגעמישט אַלע לידער. שוין אַ טאָג און צוויי וויינט זי בײַ זיך אין שטוב און וויל גאָרנישט הערן פון קיעוו, בעט נישט צו גאָט, אין אַנטלויפט פון מענטשן. פון דער פרי ביז שפעט אין דער נאַכט בלאָנדזשעט זי אַרום אין די פינסטערע וועלדער. די שפיציקע צווייגן דראַפּען איר דאָס ווייסע פנים מיט די אַקסלען; דער ווינט פלאָשעט די צעפלאָכטענע צעפ; די האַרבסטיקע בלעטער רוישן אונטער אירע פיס — זי קוקט אויף גאָרנישט. אין דער שעה, ווען עס לעשט זיך די פאַרנאַכטיקע רויטקייט, עס ווייזן זיך נאָך קיין שטערן נישט, די לבנה לייכט נישט, איז אין וואַלד שוין שרעקלעך צו גיין: אומגעטויפטע קינדער דראַפּען

זיך אויף די ביימער און כאַפּן זיך אָן די צווייגן, כליפּען, כיכען קאַליערן זיך ווי קנוילן איבער די וועגן און אין דער ברייטער קראַפּיווע; פון די כוואַליעס פון דניעפּר קומען אַרויס טשאַטעס־וויז מיידן, וואָס האָבן אומגעבראַכט זייערע נשמות; די האָר גיסן זיך פון גרינעם קאָפּ אויף די פּלייצעס אַראָפּ; דאָס וואַסער פליסט מיט אַ קלאַנג פון די לאַנגע האָר אויף דער ערד אַראָפּ; און די מויד לייכט זיך דורכן וואַסער אַדורך ווי פון אַ גלעזערן העמד אַרויס; די ליפּן שמייכלען וווּנדערלעך, די באַקן פלאַמען, די אויגן ציען די נשמה אַרויס... זי וואָלט פאַרברענט געוואָרן פון ליבע, זי וואָלט אויסגעקושט... אַנטלויף, געצלמטער מענטש! אירע ליפּן זענען אייז, איר געלעגער — קאַלט וואַסער; זי וועט דיך פאַרקיצלען און אין טייך אַריין אַוועקשלעפּן.

קאַטערינאַ קוקט אויף קיינעם נישט, זי האָט קיין מורא נישט, די משוגענע, זי שרעקט זיך נישט פאַר די וואַסער־מיידלעך, זי לויפט מיט איר מעסער שפּעט אין דער נאַכט און זוכט דעם פאָטער אַרום.

באַלד אינדערפרי איז געקומען צו פאָרן עפּעס אַ גאַסט, אַ שלאַנקער פּערשוין אין אַ רויטן זשופּאַן, און פרעגט זיך אויס וועגן פאַן דאַנילאָ; ער הערט אַלץ אויס, ווישט מיטן אַרבל די פאַרוויינטע אויגן און קנייטשט מיט די אַקסלען. ער האָט כלומרשט מלחמה געהאַלטן צוזאַמען מיטן פאַרשטאָרבענעם בורולבאַש, צוזאַמען זיך געשלאָגן מיט די קרימער און מיט די טערקן; צי האָט ער זיך גאָר געקענט פאָרשטעלן, אַז פאַן דאַנילאָ זאָל האָבן אַזאַ סוף! דער גאַסט דערציילט נאָך וועגן אַ סך אַנדערע זאַכן און וויל זען די פאַני קאַטערינאַ.

אין אָנהייב האָט קאַטערינאַ גאָרנישט געהערט, וואָס דער גאַסט האָט גערעדט: צום סוף האָט זי אָנגעהויבן צוהערן זיך צו זיינע רייד ווי אַ פאַרשטענדיקע. ער האָט אָנגעהויבן וועגן דעם,

ווי אַזוי ער האָט געלעבט מיט דאַנילאָן ווי ברידער; ווי זיי האָבן זיך אַמאָל באַהאַלטן פאַר די קרימער אונטער אַ גרעבלע... קאַטערינאַ האָט אַלץ געהערט און נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים די אויגן.

„זי וועט זיך אויסגיין!“ — האָבן די יונגען געטראַכט, קוקנדיק אויף איר. — „דער גאַסט וועט זי אויסהיילן!“ זי הערט זיך שוין צו ווי אַ פאַרשטענדיקע!“

דערווייל האָט דער גאַסט אָנגעהויבן דערציילן, ווי פאַן דאַנילאָ האָט צו אים געזאָגט בשעת אַן אָפנהאַרציקן שמועס:

— זע, ברודער קאָפּריאַן: ווען גאָטס ווילן וועט קומען, און איך וועל שוין אויף דער וועלט נישט זיין, נעם מיין ווייב צו דיר, און זאָל זי ווערן דיין ווייב...

שרעקלעך האָט אין אים קאַטערינאַ איינגעשפּיזט די אויגן.

— אַ-אַ! — האָט זי אַ געשריי געטון: — דאָס איז ער! דאָס איז דער טאַטע! — און האָט זיך געוואָרפן אויף אים מיטן מעסער.

לאַנג האָט זיך יענער געאַמפּערט, באַמיענדיק זיך בײַ איר אַרויסצורייסן דאָס מעסער, ער האָט עס ענדלעך אויסגעריסן, פאַרמאָסטן זיך, — אַ שרעקלעכע זאַך איז פאָרגעקומען; דער פאָטער האָט דערהרגעט זיין וואַנזיניקע טאָכטער.

די דערשטוינטע קאָזאַקן האָבן זיך געוואָלט וואַרפן אויף אים, נאָר דער מכשף האָט שוין באַוויזן אַרויפצושפּרינגען אויפן פערד און נעלם געוואָרן.

אַן אויסגעוויינטלעך וווּנדער האָט זיך באַוויזן הינטער קיִעוו. אַלע פּריצים און העטמאַנעס האָבן זיך פאַרזאַמלט צו חידושן זיך אויף דעם דאָזיקן וווּנדער: ווייט האָט מען פּלוצלינג אָנגעהויבן צו זען אויף אַלע עקן פון דער וועלט. אין דער ווייט האָט אויפגעבלויט דער לימאַן, נאָכן לימאַן האָט זיך צעגאָסן דער שוואַרצער ים. געניטע לייט האָבן אפילו דערקענט קרים, וואָס האָט זיך ווי אַ באַרג דערהויבן איבערן ים, און דעם בלאָטיקן סיוואַש. לינקס האָט מען געקענט זען דאָס גאַליציאַנישע לאַנד.

— און וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט זיך דער פאַרזאַמלטער עולם נאָכגעפרעגט בא אַלטע לייט, אָנווייזנדיק אויף די גרויע און ווייסע שפּיצן, וואָס זענען מער ענלעך געווען צו וואָלקנס, וועלכע האָבן זיך אויסגעדאַכט ווייט אויפן הימל.

— דאָס זענען די קאַרפּאַטישע בערג, — האָבן געזאָגט די אַלטע לייט: — צווישן זיי געפינען זיך אַזעלכע, פון וועלכע דער שניי גייט קיינמאָל נישט אַראָפּ און וווּ וואָלקנס שטעלן זיך אָפּ און נעכטיקן דאָרט.

דאָ האָט זיך באַוויזן אַ ניי וווּנדער: פונם העכסטן באַרג זעבעץ זיך צעגאַנגען די וואָלקנס און אויפן שפּיץ האָט זיך באַוויזן

אַ מענטש אין גאַנצן ריטערישן אויסשטייער, אויף אַ פערד, מיט פאַרמאַכטע אויגן, און אַזוי בולט, פונקט ווי ער וואָלט געשטאַנען אין דער נאָנט.

דאָ איז צווישן עולם, וואָס איז פאַרוווּנדערט געבליבן פון שרעק, פּלוצלינג איינער אַרויסגעשפּרונגען אויף אַ פערד און, זיך ווילד אַרומקוקנדיק אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט מיט די אויגן געזוכט, צי יאָגט זיך נישט עמעץ נאָך אים, האָט ער אַ טרייב געטאָן דאָס פערד מיטן גאַנצן אימפּעט.

דאָס איז געווען דער מכשף. וואָס-זשע האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן? איינקוקנדיק זיך מיט שרעק אין וווּנדערלעכן ריטער, האָט ער דערקענט אויף אים דאָס זעלבע פּנים, וואָס האָט זיך אומגערופן באַווייזן צו אים, בשעת ער האָט כּישוף געטאָן. ער האָט אַליין נישט געקענט באַגרייפן פאַרוואָס, אַלץ האָט זיך אין אים אויפגעטרייסלט, באַם דערזען דאָס דאָזיקע בילד, און אַרומקוקנדיק זיך מיט מורא, האָט ער זיך געטראָגן אויפן פערד, ביז וואַנען עס האָט אים אָנגעיאָגט די נאַכט און עס האָבן זיך באַוויזן שטערן. דעמאָלט האָט ער פאַרקערעוועט אַהיים, מסתּם נאָכצופרעגן די פינסטערע כּוחות, וואָס דאָס דאָזיקע ווונדער באַדייט... ער האָט שוין געוואָלט אַריבערשפּרינגען מיטן פערד איבערן שמאָלן טייכל, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט אינמיטן וועג אַריין, איז פּלוצלינג דאָס פערד אינמיטן גרעסטן לויף שטיין געבליבן, אויסגעדרייט צו אים די מאָרדע און — אַ וווּנדער — עס האָט זיך צעלאַכט. די צוויי שורות ווייסע ציין האָבן שרעקלעך אַ בליץ געטאָן אין דער פינסטערניש. די האָר אויפן מכשפס קאָפּ האָבן זיך קאַפּויער געשטעלט. ווילד האָט ער אַ געשריי געטאָן, זיך צעוויינט ווי אַ וואַנזיניקער און אַ יאָג געטאָן דאָס פערד גלייך קיין קיעוו. און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז פון אַלע זייטן האָט זיך אַלץ געיאָגט אים צו כאַפּן: די ביימער, וואָס האָבן אים אַרומגענומען, ווי

אַ פינסטערער וואַלד, האָבן אזוי ווי לעבעדיקע געשאָקלט מיט די שוואַרצע בערד, און אויסציִענדיק די לאַנגע צווייגן, אים דערשטיקן געוואָלט. עס האָט אויסגעזען, ווי די שטערן וואָלטן געלאָפן פאַרויס פאַר אים, אָנווייזנדיק יעדן אייבעם אויפן זינדיקן. עס האָט אויסגעזען, ווי דער וועג אַליין איז אים נאָכגעלאָפן נאָך די שפּורן זיינע.

דער פאַרצווייפלטער מכשף איז געפלויגן קיין קיִעוו, צו די הייליקע מקומות.

XV

איינזאַם איז אין אַ הייל באַ אַ קאַנאַנעק געזעסן אַ נזיר און די אויגן נישט אַראָפּגענומען פונם הייליקן ספר. שוין אַ סך יאָרן ווי ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין זיין הייל; ער האָט שוין אַפילו געמאַכט פאַר זיך אַן אָרון פון ברעטער, ווו ער פלעגט זיך לייגן שלאָפן אָנשטאָט אין אַ בעט אַריין. צוגעמאַכט האָט דער הייליקער זקן דאָס ספר זיינס און אָנגעהויבן תפילה טון... פלוצלינג איז אַריינגעלאָפן אַ מענטש מיט אַ ווונדערלעך, שרעקלעך אויסזען. דער הייליקער נזיר איז דערשטוינט געבליבן, און זיך צוריקגערוקט, דערזעענדיק דאָס ערשטע מאָל אַזאַ מין מענטש. אינגאַנצן האָט ער געציטערט ווי אַ בלאַט, די אויגן האָבן ווילד געשיקלט, אַ שרעקלעך פייער האָט זיך מיט פחד פון די אויגן זיינע געשאָטן, דאָס עקל־האַפטע פנים זיינס האָט ציטערן געמאַכט די נשמה.

— פאָטער, בעט גאָט! בעט גאָט! — האָט ער פאַרצווייפלט אויסגעשריגן — בעט גאָט פאַר אַ פאַרלוירענער נשמה! — און זיך אַ וואָרף געטון צו דער ערד.

דער הייליקער נזיר האָט זיך איבערגעצלמט, גענומען דאָס ספר, עס אויפגעמישט, און זיך אָפּגערוקט מיט פחד, און אַרויס־געלאָזט דאָס ספר פון דער האַנט:

— ניין, אומדערהערטער זינדיקער! נישטאָ פֿאַר דיר קיין פֿאַרגעבונג! אַנטלויף פֿונדאַנען! איך קען נישט מתפּלל זיין פֿאַר דיר!

— ניין? — האָט אויסגעשריגן ווי משוגע דער זינדיקער.

— קוק: די הייליקע אותיות אין ספר האָבן זיך מיט בלוט אָנגעגאָסן... עס איז נאָך קיינמאָל אויף דער וועלט אַזאַ זינדיקער נישט געווען!

— פֿאָטער! דו לאַכסט פֿון מיר!

— גיי, פֿאַרשאָלטענער זינדיקער! איך לאַך נישט פֿון דיר. אַ פּחד באַהערשט מיך. נישט גוט איז פֿאַר אַ מענטש צו זיין מיט דיר צוזאַמען!

— ניין, ניין! דו לאַכסט! רעד נישט... איך זע, ווי דיין מויל האָט זיך צעשפּרייט: אָט ווייסן זיך דיינע שורות אַלטע ציין!

און ווי אַ ווילדער האָט ער זיך אַ וואָרף געטון — און דער הרגעט דעם הייליקן נזיר.

שווער האָט עפּעס אַ קרעכץ געטון און דער קרעכץ האָט זיך צעטראָגן איבער פֿעלד און וואַלד. פֿון הינטערן וואַלד האָבן זיך אויפֿגעהויבן דאַרע, אויסגעטרוקנטע הענט מיט לאַנגע נעגל, זיך אַ שאָקל געטון און נעלם געוואָרן. —

און ער האָט שוין מער נישט געפֿילט נישט קיין מורא, נישט גאָרנישט, אַלץ זעט אים עפּעס אויס ווי פֿאַרהוילן: אין די אויערן רוישט, אין קאָפּ רוישט, ווי פֿון שיכּרות, און אַלץ וואָס געפֿינט זיך פֿאַר די אויגן ווערט באַדעקט ווי מיט שפּינוועבס. אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן פֿערד, איז ער גלייך אַוועק קיין קאַניאָוו, טראַכטנדיק פֿון דאָרט דורך טשערקאַסי זיך צו לאָזן צו די טאָטערן, גלייך קיין קרים, אַליין נישט וויסנדיק צו וואָס. ער פֿאָרט שוין אַ טאָג און צוויי, און קאַניאָוו איז נאָך אַלץ נישטאָ. דער וועג איז דער

זעלבער, קאַניאָוו וואָלט זיך שוין פון לאַנג געדאַרפט באַווייזן, נאָר מען זעט אים נישט. ס׳האָבן אַ בליץ געטון פונדערווייטנס קלויסטערשפיצן: ס׳איז אָבער נישט קאַניאָוו, נאָר שומסק. דער מכשף איז דערשטוינט געוואָרן, ווייל ער איז פאַרפאָרן איינגאַנצן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. ער האָט אַ יאָג געטון דאָס פערד צוריק קיין קְעוו, און אין אַ טאָג אַרום האָט זיך באַוויזן אַ שטאָט, נאָר נישט קְעוו, נאָר האַליטש, אַ שטאָט נאָך ווייטער פון קְעוו ווי שומסק, און שוין נישט ווייט פון די אונגאַרן.

נישט ווויסנדיק וואָס צו טון, האָט ער ווידער אויסגעדרייט דאָס פערד צוריק, ער פילט אָבער ווידער, אַז ער רייט פונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג און אַלץ פאָרויס. קיין שום מענטש אין דער וועלט וואָלט נישט געקענט איבערגעבן, וואָס באַם מכשף איז פאָרגעקומען אין דער נשמה; און וואָלט ווער אַריינגעקוקט און דערזען, וואָס דאָרט טוט זיך, וואָלט ער שוין קיין נעכט נישט דערשלאָפן, און וואָלט שוין קיינמאָל קיין לאַך נישט געטון.

נישט קיין בייזקייט, נישט קיין מורא, נישט קיין ווילדער פאַרדרוס איז דאָס געווען. נישטאָ אַזאַ וואָרט אויף דער וועלט, מיט וועלכן, מ׳זאָל דאָס קענען אָנרופן. ס׳האָט אים געברענט, געבראָטן. ס׳האָט זיך אים געוואָלט די גאַנצע וועלט צעטרעטן מיטן פערד זיינעם, נעמען דאָס גאַנצע לאַנד פון קְעוו ביז האַליטש מיט די מענטשן, מיט אַלץ און דערטרינקען אין שוואַרצן ים.

נאָר נישט פאַר קיין בייזקייט האָט זיך אים געוואָלט דאָס אַלץ טון: ניין, ער האָט אַליין נישט געוווּסט פאַר וואָס און ווען ס׳האָבן זיך פאַר אים גאָר נאָנט באַוויזן די קאַרפּאַטישע בערג מיטן הויכן קריוואַן, וואָס האָט זיך פאַרדעקט דעם קאָפּ מיט אַ גרויסן וואָלקן ווי מיט אַ היטל, האָט ער איינגאַנצן אויפגעציטערט; און דאָס פערד האָט זיך אַלץ געטראָגן און איז שוין געפלויגן איבער די בערג.

די וואָלקנס האָבן זיך אָפּגערייניקט, און ס'האָט זיך פֿאַר אים באַוויזן אין זיין שרעקלעכער גרויס דער רייטער... ער האָט זיך מיט אַלע כּוחות באַמיט אָפּצושטעלן, פֿעסטער איינגעצויגן די צוים; ווילד האָט געהירזשעט דאָס פֿערד, אויפֿהייבנדיק די גזשיווע, און געפֿלויגן צום רייטער. —

דאָ האָט זיך דעם מכשף אויסגעדאַכט, אַז אַלץ אין אים איז אָפּגעשטאָרבן, אַז דער אומבאַוועגלעכער רייטער באַוועגט זיך גאָר, האָט מיט איינמאָל די אויגן געעפֿנט, דערזען דעם מכשף זיך טראָגן צו אים — און זיך צעלאַכט.

ווי אַ דונער האָט זיך דאָס ווילדע געלעכטער צעטראָגן איבער די בערג און אָפּגעהילכט אין האַרץ פֿון מכשף. אַלץ איז אין אים אינעווייניק אויפֿגעטרייסלט געוואָרן. עס האָט זיך אים געדאַכט, ווי עמעץ אַ שטאַרקער וואָלט אַרייַנגעקראָכן אין אים און אַרומגעגאַנגען אין אים, און געקלאַפּט מיט האַמערן אין האַרץ און איבער די אָדערן... אַזוי שרעקלעך האָט זיך אין אים אָפּגערופֿן דאָס דאָזיקע געלעכטער!

מיט אַ שרעקלעכער האַנט האָט דער רייטער אָנגעכאַפּט דעם מכשף און אויפֿגעהויבן אים אין דער לופֿט. אין איין רגע איז דער מכשף געשטאָרבן, און נאָכן טויט האָט ער געעפֿנט די אויגן; נאָר ער איז שוין געווען אַ מת און געקוקט ווי אַ מת. אַזוי שרעקלעך קוקט נישט — נישט קיין לעבעדיקער, נישט קיין תּחית-המתים-אויפֿגעשטאַנענער. מיט די טויטע אויגן האָט ער געדרייט אין אַלע זייטן און דערזען אויפֿשטייענדיקע מתים פֿון קיִעוו, פֿון גאַליציאַנישן לאַנד און פֿון די קאַרפּאַטן, ענלעכע צו אים ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

בלאַסע, בלאַסע, איינער העכער פֿונם אַנדערן, איינער ביינערדיקער פֿונם אַנדערן, האָבן זיי זיך אַרומגעשטעלט אַרום רייטער, וואָס האָט דעם שרעקלעכן רויב געהאַלטן אין זיין האַנט. נאָך איינ-

מאָל האָט זיך דער רייטער צעלאַכט און אים אַ שלײדער געטאָן אין אָפּגרונט אַריין.

און אַלע מתים האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן און אָפּגרונט אַריין, אונטערגעכאַפּט דעם מת און זיך איינגעגראָבן אין אים מיט זייע-רע ציין. אָבער נאָך איינער, העכער פון אַלע, שרעקלעכער פון אַלע, האָט זיך געוואָלט אויפהייבן פון אונטער דער ערד, נאָר נישט געקענט, ער איז נישט געווען בכוח דאָס צו טאָן — אַזוי גרויס איז ער אויסגעוואַקסן אין דער ערד; און וואָלט ער זיך אויפגעהויבן, וואָלט ער איבערגעדרייט די קאַרפּאַטן און דאָס זיבנבירגישע און דאָס טערקישע לאַנד. ער האָט זיך נאָר אַ ביסל אַ רוק געטאָן — און פון דעם איז דורכגעגאַנגען אַ ציטערניש איבער דער גאַנצער ערד, און אַ סך שטובן זענען אומעטום איבערגעדרייט געוואָרן און אַ סך מענטשן זענען פאַרשיט געוואָרן. —

אָפּטמאָל הערט זיך אין די קאַרפּאַטן אַ פּייפן, פּונקט ווי טוי-זנטער מילן וואָלטן גערוישט מיט די רעדער אין וואַסער: אין אַן אָנענדלעכן אָפּגרונט, וועלכן עס האָט נאָך נישט געזען קיין איין מענטש, וואָס שרעקט זיך פאַרביי צוגיין, בייסן מתים אַ מת.

נישט איינמאָל איז שוין פאָרגעקומען אויף דער גאַנצער וועלט, אַז די ערד פלעגט ציטערן פון איין עק ביזן אַנדערן: דאָס קומט פאָר דעריבער, זאָגן באַלערנטע מענטשן, וואָס ערגעץ לעבן ים געפינט זיך אַ באַרג, פון וועלכן ס'כאַפּט זיך אַרויס אַ פלאַם און עס פליסן ברענענדיקע טייכן. נאָר די אַלטע לייט, וואָס ווי-בען אין אונגאַרן און אין גאַליציאַנישן לאַנד, ווייסן דאָס בעסער און זאָגן, אַז דאָס וויל זיך אויפהייבן אַ גרויסער, גרויסער מת, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער ערד און ער מאַכט דאָס ציטערן די ערד.

XVI

אין דער שטאָט גלוכאָוו האָט זיך אָן עולם פאַרזאַמלט אַרום אַ זקן, א באַנדוריסט, און שוין אַ שעה צייט געהאָרכט, ווי דער בלינדער שפּילט אויף דער באַנדורע. אַזעלכע וואונדערלעכע לידער און אַזוי שיין האָט נאָך קיין שום באַנדוריסט נישט געזונגען. פריִער האָט ער אָנגעהויבן פון דער אַמאָליקער העטמאַנשטשינע פאַר סאַגאַידאַטשנעס און כמעלניצקיס צייטן. דאַמאָלס איז אָן אַנדערע צייט געווען: דאָס קאָזאַקנטום איז גערימט געווען, עס האָט געטרעטן די שונאים מיט די פערד און קיינער האָט נישט געוואַגט פון זיי צו לאַכן. דער אַלטער האָט אויך געזונגען פריילעכע לידער און אַרומגעקוקט מיט זיינע אויגן דעם עולם פונקט ווי אַ זעעוודיקער; און די פינגער זיינע מיט די ביינדעלעך, וואָס זענען צו זיי געווען צוגעטשעפּעט, זענען געפלויגן ווי די פליגן איבער די סטרונעס, און געדאַכט האָט זיך, ווי די סטרונעס וואָלטן אַליין געשפּילט; און דער עולם אַרום, אַלטע לייט, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און יונגע, מיט אויפגעהויבענע אויגן צום זקן, האָבן נישט געוואַגט אַפילו קיין מורמל צו טון איינער צום אַנדערן.

— שטייטס נאָר, — האָט דער אַלטער אַ זאָג געטון: — איך וועל אייך אויפזינגען וועגן איין פאַרצייטישער זאַך. — דער עולם

האָט זיך נאָך ענגער צוזאַמענגערוקט און דער בלינדער האָט אויפגעזונגען:

*

* *

„פאַר די צייטן פון פאַן סטעפאַן דעם פירשט פון זיבנבירגן (דער פירשט פון זיבנבירגן איז געווען אויך קעניג בא די ליאַכעס), האָבן געלעבט צוויי קאָזאַקן: איוואַן און פעטראָ, געלעבט האָבן זיי ווי צוויי ברודער. — געדענק, איוואַן, וואָס דו וועסט באַקומען, איז אַלץ בשותפות; האָט איינער אַ שמחה — איז אַ שמחה אויך פאַרן צווייטן; האָט איינער אַן אומגליק — איז עס אַן אומגליק פאַר ביידע; האָט איינער עפּעס רויב — בשותפות דער רויב; פאַלט איינער אַריין אין געפאַנגענשאַפט — זאָל דער אַנדערער אַלץ פאַרקויפן און געבן אויסלייז-געלט, און אויב נישט, אַליין גיין אין געפאַנגענשאַפט. און באמת טאַקע, אַלץ וואָס די קאָזאַקן פלעגן נאָר באַקומען, פלעגן זיי מיט אַלץ זיך טיילן אויף דער העלפט: צי זיי פלעגן אָפּיאָגן פרעמדע פי אָדער פערד, האָבן זיי אַלץ צעטיילט אויף דער העלפט.

*

* *

„האָט דער קעניג סטעפאַן מלחמה געהאַלטן מיטן טערק. שוין דריי וואָכן האַלט ער מלחמה מיטן טערק, און קען אים אַלץ נישט אַרויסטרייבן. און באַם טערק איז געווען אַ פּאַשאַ אַזעלכער, וואָס האָט אַליין מיט צען יאַנטשאַרן געקענט צעהאַקן אַ גאַנץ פאָלק. און אָט האָט קעניג סטעפאַן מודיע געווען, אַז אויב עס וועט זיך געפינען אַזאַ דרייסטער, וואָס וועט ברענגען צו אים דעם דאָזיקן פּאַשאַ אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן, וועט ער אים אַליין אַרויסגעבן אַזוי פיל געצאָלטס, וויפיל ער גיט אַרויס אויפן גאַנצן חיל. —לאָמיר גיין, ברודער, כאַפּן דעם פּאַשאַ! — האָט ברודער איוואַן

געזאָגט צו פּעטראָן. און די קאָזאַקן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איי-
נער אין איין זייט, דער אַנדערער אין דער אַנדערער זייט.

*

*   *

„צי פּעטראָ וואָלט אים יאָ געכאַפּט, צי נישט געכאַפּט —
נאָר איוואַן פירט שוין דעם פּאַשאַ מיט אַ שטריק אויפן האַלדז
צום סאַמע קעניג. — טיכטיקער העלד! — האָט דער קעניג סטע-
פּאַן געזאָגט און אים איינעם אַליין באַפוילן אַרויסצוגעבן אַזאַ גע-
צאָלטס, אַזוי ווי דאָס גאַנצע חיל באַקומט; און האָט אים באַפוילן
אָפּצוטיילן ערד אויף דעם אָרט, וווּ אים וועט נאָר געפעלן, און
אים געבן פי, וויפיל ער וועט נאָר אַליין פאַרלאַנגען. אַזוי ווי איוואַן
האָט נאָר באַקומען דאָס געצאָלטס פונם קעניג, האָט ער באַלד דעם
אייגענעם טאָג זיך צעטיילט מיט פּעטראָן גלייך אויף גלייך. פּעטראָ
האָט צוגענומען די העלפט פונם קעניגלעכן געצאָלטס, נאָר ער
האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס, וואָס איוואַן האָט דערלאַנגט
אַזאַ כבוד באַם קעניג, און טיף אין דער נשמה האָט ער פאַרבאָרגן
די נקמה.

*

*   *

„זענען געפאַרן ביידע רייטערס צו דעם לאַנד, וואָס דער
קעניג האָט געשענקט, הינטער די קאַרפּאַטן. האָט דער קאָזאַק איוואַן
אַנידערגעזעצט זיין זון מיט זיך אויפן פערד און אים צוגעבונדן צו
זיך. צוגעפאַלן איז שוין די דעמערונג — זיי פאָרן נאָך אַלץ. דאָס
יינגעלע איז אַנטשלאָפן געוואָרן; איוואַן אַליין האָט אויך אָנגעהויבן
צו דרעמלען. דרעמל נישט, קאָזאַק, אין די בערג זענען די וועגן
געפערלעך!... נאָר דער קאָזאַק האָט אַזאַ פערד, וואָס ווייסט אַ-
מעטום אַליין די וועגן: ס'וועט זיך נישט אויסגליטשן, ס'וועט נישט
געשטרויכלט ווערן. עס איז פאַראַן צווישן די בערג אַן אָפּגרונט,

פון דעם אָפּגרונט די דנאָ האָט נאָך קיינער נישט געזען; ווי ווייט ס׳איז פון הימל ביז צו דער ערד, אַזוי ווייט איז ביז דער דנאָ פונם דאָזיקן אָפּגרונט. נאָר איבערן סאַמע אָפּגרונט איז דאָ אַ וועג — צוויי מענטשן קענען נאָך דורכרייטן, דריי — בשום אופן נישט. האָט דאָס פערד מיטן דרעמלענדיקן קאָזאַק פאַרזיכטיק אָנגעהויבן צו גיין. לעבן אים איז געריטן פּעטראָ, אינגאַנצן געציטערט און איינגעהאַלטן דעם אָטעם פאַר פרייד. האָט ער זיך אומגעקוקט און אַ שטויס געטון זיין גוטן-ברודער אין אָפּגרונט אַריין; און דאָס פערד מיטן קאָזאַק און מיטן יינגעלע זענען אַריינגעפאַלן אין אָפּגרונט.

*

* *

„האָט זיך דער קאָזאַק פונדעסטוועגן אָנגעכאַפּט אָן אַ צווייג און נאָר דאָס פערד אַליין איז אַראָפּגעפלויגן צום גרונט. האָט ער אָנגעהויבן צו קריכן אַרויף מיטן זון אויף די פּלייצעס: ער איז שוין שיער נישט צוגעקראָכן, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און דערזען, אַז פּעטראָ האָט אָנגעשטעלט די פּיקע אים צוריק אַראָפּצושטויסן. — גאָט גערעכטער! ס׳וואָלט שוין גלייכער געווען נישט אויפצוהייבן די אויגן, איידער צו זען, ווי מיין לייבלעכער ברודער שטעלט אָן די פּיקע מיך צוריק אַראָפּצושטיפּן!... ליבער ברודער מיינער! שטעך מיך מיט דער פּיקע, אויב ס׳איז מיר שוין אַזוי באַשערט; נאָר דעם זון נעם צו, מיט וואָס איז דאָס אומשולדיקע קינד שולדיק, וואָס עס זאָל אומקומען מיט אַזאַ ביטערן טויט? — האָט זיך פּעטראָ צעלאַכט און אים אַ שטויס געטון מיט דער פּיקע און דער קאָזאַק מיטן קינד זענען אַראָפּ צום גרונט. האָט זיך פּעטראָ צוגענומען דאָס גאַנצע גוטס און אָנגעהויבן לעבן ווי אַ פּאַשאַ. אַזעלכע פערד-סטאַדעס ווי פּעטראָ האָט קיינער נישט

נעהאַט; אַזוי פיל שאָף און באַראַנעס איז אין ערגעץ נישט געווען, און געשטאָרבן איז פּעטראַ.

*

*   *

„ווי פּעטראַ איז געשטאָרבן, האָט גאָט גערופן צו משפּט די נשמות פון ביידע ברידער, פּעטראָס און איוואַנס. — איוואַן! איך וועל אַזוי גיך פאַר אים נישט אויסקלויבן קיין שטראָף, קלויב דו אַליין פאַר אים אויס אַ שטראָף! — לאַנג האָט איוואַן געקלערט, אויסטראַכטנדיק אַ שטראָף, און ענדלעך געזאָגט: — אַ גרויסע פאַרשעמונג האָט מיר דער דאָזיקער מענטש פאַרשאַפן: ער האָט פאַראַטן זיין ברודער ווי יודאַ און מיר אומגעברענגט מיין ערלעכן שטאַם און מיין ווייטערדיקן דור אויף דער ערד. און אַ מענטש אָן אַן ערלעכן שטאַם און אָן ווייטערדיקע דורות איז געגליכן צו אַ קערנדל תּבואה, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אין דער ערד, קיין שפּראָצונג איז נישטאָ — ס׳וועט קיינער נישט דערקענען אַפילו, אַז אַ קערנדל איז דאָ געוואָרפן געוואָרן.

*

*   *

„— מאַך־זשע, גאָט, אַזוי, אַז זיינע אַלע שפּעטערדיקע דורות זאָלן אויף דער ערד קיין גליק נישט האָבן; אַז דער לעצטער פון זיין שטאַם זאָל זיין אַזאַ רוצח, וואָס איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען, און אַז פון יעדער רציחה זיינער זאָלן זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס קיין רו נישט האָבן אין די קברים, און ליידנדיק אַזעלכע יסורים, וואָס זענען נאָך אויף דער וועלט נישט געהערט געוואָרן, זאָלן זיי זיך אויפהייבן פון די קברים אַרויס! און דער יודאַ—פּעטראַ זאָל קיין כּוח נישט האָבן זיך אויפצוהייבן, און זאָל דערפון ליידן נאָך ערגערע יסורים, און זאָל פרעסן די ערד ווי אַ וואַנזיניקער, און זאָל זיך קאָרטשען אונטער דער ערד!

*

* *

„— און אַז עס וועט קומען די צייט, און עס וועט פול ווערן די מאָס רציחות פון יענעם מענטש, הייב מיך אויף, גאָט, פון יענעם אָפּגרונט אַרויס אויפן פערד, אויפן העכסטן באַרג אַרויף, און זאָל ער קומען צו מיר, און אַראָפּוואַרפן וועל איך אים פון יענעם באַרג אַראָפּ אין דעם סאַמע טיפסטן אָפּגרונט אַריין, און אַלע מתים, זיינע זיידעס און עלטער-זיידעס, וווּ זיי זאָלן נישט האָבן געוווינט באַם לעבן, זאָלן זיך אַלע ציִען פון אַלע עקן וועלט צו בייסן אים פאַר יענע פיין, וואָס ער האָט זיי פאַרשאַפן, און אייביק זאָלן זיי אים בייסן, און געפרייט וואָלט איך מיך, קוקנדיק אויף זיינע פיין. און דער יודאַ-פּעטראָ זאָל זיך נישט קענען אויפהייבן פון אונטער דער ערד, ער זאָל זיך אויך רייסן צו בייסן, נאָר בייסן זאָל ער זיך אַליין, און די ביינער זיינע זאָלן וואַקסן וואָס ווייטער אַלץ גרעסער, כּדי דערפון זאָלן זיינע יסורים נאָך שטאַרקער ווערן. די דאָזיקע פיין וועט פאַר אים זיין די שרעקלעכסטע, ווייל פאַר אַ מענטש איז נישט פאַרהאַן קיין גרעסע־ע פיין, ווי ווען נקמה נעמען און נישט קענען קיין נקמה נעמען.

*

* *

„— שרעקלעך, מענטש, איז די שטראָף, וואָס דו האָסט אויסגעטראַכט! — האָט גאָט געזאָגט. — זאָל אַלץ זיין אַזוי, ווי דו האָסט געזאָגט, נאָר אויך דו זיץ דאָרט אייביק אויף דעם פערד דיינעם, און וועסט נישט אָנקומען אין ליכטיקן גן-עדן אַריין, ווי לאַנג דו וועסט זיצן דאָרט אויף דעם פערד דיינעם! — און דאָס אַלץ איז מקוים געוואָרן אַזוי, ווי עס איז געזאָגט געוועז. און עד היום שטייט אויף די קאַרפּאַטן אַ ווונדערלעכער רייטער אויף אַ פערד, און ער זעט, ווי אין אַן אָנענדלעכן אָפּגרונט בייסן מתים

אַ מת, און ער פילט, ווי דער מת, וואָס ליגט אונטער דער ערד וואַקסט, גריזשעט אין שרעקלעכע יסורים זיינע אייגענע ביינער און מאַכט שרעקלעך ציטערן די גאַנצע ערד...״

דער בלינדער האָט פאַרענדיקט זיין ליד; ער האָט שוין ווידער אָנגעהויבן באָמבלען מיט די פינגער איבער די סטרונעס; ער האָט שוין ווידער אָנגעהויבן זינגען פריילעכע מעשהלעך וועגן אַ כאָמאַ מיט אַ יערעמאַ, וועגן אַ גלעזער סטאָקאָזע... נאָר אַלט און יונג האָבן נאָך אַלץ נישט געקענט קומען צו זיך און לאַנג זענען זיי נאָך געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און פאַרטראַכט זיך איבער דער שרעקלעכער מעשה, וואָס איז פאַרצייטנס געשען.